STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07577

DI LEHRE FUN SOTSIALIZM

Abraham Simchah Sachs

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ארבייטער ביבליאָטעק — נומער I.

די לעהרע
פון
סאָציאַליזם

פון א. ש. זאַקס

ארויסגעגעבען פון דער
אידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציאָן פון אַמעריקא
ניו יאָרק, 1915.

277

פון די ארויסגעבער

די אידישע ארבייטער בעוועגונג אין דיזען לאַנד מאַכט גרויסען און שנעלען פאָרשריט. די פאָרמען אין וועלכע די בעוועגונג געפינט איהר אויסדרוק, ווערען וואָס ווייטער אַלץ מעהר פערוויקעלט. עס ענטשטעהען נייע פראַגען, נייע טאַקטישע פּראָבלעמען, וועלכע פאָדערען אַ באַלדיגען ענטפער מצד פון די פיהרער און אַ קלאָרע פערשטענדניס מצד פון די מאַסען. ליידער אָבער האָט די בעוועגונג, אין איהר ראַשען וואוקס, ניט אַרויסגעבראַכט די מיטלען און וועגען פון אַלזייטיגער אויפקלעהרונג און אויסבילדונג. און אויב מיר זיינען גליקליך גענוג צו האָבען אַ געוויסע צאָהל לייטענדע כחות, וואָס האָבען געקראָגען זייער סאָציאַליסטישע ערציהונג מעבר לים און אויסער דער אַרבייטער בעוועגונג, ווערט אָבער ווייטער אַלץ וויכטיגער און דרינגענדער די ענטוויקלונג פון אָרטיגע און נייע קרעפטען. אָט דאָ אָבער פיהלט זיך אונזער גרויסע אָרעמקייט. חוץ די וועניגע אויסערוועהלטע, פאַר וועמען עס איז צוגענגליך די נויטיגע ליטעראטור אין דער ענגלישער, רוסישער אָדער דייטשער שפּראַך, זיינען מיר אינגאַנצען אָנגעוויזען אויף די פעריאָדישע אויסגאַבען, צייטונגען און זשורנאַלען, פון וועלכע מיר זאָלען שעפּען די מעגליכקייט פון אויסבילדונג אַלס סאָציאַליסטען און ארבייטער. די פּאָר מאָגערע בראָשורען וואָס זיינען פאַראַן אין מאַרק קענען קוים פיעל געבען דעם אידישען אַרבייטער, וואָס זוכט אמת'ע בילדונג און ענטוויקלונג. עס מוז פאָלגליך געשאַפען ווערען די נויטיגע ליטעראטור צו דעקען אָט די דרינגענדע נויט. ווער אָבער קען עס טאָן? —

—די אידישע סאָציאַליסטישע פעדעראַציאָן פון אַמעריקא איז געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז דאָס איז איהר דירעקטע פליכט צו נעמען אין איהרע הענד דיזע אויפגאַבע, און זי האָט געמאַכט די ערשטע התחלה מיט דאָס ווערק פון א. ש. זאַקס „די לעהרע פון סאָציאַליזם“. ביי דיזער התחלה וועט עס ניט בלייבען

שטעהן. עס זיינען אָנגעמערקט א רייהע אויסגאַבען, פון דער זעלבער גרויס און פּרייז, וואָס זאָלען דעקען ווי וויט מעגליך יעדעס בעזונדער אַ בעשטימטען געביעט פון סאָציאַל־פּאָליטישען וויסען. מיר האָפען אימשטאַנד צו זיין אַרויסצוגעבען אָריגינעלע ווערק פון אידישע פערפאַסער. מיר ווען אָבער אויך זעהען אַרויסצוגעבען איבערזעצונגען פון די סאָציאַליסטישע קלאַסיקער פון אנדערע שפּראַכען, וואָס קענען מאַכען רייכער און נוצליכער אונזער „ארבייטער ביבליאָטעק" פון סאָציאַל־פּאָליטישע וויסענשאַפטען. עס בלייבט צו זעהען, ווי אזוי דער לעזער־עולם און די בעוועגונג וועלען אויפנעמען אונזער פערזוך צו שאַפען אַ פּאָפּולערע אָבער ערנסטע סאָציאַליסטישע ליטעראַטור פאַר די אידישע ארבייטער פון דיזען לאַנד. אָן דעם קבלת פּנים, וואָס מיר וועלען קריגען, וועט זיך נאַטירליך ווענדען די גיכקייט, מיט וועלכער מיר וועלען קענען דורכפיהרען די אונטערנומענע אַרבייט.

פערלאַג פון

דער אידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציאָן פון אַמעריקא.

אינהאַלט:

זייט

פאָרוואָרט 7

I

די מעטאָדע פון וויסענשאַפטליכען סאָציאַליזם.

א) וואָס איז אַזוינס דיאַלעקטיק? 9
ב) די דיאַלעקטיק פון העגעל 13
ג) די דיאַלעקטיק ביי מאַרקס'ן 18
ד) מאַרקס' ענטדעקונגען 22

II

די מאַטעריאַליסטישע וועלט־אנשויאונג.

א) אַלגעמיינע בעגריפען וועגען „גייסט" און „מאַטעריע" 26
ב) די אידעאַליסטישע און מאַטעריאַליסטישע שיטות אין דער פילאָזאָפיע 32
ג) דער מאַטעריאַליזם און זיינע בעווייזען 43
ד) די מאָניסטישע אנשויאונג אויף דער נאַטור 51

III

דער היסטאָרישער מאַטעריאַליזם.

א) די אנשויאונגען ביז מאַרקס'ן 56
ב) די אָביעקטיווע געזעצען פון דער היסטאָריע, ענטדעקט פון מאַרקס 68

IV

די היסטאָרישע נויטווענדיגקייט פון סאָציאַליזם.

א) דער קלאַסען־קאַמפף אין דער געזעלשאַפט 84
ב) דער זיעג פון פראָלעטאַריאַט 90

V

די ווערטה־טעאָריען.

א) די סוביעקטיווע אָדער נוצען־טעאָריען 102
ב) די עסטרייכשע שול 106

VI

די אָביעקטיווע אָדער ארבייטס־טעאָריען.

א) די טעאָריען פון אַדאַם סמיט און דוד ריקאַרדאָ 116
ב) מאַרקס' ווערטה־טעאָריען 122

VII

די לעהרע פון מעהר־ווערטה.

א) אַרבייט דער איינציגער קוואַל פון פראָפיט 128
ב) דער געגענזאַץ צווישען אַרבייט און קאַפּיטאַל 141

VIII

צו דער קריטיק פון וויסענשאַפטליכען סאָציאַליזם.

א) דער עיקר און תפל אין מאַרקס' לעהרע 144
ב) די אַמעריקאַנער ווירקליכקייט בעשטעטיגט דעם וויסענשאַפטליכען סאָציאַליזם 149

פאָרוואָרט

מיין אַלטע האָפנונג, אַרויסצוגעבען אַן אויספיהרליך ווערק איבער דעם וויסענשאַפטליכען סאָציאַליזם איז איצט מקוים געוואָרען. ווי ווייט איך האָב דאָ מיט מיין פאָרליגענד בוך ערפילט די אויפגאַבע — לאָז איך איבער פאַר אַנדערע צו אורטיילען. דאָ וויל איך נור זאָגען, אַז איך בין גאַנץ ווייט פון איינצורייידען זיך, אַז איך האָב אויסגעשעפּט די לעהרען פון מאַרקס און ענגעלס ביז'ן סוף. עס בלייבט נאָך געוויס איבער פּלאַץ פאַר אַנדערע מוסיף, און אפשר טאַקע אויך מחדש, צו זיין אין דעם ענין. איך האָף אָבער, אַז מיר האָט זיך איינגעגעבען אַרויסצוברייינגען די הויפּט־יסודות, אויף וועלכע דער מאָדערנער סאָציאַליזם איז געבויט.

איך וויל אויך בעמערקען, אַז די ערשטע העלפט פון מיין ווערק, איז ניט אַנדערש ווי אַ צווייטע, פערבעסערטע און פערגרעסערטע אויסגאַבע פון מיין „היסטאָרישען מאַטעריאַליזם“, וואָס איז ערשינען אין 1907 אין ווילנאַ, פערלאַג „די וועלט“. פאַר די לעצטע 7 יאָהר האָבען זיך ענטוויקעלט מאַנכע נייע געדאַנקען און פאַר דיזע געדאַנקען האָב איך געמאַכט פּלאַץ אין דער איצטיגער אויסגאַבע.

אויך פון דער צווייטער העלפט זיינען מאַנכע קאַפּיטלעך געווען פון מיר פערעפענטליכט אין פערשיעדענע אויסגאַבען און צייטשריפטען, אַלס זעלבסטשטענדיגע אָבהאַנדלונגען. איך האָב אָבער אָט דאָ איצט זיי צוגעגעבען אַן אַנדער פּנים און אין צוזאַמענהאַנג מיט אַלע אַנדערע פּונקטען פון דער סאָציאַליסטישער לעהרע ערשיינען זיי דאָס ערשטע מאָל פאַר'ן עולם.

די לעצטע קאַפּיטלעך האָב איך ספּעציעל געשריבען פאַר די „לעהרע פון סאָציאַליזם“ און זיינען נאָך אין קיין אָרט ניט געוועזן געדרוקט.

א. ש. זאַקס

ניו־יאָרק, נאָוועמבער, 1914.

I

די מעטאָדע פון וויסענשאַפטליכען סאָציאַליזם

א) וואָס איז אַזוינס דיאַלעקטיק?

יעדע ערשיינונג, סיי אין דער אויסערליכער נאַטור, סיי אין דער געזעלשאַפט, אַזוי אויך אין לעבען פון איינציגען מענשען, קען מען בעטראַכטען אויף צוויי אַרטען, אויף צוויי אופנים. מען קען, ערשטענס, בעטראַכטען אַ געוויסע ערשיינונג, אַ געוויסע זאַך אָדער אפילו אַ געוויסע מדה אין שטעהענדיגען צושטאַנד, ווי אַזוי זי זעהט אויס אין דער רגע, ווען מיר דענקען וועגען איהר, אין מאָמענט פון אונזער אונטערזוכונג, אָבגעזונדערט, פאַר זיך אַליין, אָבגעריסען פון דער אַרומיגער וועלט, אַזוי ווי אַן איינציגער רינג, וואָס האָט קיין שום שייכות ניט מיט די איבעריגע רינגען פון דער קייט, פון וועלכער ער האָט זיך אָבגעריסען. צווייטענס קען מען בעטראַכטען אַן ערשיינונג אין בעוועגונג, אין ענטוויקלונג, אין צוזאַמענהאַנג מיט די פריהערדיגע, שפּעטערדיגע און אַרומיגע ערשיינונגען און בעדינגונגען, צווישען וועלכע די ערשיינונג, וואָס אונז אינטערעסירט, קומט פאָר. איך שטעל זיך מיר פאָר די זאַך, ניט ווי זי זעהט אויס איצטער, נור אויך ווי זי האָט פריהער אויסגעזעהן און ווי זי וועט שפּעטער אויסזעהן; איך דענק וויעדער וועגען איהר ניט ווי זי איז א ל י י ן, נור ווי זי זעהט אויס צווישען אַנדערע זאַכען, מיט וועלכע זי איז פערבונדען.

די מיינונג, דעם אורטייל, וואָס איך טראָג אַרויס וועגען דער ערפאָרשטער ערשיינונג, איז זעהר פערשיעדען און איז ענג פערבונדען מיט די אופנים, אָדער, ווי מען רופט דאָס וויסענשאַפטליך, מיט די מעטאָדעס, ו ו י א ז ו י א י ך ד ע נ ק א ו ן ט ר א כ ט ו ו ע ג ע ן א י ה ר.

מיר נעהמען, צום ביישפּיעל, די ערשיינונג, וואָס מען רופט אַן מיט'ן נאָמען „מ ל ח מ ה". אין יעדער מלחמה ווערט פערגאָסען בלוט, קומען פאָר רציחות. יעדע מלחמה פעראורזאַכט זעהר פיעל עלענד, צרות, קראַנקהייטען און נאָך אַזוינע אַנשיקעניסען.

בעטראַכט איך די מלחמה אויפ'ן ערשטען אופן, לויט דער ערשטער מעטאָדע, ד. ה., איך נעהם ניט אין אַכט די בעדינגונגען און אומ־שטענדען, ביי וועלכע די מלחמה קומט פאַר, — וועל איך אַלע מאָל פעראורטיילען די מלחמה, זי פערדאַכטען; איך וועל אַלע מאָל געבען אונרעכט יענע מענשען, וועלכע זיינען שולדיג אין דער מלחמה; איך וועל זיי אַ ל ע מאָל האַלטען פאַר רוצחים, פאַר בלוט־פערגיסער, פאַר אכזרים און פערברעכער, ווייל יעדע מלחמה פ אַ ר ז י ך איז אַ רציחה, אַ פערברעכען.

בעטראַכט איך אָבער די מלחמה ניט ווי זי זעהט פ אַ ר ז י ך אויס, ניט אין פערגליווערטען און שטעהענדיגען צושטאַנד, נור איך אונטערזוך פריהער די בעדינגונגען, די אורזאַכען, וועל־כע האָבען ארויסגערופען די מלחמה, און די רעזולטאַטען, צו וואָס די מלחמה פיהרט, קען מעגליך זיין, אַז אין אַנדערע פאַלען וועל איך זי ניט פערדאַכטען, נור, פערקעהרט, איך וועל זי, די מלחמה, רעכנען פאַר אַ גרויסען גייסטיגען נצחון, פאַר אַ גרויסען מאָראַלי־שען ערפאָלג, און די, וועלכע זיינען שולדיג אין אַזאַ מלחמה, וועל איך האַלטען פאַר גרויסע זיטליכע העלדען, פאַר אידעאַליסטען, וואָס דאַרפען דיענען אַלס אַ מוסטער פאַר די איבריגע מענ־שען. די מלחמה אליין, פ אַ ר ז י ך ג ע נ ו מ ע ן, איז טאַקע זעהר אַ מיאוס'ע זאַך, פעראורזאַכט זעהר פיעל עלענד, ליי־דען, אָבער גענומען אין איהר ענטשטעהן און אין איהרע רעזול־טאַטען, ד. ה., ווען מיר בעטראַכטען זי אַלס אַ רינג פון אַ גאַנ־צער קייט ערשיינונגען, אַלס א י י ן שטריך פון אַ גאַנצען בילד פאַסירונגען, איז זי אָפטמאָל זעהר נוציג און וויכטיג. די יסורים און ליידען, וואָס די מלחמה ברייגנט מיט זיך, קען מען בערעכ־טיגען און פערטיידיגען אין אַזוינע פאַלען, ווען אָהן דער מלחמה וואָלט געווען נאָך ג ר ע ס ע ר ע צרות, נ אָ ך מ ע ה ר עלענד און ליידען, נאָך ערגערע רציחות. אַזעלכע זאָרטען מלחמות, בלוט־פערגיסונגען זעהען מיר זעהר אָפט אין דער געשיכטע, ווי צום ביישפיעל דער בירגער קריעג, וואָס איז געפיהרט געוואָרען פאַרי־גען יאָהרהונדערט צווישען נאָרד און זיד פון די פעראייניגטע שטאַאטען, פאַר דער בעפרייאונג פון די פערשקלאַפטע נעגערס; אָדער דאָס בלוט־פערגיסען, וואָס קומט פאַר אין דער צייט פון

רעוואָלוציע! צי דאַרף מען נאָך האָבען ראַיות, אז אזא מלחמה איז אַ גליק פאַר דער מענשהייט? !

נעהמען מיר ווידער דעם אידעאַל פון „פרייהייט". ביי קיינעם איז קיין ספק ניט, אז די „פרייהייט" איז דער גרעסטער ציעל, צו וועלכען די מענשהייט האָט פון אייביג אָן געשטרעבט, אַז קיין בעסערע צוקונפט קען זיך יעדער דענקענדער מענש ניט פאָרשטעלען, ווי די צייט, ווען אַלע וועלען זיין פריי, ניט אונטערדריקט. אָבער אויך דיזע „פערזענליכע פרייהייט" איז אַ גליק נור ביי געוויסע בעדינגונגען, ביי געוויסע תנאים. ניט אַלע מאָל אָבער איז פרייהייט אַ גליק. שטעלט אייך פאָר די פרייהייט צו טויטען, הרג'ענען, שלעכטס טהאָן א. ז. וו. קיין פערשטענדיגער מענש וועט ניט זיין צופרידען פון אַזא מין „פרייהייט". אַזא מין פרייהייט פיהרט צו דער „אונפרייהייט" פונ'ם שוואַכען געגען שטאַרקען. אויב די מענשען, ביי וועמען דער „פרייער" ווילען דריקט זיך אויס אין אַזעלכע זאַכען, וועלען ניט זיין איינגעהאַלטען דורך געוויסע געזעצען, וועט די גאַנצע געזעלשאַפט ווערען פערקנעכטעט ביי די דאָזיגע „פרייע". „פרייהייט" פאַר זיך אַליין איז געוויס אַ גרויסע און נוציגע זאַך; — אין פערשידענע פאַלען, ביי פערשידענע אומשטענדען איז דאָס אָן אונגליק, און דעריבער מוז מען די „פרייהייט" בעטראַכטען ניט בכלל, אַלס אַזוינע, נור די „פרייהייט" ביי יעדען פאַל בעזונדער. ווען איך שטעל די פראַגע, אויב „פרייהייט" איז גוט אָדער שלעכט, דאַרף איך דאָס ניט בעטראַכטען אַבסאָלוט, נור אין ערך מיט די בעדינגונגען און פאַלגען, וואָס דיזע פרייהייט קען האָבען.

אַלס אַ דריטען משל וועלען מיר נעהמען די מדה פון ליגען־זאָגען. זאָגען ליגען איז געוויס אַ מיאוס'ע, אַ שענדליכע זאַך. די יעניגע, וועלכע פאָרשען די ערשיינונגען לויט דער ערשטער מעטאָדע, וועלען אַלע מאָל האַסען די מענשען, וועלכע זאָגען אַ ליגען, ווייל אַ ליגען איז דער געגענזאַץ, דער היפוך פון אמת און אַ ניט אמת'ער מענש איז אַלע מאָל אַ פאַלשער מענש. די אָנהענגער פון דער צווייטער מעטאָדע וועלען אָבער ניט פעראורטיילען אַ מענשען, וואָס האָט געזאָגט אַ ליגען, איידער זיי ווייסען ניט די אורזאַכען און די אומשטענדען, ביי וועלכע דער ליגען איז געזאָגט געוואָ־

רען, ווייל אין צוזאַמענהאַנג מיט די שפּעטערדיגע און אַרומיגע ערשיינונגען קען זיין, אַז דער ליגען איז געווען אַ גרויסע גערעכטיגקייט, אַ טובה פאַר מענשען. אַ קראַנקער צום ביישפּיעל ווענדעט זיך צום דאָקטאָר נאָך אַן עצה. דער דאָקטאָר געפינט, אַז דער קראַנקער קען ניט אויסגעהיילט ווערען און וועט מוזען שטאַרבען. ווען דער דאָקטאָר זאָל דאָ זאָגען דעם ריינעם אמת, וועט ער דעם קראַנקען און זיינע נאָהענטע פּעראורזאַכען זעהר פיעל יסורים און שמערצען. וואָס זאָל דער דאָקטאָר אין אַזאַ פאַל טהאָן? צי מוז ער דאָ זאָגען דעם אמת, ווייל יעדער ליגען איז אונזיטליך? אָדער זאָגען אין דעם פאַל אַ ליגען, כדי ניט אַרויסצורופען דאָ אַזוי פיעל שמערצען און אומגליקען? די אָנהענגער פון דער ערשטער מעטאָדע וועלען געוויס זאָגען, אַז אויך אין דיזען פאַל מוז דער דאָקטאָר זאָגען דעם אמת, ווייל זיי בעטראַכטען ניט דעם אָרט, די צייט, די אַרומיגע בעדינגונגען און פאָלגען, וואָס דער ליגען קען אַרויסרופען. די אָנהענגער פון דער צווייטער מעטאָדע אָבער וועלען געוויס אין אַזאַ פאַל רעכנען פאַר אַ גרויסע אכזריות און מדה רעה, אויב דער דאָקטאָר זאָל דאָ זאָגען דעם אמת. אין ד ע ם פ אַ ל וועלען זיי פערלאַנגען אין נאָמען פון רחמנות און גערעכטיגקייט צו זאָגען אַ ליגען.

די ערשטע מעטאָדע פון דענקען און פאָרשען ווערט אָנגערופען — ד י מ ע ט אַ פ י ז י ש ע מ ע ט אָ ד ע, די צווייטע — ד י ד י אַ ל ע ק ט י ש ע מ ע ט אָ ד ע. אַ מעטאַפיזיקער בעטראַכט יעדע זאַך אַבסאָלוט פאַר זיך, ניט אין צוזאַמענהאַנג מיט די אַרומיגע ערשיינונגען. אַ מעטאַפיזיקער ווייס ניט פון זייטיגע בעדינגונגען, ער רעכענט זיך ניט מיט אויסערליכע אומשטענדען, ער טענה'ט: „אָדער — אָדער“, יעדע ערשיינונג קען זיין אָדער גוט אָדער שלעכט, יעדע מדה איז אָדער אַ גוטע מדה, אָדער אַ שלעכטע מדה.

בלוט־פערגיסען איז פאַר אַ מעטאַפיזיקער אַלע מאָל אַ רציחה, אַ ליגען טאָר מען לויט זיין מיינונג, קיינמאָל ניט זאָגען, און מיר טאָרען דאָ ניט אויסנעהמען פערשידענע תנאים. אַ דיאַלעקטיקער בעטראַכט יעדע זאַך און ערשיינונג אין ענטוויקלונגס־צושטאַנד, אין צוזאַמענהאַנג מיט די איבעריגע, מיט די אַרומיגע, פריהערדיגע און שפּעטערדיגע ערשיינונגען. אַ דיאַלעקטיקער בעטראַכט יעדע ערשיי־

גונג ניט אַלס אַן אַבגעזונדערטען, אַבגעריסענעם רינג, נור אַלס אַ טייל פון דער גאַנצער ענטוויקלונגס־קייט, אַלס אַ רעזולטאַט פון די פאָריגע בעדינגונגען און אַלס אַ סיבה פאַר שפּעטערדיגע בעדינ־גונגען, און דעריבער שאַצט אַ דיאַלעקטיקער יעדע ערשיינונג ניט פאַר זיך אַליין, אַבסאָלוט, נור אין בעצוג צו אַנדערע ערשיינונגען, וואָס עקזיסטירען אויסער איהר. פאַר אַ דיאַלעקטיק איז ניט יעדע ערשיינונג אַבסאָלוט גוט אָדער אַבסאָלוט שלעכט, אָדער שעהן אָדער מיאוס, פאַר איהם איז די זעלביגע זאַך טייל־מאָל גוט און טייל־מאָל שלעכט, דאָס ווענדעט זיך פון די אַרומיגע בעדינגונגען. בלוט־פערגיסען איז אַנדערם מאָל גוט, אַנדערם מאָל שלעכט; אַ ליגען זאָגען איז אַנדערם מאָל אַ מדה טובה, אַנדערם מאָל אַ מדה רעה. דעריבער קען יעדע זאַך, וואָס ענטוויקעלט און ענדערט זיך, זיין אי גוט אי שלעכט, אָבער ניט אָדער גוט אָדער שלעכט, ווי די מעטאַפיזיקער מיינען.

ב) די דיאַלעקטיק פון העגעל.

די מיינונג, אַז יעדע זאַך אָדער יעדע ערשיינונג מוז בעטראַכט און אונטערגעזוכט ווערען דיאַלעקטיש, האָט שוין געהאַט אַנהענגער ביי די אַלטע גריכישע פילאָזאָפען, אָבער קלאָהר און דייטליך איז זי צום ערשטען מאָל פאָרמולירט געוואָרען דורך דעם בעריהמטען דייט־שען פילאָזאָף ה ע ג ע ל.

ה ע ג ע ל האָט בעוויזען, אַז די וועלט בכלל, אַזוי די אַלע איינציגע ברואים, אָדער אונלעבעדיגע זאַכען, וועלכע זיינען אין איהר פאַראַן, איז ניט אַלע מאָל איינע און די זעלבע, איז ניט פער־גליווערט, אָהן אַ שום פערענדערונג, נאָר זי געפינט זיך אין אַ שטענדיגער אונאויפהערליכער ענטוויקלונג און בעוועגונג. אַלעס פליסט, אַלעס ענדערט זיך; יעדע בעשעפעניש ווערט געבאָרען, לעבט און שטאַרבט; יעדע זאַך ענטשטעהט, עקזיסטירט און פערגעהט. אין יעדער שפּעטערדיגער רגע געפינט זיך יעדע בע־שעפעניש, יעדע זאַך אָדער יעדע ערשיינונג אויף אַן אַנדער אָרט און אויף אַן אַנדער שטאַפּעל פון ענטוויקלונג, ווי מיט אַ רגע פריהער. און ממילא איז די זאַך גופא שוין אַן אַנדערע, ווי מיט אַ רגע פריהער. יעדע זאַך איז דאָך ניט מעהר, ווי דער סך־הכל

פון איהרע אייגענשאַפטען — דאָס אויסזעהען, די גרויס, די פאַרב, די בעשטאַנד־טייל'ען, די נוצליכקייט — פון אַלע סמנים וואָס זיינען אין איהר פאַראַן. ענדערען זיך די סמנים, — די אייגענשאַפ־טען — ענדערט זיך אויך די זאַך, זי ווערט אַנדערש, איידער זי איז געוואָרען פריהער.

יעדע זאַך איז, אויף דעם אופן, ד אָ און נ י ט אָ, ע ק־ז י ס ט י ר ט און ע ק ז י ס ט י ר ט נ י ט, ווייל זי האַלט אין אַ שטענדיגען ענדערען זיך; אָט א י ז זי דאָס, אָט איז זי נ י ט דאָס, נור עפּעס אַנדערש. אַ בוים, צום בייַ־שפּיעל, רופען מיר אָן אַ זאַך, וואָס וואַקסט, האָט אַ וואָרצעל, אַ שטענגעל, צווייגען, בלעטער א. ז. וו. דער וואָרצעל, שטענגעל, צווייגען און בלעטער שטעהען אָבער קיינמאָל ניט אויף איין שטאַנד: אָדער זיי וואַקסען, אָדער זיי וועלקען. איך קען דער־ריבער ניט זאָגען, אַז דער בוים זעהט אויס דוקא אַ ז ו י און ניט אַנדערש, ווייל אין דער אמת'ן ענדערט זיך דער בוים און זעהט אויס אַ ז ו י און אויך אַנדערש. יעדע קאַפּיע, וואָס איך זאָל ניט אַראָבנעהמען פון אַ בוים, וועט אַלע מאָל זיין ניט ריכ־טיג, ווייל די קאָפּיע שטעהט אונבעוועגליך און דער בוים האַלט אין איין ב ע ו ו ע ג ע ן זיך, אין איין ענדערען זיך. וויל איך האָבען אַן אמת־ריכטיגע קאָפּיע פון דער ערשיינונג, זאַך, בעשע־פעניש און אזוי ווייטער, מוז איך אין מיין ב ע ג ר י ף די זאַך פאָרשטעלען ניט אין שטעהענדען צושטאַנד, נור אין ענדערען זיך, אין איהר ענטשטעהן און פערגעהן, אין איהר איצטיגען אויס־זעהן און אויך אין אַן אַנדער אויסזעהן; איך מוז דענקען וועגען איהר אַזוי ו ו י ז י א י ז, און ו ו י ז י א י ז נ י ט, ווייל אָט איז זי י אָ און אָט איז זי נ י ט.

דאָס לעבען איז ניט בלויז ל ע ב ע ן, נור אויך נ י ט־ל ע ב ע ן. ווי מיר ווייסען, איז יעדער לעבעדיגער אָרגאַניזם צו־זאַמענגעזעצט פון אַן אונגעהייער גרויסער צאָהל קלייניגקע זעלבסט־שטענדיגע לעבענס — פון די צ ע ל ע ן. די דאָזיגע צעלען וועק־סלען זיך, ענדערען זיך שטענדיג. יעדע רגע שטאַרבען פיעלע אָב און פיעלע ווידער ווערען געבוירען. דער דאָזיגער פּראָצעס פון אַ שטענדיגען אונאויפהערליכען שטאַרבען און שטענדיגען געבוי־

רען־ווערען בילדעט דאָס לעבען פון יעדען אָרגאַניזם*). אויף אַזאַ אופן קומט אויס, אַז דער אָרגאַניזם שטעהט ניט קיין א י י ן רגע אפילו אויף א י י ן שטאַנד, האָט ניט א י י ן אויס־זעהן, איז נ י ט נ ו ר לעבען. יעדער אָרגאַניזם בעוועגט זיך שטענדיג, רוהט ניט, נעהמט אָן פערשידענע געשטאַלטען. אין אַ געוויסער צייט זיינען א ל ע צעלען פון אָרגאַניזם אַנדערע און ממילא אויך דער גאַנצער אָרגאַניזם אַן אַנדערער. עס איז דערי־בער אונמעגליך צו בעקומען אַ בילד, ווי אַזוי דער אָדער יענער אָרגאַניזם זעהט אויס אין דיזען מאָמענט, אין דיזער רגע, ווייל שוין אין דיזער רגע איז פאָרגעקומען אַ פערענדערונג, און אַ טייל לעבען איז געוואָרען טויט. קיין פאָרשטעלונג, וואָס איך בעקום פון אָר־גאַניזם, קען ממילא ניט זיין ריכטיג, אויב איך דענק נור פון לעבען ביים אָרגאַניזם. אין אמת'ן איז קיין אָרגאַניזם ניט אַזוי אָדער אַזוי, נ ו ר א ז ו י און נ י ט א ז ו י, ער איז דאָס און יענעס צוזאַמען, איז טויט און לעבעדיג אינאיינעם. אונזער פאָר־שטעלונג וועגען לעבען קען נור דעמאָלט זיין ריכטיג, ווען איך דענק בעת מעשה אויך וועגען טויט. יעדער „יש“ („פאַראַן“) איז ניט נור אַ „יש“ נור אויך אַן „אַין“ („ניטאָ“), אָדער, בעסער, יעדער יש איז נור דאַן אַ יש, ווען ער איז צוזאַמען מיט אַן אַין.

דאָס זעלבע, וואָס קומט פאָר מיט'ן אָרגאַניזם קומט פאָר ביי אַלע זאַכען, וואָס רוהען ניט, וואָס בעוועגען זיך שטענדיג. אַזוי ווי איך קען ניט ווייזען דעם בעשטימטען פּלאַץ אָדער אָרט, אויף וועלכען אַ צוג, וואָס האַלט אין געהן, געפינט זיך, אַזוי קען איך קיין מאָל ניט צושרייבען אַ געוויסע אייגענשאַפט — אַ מעלה אָדער אַ חסרון — אַ זאַך, וואָס איהרע אייגענשאַפטען האַלטען אין אַ שטענדיגער ענטוויקלונג, אין אַ שטענדיגען ענדערען זיך.

וויל איך אָבשאַצען דעם ווערטה פון אַ געוויסער ערשיינונג, מוז איך קודם כל זי בעטראַכטען ה י ס ט א ר י ש, אין בעווע־גונג, און וויסען, אויף וועלכען שטאַפּעל פון ענטוויקלונג זי געפינט זיך. אויב זי איז געוועזן גוט, נוצליך און צוגעפּאַסט צו איין צייט, איז קיין ראיה ניט, אַז זי איז אויך גוט אין אַ שפּעטערדיגער צייט,

*) צוליעב איינפאַכקייט וועגען נעהמען מיר דאָ ניט אין אָנבעטראַכט די פּראָצעסען, וועלכע קומען פאָר אין דער צעלע גופא.

אָדער, פערקעהרט, ווען איצטער איז די ערשיינונג איבעריג, אונ־נוציג אָדער שעדליך, איז קיין ראיה ניט, אַז זי איז געווען אַלע מאָל אַזוי. ווען איך בעטראַכט אַ געוויסע פאָרם, אַז אינסטיטו־ציאָן, אָדער געזעץ אין אונזער געזעלשאַפטליכען לעבען, מוז איך אַלע מאָל האָבען אין זינען די געזעלשאַפטליכע בעדינגונגען, דעם שטאַפעל פון ענטוויקלונג, אויף וועלכען די געזעלשאַפט געפינט זיך. ביי אַנדערע געזעלשאַפטליכע בעדינגונגען, ווען די געזעל־שאַפט האָט זיך אויפגעהויבען העכער אין ענטוויקלונג, הויבען אָן דיזע פריהערדיגע, נוציגע אינסטיטוציאָנען און געזעצען צו זיין איבעריג, טיילמאָל שעדליך און מוזען בעזייטיגט ווערען.

דאָס געזעץ אָדער די איינריכטונג איז ניט אַבסאָלוט גוט אָדער אַבסאָלוט שלעכט. עס איז גוט און שלעכט צוזאַמען. דאָס וועגדעט זיך פון די ארומיגע בעדינגונגען.

ה ע ג ע ל האָט ניט נור אויפמערקזאַם געמאַכט אויפ׳ן פאַקט פון בעוועגונג און ענטוויקלונג, וועלכע עקזיסטירט ביי אַלעס, וואָס אונז רינגעלט אַרום, נור אויך אויף דעם סדר, ו ו י א ז ו י די ענטוויקלונג קומט פאָר. ה ע ג ע ל האָט געוויזען די פער־שידענע פאָרמען, די צושטאַנדען, וועלכע יעדע ערשיינונג נעהמט אָן אין פערשידענע שטופען, און ווי אַזוי דיזע פערשידענע פאָר־מען, דיזע ענטוויקלונגס שטופען, פערהאַלטען זיך איינע צו דער אַנדערער.

און אין אמת׳ן, וויבאַלד אַז מיר ווייסען שוין, דאָס יעדע איי־גענשאַפט, יעדע מעלה אָדער חסרון, איז ניט אייביג, אַבסאָלוט, נאָר זי עקזיסטירט ביי אַ געוויסען תנאי, ביי אַזוינע אָדער אַנדע־רע בעדינגונגען, אַז אַ מעלה איז אין פערלויף פון איהר ענטוויק־לונג ניט אַלע מאָל אַ מעלה, נור ביי געוויסע אומשטענדען אויך אַ חסרון, און, פערקעהרט, אַ חסרון איז צייטענווייז אויך אַ מעלה, — טאָ איז דאָך דערפון געדרונגען, אַז יעדע זאַך, וואָס געפינט זיך אין בעוועגונג (און בעוועגען בעוועגט זיך דאָך א ל ע ס און ש ט ע נ ד י ג), מוז אָננעהמען פערשידענע פאָרמען, וועלכע שטעהען אין ווידערשפרוך איינע מיט דער צווייטער; דען יעדע זאַך, ווי מיר ווייסען שוין, איז דאָך ניט אַנדערש, ווי דער סך־הכל פון איהרע מעלות און חסרונות און וויבאַלד, אַז די מעלות און חסרונות פערוואַנדלען זיך אין זייער געגענזאַץ, אַ מעלה ווערט

א חסרון, און אַ חסרון ווערט אַ מעלה, נעהמט דאָך שוין ממילא
די זאַך גופא אויך אָן אין פערשידענע ענטוויקלונגס־צייטען פער־
שידענע פאָרמען, וועלכע שטעהען צווישען זיך אין ווידערשפּרוך.
דערפון קומט ה ע ג ע ל צו זיין כלל, אַז די ג אַ נ צ ע נ אַ־
ט ו ר א ו ן ג ע ז ע ל ש אַ פ ט א י ז נ י ט אַ נ ד ע ר ש,
ו ו י אַ ר י י ה ע פ ו ן ו ו י ד ע ר ש פּ ר ו כ ע ן, פ ו ן
ס ת י ר ו ת, פון „ י אָ“ און „ נ י י ן“. איין צושטאַנד
פון ענטוויקלונג איז דער היפוך און שטעהט אין אַ ווידערשפּרוך
צום פריהערדיגען צושטאַנד. דער ווייטערדיגער צושטאַנד ווידער
וועט זיין דער היפוך פון איצטיגען א. ז. וו. דער תוך, דער קערן
פון דער וועלט איז ניט ד ו ק א ד אָ ס, אָדער ד ו ק א יע־
נעס. דער תוך איז ניט ד אָ ס און ניט י ע נ ע ס, אָדער,
בעסער, ד אָ ס און י ע נ ע ס צוזאַמען; דאָס איז עפּעס
אַ מין פשרה־מאַכען, אַן אויסגלייכעניש פון די ביידע היפכים.
־אָס פשרה־מאַכען, דאָס צוזאַמענגיסען זיך פון די צוויי ווידער־
שפּרוכען איז דער ציעל און דער תכלית פון דער בריאה. אויף
־יזער שטופּע בעקומט די ענטוויקלונג איהר ריכטיגסטע, פערפאָל־
קאָמליכסטע געשטאַלט. פּאַקטיש זעהען מיר טאַקע, אַז דער טויט
איז דער היפוך פון לעבען און קומט אַרויס דוקא פון לעבען. ווען
־אָס לעבען ערדייכט דעם גרעסטען פונקט פון ענטוויקלונג, פאַנגט
עס אָן צו געהן צוריק, שטאַרבט ביסלעכווייז אָב און פערוואַנדעלט
זיך סוף כל סוף אין זיין געגענזאַץ, אין טויט. די שטערבליכקייט
שטעהט אין געגענזאַץ צו דער געבוירענשאַפט. איין געשלעכט
איז דער היפוך פון צווייטען געשלעכט. ווען צוויי ענטגעגענגע־
זעצטע געשלעכטער גיסען זיך צוזאַמען, פעראייניגען זיך, קומט
אַרויס אַ קינד, וואָס איז אַביסעל עהנליך צום פאָטער און אַביסעל
צו דער מוטער. די קינדער זיינען די דריטע פערפאָלקאָמליכסטע
שטופּע פון ענטוויקלונג, דער תכלית פון פאָטער און מוטער, וועלכע
שטעהען צווישען זיך אין אַ ווידערשפּרוך.

אויך אידעען, מיינונגען, בעגריפען ענטוויקלען זיך ד י אַ־
ל ע ק ט י ש, זיינען צוזאַמענגעשטעלט פון היפכים, פון סתירות.
די מיינונגען, בעגריפען פון איין דור, זיינען אין ווידערשפּרוך צו
די מיינונגען און בעגריפען פון צווייטען דור. יעדע אידעע, אָדער
איבערציינונג איז נאָר דעמאָלט לאָגיש און ריכטיג, ווען זי ענט־

וויקעלט זיך דיאַלעקטיש. דער גייסט פון דער וועלט, די וועלט־אידעע, אָדער, ווי הע געל רופט דאָס אָן, „די אבסאָלוטע אידעע" איז צוזאַמענגעזעצט דיאַלעקטיש, פון היפּכים, און ממילא מוז יעדער איינציגער אָרגאַניזם, יעדע איינציגע ערשיינונג, וואָס שפּיגעלט אין זיך אָב, די וועלט־אידעע, אויך זיך ענטוויקלען דיאַלעקטיש, דורך ווידערשפּרוכען. יעדע איינציגע זאַך איז לויט העגעל א פערקערפּערונג פון דער וועלט־אידעע.

ג) די דיאַלעקטיק ביי מאַרקס'ן.

העגעל'ס דיאַלעקטישע מעטאָדע פון דענקען, אָדער בעסער, די דיאַלעקטיק בכלל, וואָס קען גערעכענט ווערען פאַר איינע פון די טיערסטע קאָסטבאַרקייטען, וועלכע געפינען זיך אינ'ם אוצר פון דער פילאָזאָפיע און וויסענשאַפט, האָט געדיענט ביי קאַרל מאַרקס פאַר א שליסעל צו עפענען און צו אונטערזוכען פיעלע ערשיינונגען אין געזעלשאַפטליכען לעבען. אָהן דער דיאַלעקטישער מעטאָדע וואָלטען אָט די ערשיינונגען געבליבען פערשלאָסען און אונבעקאַנט. די דיאַלעקטיק האָט געדיענט מאַרקס'ן פאַר א צייכען, פאַר א „לייכטענדען זייל" צו געפינען דעם ריכטיגען וועג פונ'ם ריינעם וויסענשאַפטליכען פאָרשען און דענקען בנוגע צו די ערשיינונגען, וואָס קומען פאָר אין געזעלשאַפטליכען לעבען. און טאַקע דורך די דיאַלעקטיק איז געראָטען דעם גאונ'ישען מאַרקס'ן צו ענטדעקען די געזעצען פון געזעלשאַפטליכען לעבען, אויף וועלכע עס איז בעגרינדעט דער וויסענשאַפטליכער סאָציאַליזם. דער וויסענשאַפטליכער סאָציאַליזם שטיצט זיך ניט נור אויף די דיאַלעקטיק פון העגעל, ווי מאַנכע קריטיקער מיינען. די דיאַלעקטיק האָט אָבער געדיענט פאַר א גוטען מיטעל, ווי צוצוקומען צום וויסענשאַפטליכען סאָציאַליזם, און אין דעם איז איהר גרויסע פערדיענסט פאַר אונז.

קודם כל מוזען מיר אָבער בעמערקען, אַז ניט קוקענדיג, וואָס די דיאַלעקטיק האָט מאַרקס בעקומען בירושה פון העגעל, האָט זי, די דיאַלעקטיק, ביי מאַרקס'ן אָנגענומען אַן אַנדער צורה, אַן אַנדער אויסזעהן, ווי ביי העגעל'ן. העגעל האָט בעהויפּטעט, אַז די אורזאַכע, וואָס אַלעס אין

דער נאטור און אין דער געזעלשאפט ענטוויקעלט זיך דיאלעקטיש, איז ווייל דער גייסט, די וועלט־אידעע איז דיאלעקטיש. די אויסערליכע וועלט איז, לויט העגעל, ניט אנדערש ווי אן אבקלאנג, אן אבשפיגלונג פון דער אידעע. די אידעע איז ביי העגעל'ן די סבה, די אורזאכע, און די אויסערליכע וועלט — די נאטור און די געזעלשאפט — א פועל יוצא, א רעזולטאט פון דער אידעע, פון דעם גייסט. מארקס אבער, וועלכער איז געוועזן אן אפיקורס און האט לחלוטין ניט געהאלטען פון פערבארגענע גייסטער האט איבערגעדרעהט אינגאנצען די דיאלעקטיק. מארקס האט בעהויפטעט, אז די אורזאכע פון דער דיאלעקטיק איז, ווייל די אויסערליכע, מאטעריעלע וועלט ענטוויקעלט זיך דיאלעקטיש. מיר דענקען דיאלעקטיש, ווייל די פאקטען, וועגען וועלכע מיר דענקען, ענטוויקלען זיך דיאלעקטיש. אונזערע מיינונגען, געדאנקען און איבערצייגונגען זיינען מעהר ניט, ווי אן אבקלאנג, אן אבשפיגלונג פון דער אויסערליכער וועלט. די רעגירערין אין לעבען איז ניט די אידעע, ווי העגעל זאגט, נור די גשמיות'דיגע נאטור. אלע אונזערע געדאנקען זיינען א פועל־יוצא, א רעזולטאט פון דער ארומיגער נאטור. דיזע אנשויאונג איז פונקט דער היפוך פון העגעל'ס אנשויאונג. וואס ביי העגעל'ן איז געוועזן די סבה, די אורזאכע (דער גייסט, די אידעע), איז ביי מארקס'ן דער רעזולטאט; און וואס ביי העגעל איז געוועזן דער רעזולטאט (די אויסערליכע וועלט), איז ביי מארקס'ן די סבה, די הויפט־אורזאכע פון אלע ערשיינונגען. ביי העגעל'ן איז דעריבער „די דיאלעקטיק געשטאנען מיט דעם קאפ אראב", ווי מארקס דריקט זיך אויס. מארקס האט זי איבערגעקעהרט און געשטעלט נארמאל, מיט דעם קאפ ארויף.

די סאציאליסטען־אוטאפיסטען, וועלכע האבען געלעבט ביז מארקס'ן, האבען שטענדיג זיך גע'פלפול'ט און גע'חקירה'ט איבער דער אדער יענער געזעלשאפטליכער ארדנונג, אויב די אדער אנדערע געזעצען זיינען צוגעפאסט צו דער מענשליכער נאטור. ווען די סאציאליסטען האבען געוואלט איבערצייגען, אז פריוואט־אייגענטום טויג ניט און מוז פערביטען ווערען אויף קהל'שע איי־

גענטום, האָבען זיי עס געטהאָן אויפ'ן סמך פון די אייגענשאַפטען, וועלכע ליגען אין מענשענס כאַראַקטער. זייער גאַנצער בעוויי געגען דער איצטיגער אָרדנונג איז, ווייל דער מענש איז בטבע א געגנער פון פריוואַט־אייגענטום; א ראיה דערצו איז, דאָס דער נאַטור־מענש, ד. ה. יענע שבטים, וועלכע האָבען ניט גענאָסען פון דער ציוויליזאַציע און קולטור, האָבען פון „מיינס" און „דיינס" קיין בעגריף ניט און ממילא, — האָבען די אוטאָפּיסטען גע־טענה'ט, — אויב מיר ווילען בעשאַפען א פּרייעס לעבען לויט עס פאָדערען די נאַטירליכע אייגענשאַפטען אונזערע, מוזען מיר איינ־פיהרען קהל'שע אייגענטום אנשטאָט פּריוואַט־אייגענטום. זיי האָבען געשטעלט די פראַגע: צי איז אייגענטום אינגאַנצען גוט, צי אינגאַנצען שלעכט? צי איז אייגענטום אבסאָלוט נוצליך אָדער אבסאָלוט שעדליך? וועגען דער צייט און אָרט און די איבעריגע בעדינגונגען האָבען זיי זיך וועניג געקימערט. זיי האָבען געמיינט, אַז אין יעדער צייט און אומעטום קען איינגעפיהרט ווערען די סאָציאַליסטישע אָרד־נונג, אויב נאָר די מענשען וועלען קומען צום שכל און פער־שטעהן, וואָס פאַר זיי איז גוט.

מאַרקס אָבער, וועלכער האָט געוואוסט, אַז אַלעס ענטווי־קעלט און ענדערט זיך, און אַז אפילו דעם מענשענס נאַטור אַליין איז אויך אונטערגעוואָרפען אונטער'ן געזעץ פון ענטוויקלונג און בעוועגונג, האָט די פראַגע גאַנץ אַנדערש געשטעלט. מאַרקס האָט ניט געפרעגט: צי איז פּריוואַט־אייגענטום שלעכט אָדער גוט? נור: ווען איז פּריוואַט־אייגענטום גוט און ווען שלעכט? מאַרקס האָט געפאָרשט און אַנאַליזירט די אינסטיטוציאָן פון פּרי־וואַט־אייגענטום אין איהר ענדערען־זיך, אין איהר היסטאָרישען, בעוועגליכען צושטאַנד, אָדער, בעסער, מאַרקס האָט דאָ אָנגעווענ־דעט די דיאַלעקטישע מעטאָדע און דעריבער האָט ער געמוזט קומען צו גאַנץ אַנדערע איבערצייגונגען, ווי די אוטאָפּיסטען. די אוטאָפּיסטען האָבען אייגענטום פּעראַכטעט אין אַלע צייטען און אין אַלע ערטער. זיי זיינען געווען איבערצייגט אַז דאָס געזעץ פון פּריוואַט־אייגענטום האָט קיינמאָל אויסער שלעכטס מיט זיך ניט געבראַכט, אַז עס איז אַלע מאָל געווען אַן אומגליק פאַר דער מענשהייט, און דעריבער מוז מען דעם געזעץ עוקר מן השרש

זיין אומעטום און אַלע מאָל. מאַרקס האָט אָבער געוויזען, אַז אין אַנדערע צייטען איז פּריוואַט־אייגענטום געווען נויטוועגדיג און נוציג, אין אַנדערע צייטען ווידער פּאַנגט זי אָן צו ווערען איבעריג און שעדליך. דאָס ווענדעט זיך פון דער ענטוויקלונגס־שטופע, אויף וועלכער די געזעלשאַפט געפינט זיך. ־ער סאָציאַליזם קען ניט איינגעפיהרט ווערען סתם אין דער וועלט אריין, ווען מען וויל. די סאָציאַליסטישע אָרדנונג קען פערבייטען די אָרדנונג, וואָס איז געגרינדעט אויף פּריוואַט־אייגענטום, נור אין אַ געוויסער צייט, ביי געוויסע אַרומיגע בעדינגונגען, ווען די געזעלשאַפט וועט דערגרייכען אַ געוויסען שטאַפּעל פון ענטוויקלונג.

מאַרקס׳ שטעלונג צום שטאַאט איז דעריבער אויך געווען אַ גאַנץ אַנדערע, ווי די שטעלונג פון פיעל אַנדערע רעוואָלוציאָנערען, ווי פון די אַנאַרכיסטען למשל.

די אַנאַרכיסטען, ווי מיר ווייסען, זיינען אַלע מאָל געגען דעם שטאַאט. זיי בעטראַכטען דעם שטאַאט אַלס עטוואָס פערגליווערטעס, אונפערענדערליכעס. דער שטאַאט — מיינען די אַנאַרכיסטען — האָט אַלע מאָל געדיענט די אינטערעסען פון די שטאַרקע און מעכטיגע, און ממילא וועט ער אויך להבא זיין אַ געצייג אין די הענד פון די שטאַרקע געגען די שוואַכע. די אַנאַרכיסטען ווענדען דאָ אָן די מעטאַפיזישע מעטאָדע פון דענקען. דער שטאַאט האָט ניט געטויגט, טויג ניט און וועט ניט טויגען.

די מאָדערנע סאָציאַליסטען, אַלס דיאַלעקטיקער, פערהאַלטען זיך צום שטאַאט שוין אַנדערש. זיי זיינען מסכים מיט די אַנאַרכיסטען, אַז ביז איצט און אויך איצט ווערט דער שטאַאט אויסגענוצט אין די אינטערעסען פון די הערשענדע קלאַסען, אָבער דאָס איז נור דערפאַר ווייל די היינטיגע געזעלשאַפט איז צוטיילט און צושפּאָלטען אויף קלאַסען. דערפון איז אָבער קיין ראיה ניט, אַז אין דער צוקונפט, ווען עס וועלען קיין קלאַסען איבערהויפּט ניט זיין, וועט דער שטאַאט אויך זיין אַן אונטערדריקונגס־מיטעל. די סאָציאַליסטען בעקעמפּפען דעריבער נור דעם קלאַסען־שטאַאט, דעם שטאַאט, וואו די רעגירונג פערטרעט נור די אינטערעסען פון די שטאַרקע קלאַסען, זיי זיינען אָבער ניט נעגען שטאַאט בכלל,

ווייל זיי זיינען איבערצייגט, אַז אין דער צוקונפט וועט דער שטאַאט דיענען אַלעמען גלייך און וועט ברייננען זעהר פיעל גליק דער מענשהייט. באַקונין, טאָלסטאָי, קראָפּאָטקין און אַלע אַנדערע געגנער פון שטאַאט, זיינען אין דעם פּרט מעטאַפיזיקער, בעת די מאַרקסיסטיש דענקענדע סאָציאַליסטען זיינען דאָ דיאַלעקטיקער.

די מעטאַפיזישע מעטאָדע פון דענקען ערקלעהרט אונז אויך פאַר וואָס טאָלסטאָי איז געגען יעדער רעוואָלוציאָנערער אַרויסטרעטונג. אַלס מעטאַפיזיקער בעטראַכט ער פאַר אַ פערברעכען יעדע געוואַלדטאַט, מעג זי אפילו האָבען שפּעטער זעהר גוטע פאָלגען. אָט פאַר וואָס ער איז אַרויסגעטראָטען געגען די אַקטען פון סאַזאָנאָוו און אַנדערע סאָציאַליסטען רעוואָלוציאָנערען.

ד) מאַרקס' ענטדעקונגען.

מיר ווייסען שוין, אַז די געזעצען, אינסטיטוציאָנען און דער גאַנצער שטאַאט, ענטוויקלען זיך. די פראַגע איז אָבער, דורך וועלכע אורזאַכען קומט פאַר די ענטוויקלונג? ווען ווערט איין געזעלשאַפטליכע אָרדנונג פערביטען אויף אַן אַנדערע? וועלכע אָרדנונג וועט ירשה'נען אונזער אָרדנונג? אמת טאַקע, די געזעלשאַפט ענטוויקעלט זיך, און אויך אונזער געזעלשאַפט מוז אָננעהמען אַן אַנדער פאָרם ווי איצט, אָבער וועלכע פאָרם? ווען? וואָס קען מיר דיענען פאַר אַ מאָס אָדער פאַר אַ בעווייז, אַז די ערשיינונג אָדער געזעץ איז נויטיג און יענע שעדליך און איבריג? ווען איז פּריוואַט־אייגענטום נויטווענדיג און ווען שעדליך? דאָס, וואָס מיר ווייסען, אַז די געזעלשאַפט ענטוויקעלט זיך און ענדערט זיך, איז נאָך וועניג צו ווייסען אויף זיכער די אָרדנונג, וואָס דאַרף און מוז קומען. אום בעשטימט פּאָראויס צו זאָגען וועגען דער צוקונפט, מוז מען ניט בלויז ווייסען ווי אַזוי, נור אויך צוליעב וואָס עסדרעהט זיך די גאַנצע געזעלשאַפטליכע מאַשין.

אויף אָט די אַלע פראַגען האָט העגעל'ס דיאַלעקטישע מעטאָדע פון דענקען און פאָרשען קיין ענטפער ניט געגעבען. דורך דיאַלעקטיק ווייסען מיר טאַקע, אַז די איצטיגע אָרדנונג מוז פערביטען ווערען אין איהר געגענ־

זאַץ. ווי וועט אָבער דיזער געגענזאַץ אויסזעהן? און ווען וועט דאָס זיין? שטעלט אייך פאָר, מיר ווייסען טאַקע, אַז ווען איך פערזעע אַ קערענדעל אין דער ערד, וואַקסט ארויס אַ פלאַנצע, און אַז וואַסער ביים קאָכען ווערט וועניגער; עסבלייבט דאָך אָבער אַלץ די פראַגע: פאַר וואָס איז דאָס אַזוי? וואָס פאַר געזעצען רופען ארויס דאָס וואַקסען? דורך וועלכע אורזאַכען ווערט דאָס וואַסער וועניגער ביים קאָכען? די פיזיקער און באָטאַניקער, ווי בעקאַנט, בעווייזען טאַקע, אַז דיזע ערשיינונגען גרינדען זיך אויף געוויסע געזעצען פון דער נאַטור. זעלבסטפערשטענדליך, אַז ס'מוזען אויך זיין געוויסע געזעלשאַפטליכע געזעצען, אויף וועלכע עס רוהען די געזעלשאַפטליכע ערשיינונגען. וועלכע געזעצען זיינען דאָס?

אָט די געזעצען פון דער געזעלשאַפטליכער ענטוויקלונג, דורך וועלכע עס בייטען זיך די פאָרמען, די אינסטיטוציאָנען אין אונזער געזעלשאַפט, האָט צום ערשטען מאָל ענטדעקט קאַרל מאַרקס, און אויפ'ן סמך פון די דאָזיגע געזעצען האָט מאַרקס בעוויזען, אַז די אָרדנונג, וועלכע וועט יערש'נען אונזערע, מוז זיין אַ סאָציאַליסטישע. אויסער דעם האָט ער געוויזען, ביי וועלכע בעדינגונגען קען און וועט דער סאָציאַליזם איינגעפיהרט ווערען. דעמאָלט ערשט, ווען עס זיינען געוואָרען קלאָר די געזעצען פון דער געזעלשאַפטליכער ענטוויקלונג, איז דער סאָציאַליזם געוואָרען וויסענשאַפטליך בעגרינדעט.

די געזעצען, וועלכע מאַרקס האָט ענטדעקט, האָבען ניט צו טהאָן מיט העגעל'ס דיאַלעקטיק. מען קען זיין אַ דיאַלעקטיקער און ניט וויסען אָדער ניט האַלטען פון דיזע געזעצען. ווען ניט די דיאַלעקטיק וואָלטען אונז די געזעצען אָבער געבליבען גאַנץ אונבעקאַנט. אום צו פערשטעהן אַ זאַך, מוז איך פריהער גוט זעהן און בעטראַכטען זי. געוועהנליך, איך קען זעהן און ניט פערשטעהן, אָבער פערשטעהן, ניט זעהענדיג, איז אונמעגליך. די דיאַלעקטישע מעטאָדע האָט מאַרקס'ן געלערנט, ווי צו זעהן און בעטראַכטען יעדע גע־

זעלשאַפטליכע ערשיינונג. ווי אָבער צו פ ע ר ש ט ע ה ן די אָדער יענע גוט געזעהענע געזעלשאַפטליכע ערשיינונג — האָט קיינער אויסער מ אַ ר ק ס ׳ ן ניט געוויזען.

דורך דעם דיאַלעקטישען דענקען ווייסען מיר, צום ביישפּיעל, אַז וואַסער איז ניט אַלע מאָל בלויז פליסיג, נאָר אַנדערע מאָל האַרט (אייז) און אַנדערע מאָל פליהענדיג (דאַמפּף). די פראַגע איז דאָך אָבער, ו ו י ק ו מ ט ע ס, אַז וואַסער איז אַנדערע מאָל האַרט און אַנדערע מאָל פליסיג? — דיזע אורזאַכען זיינען געוואָרען בעקאַנט, ווען עס זיינען ענטדעקט געוואָרען פערשידענע פיזישע געזעצען פון וואַרעמקייט א. ז. וו.

פונקט דאָסזעלבע איז מיט די געזעלשאַפטליכע ערשיינונגען, וועלכע וואָלטען אונז געווען אינגאַנצען אונבעקאַנט, ווען מען וואָלט ניט געוואוסט די געזעצען, דורך וועלכע די געזעלשאַפט בעוועגט זיך, און דיזע געזעצען האָט ענטדעקט מ אַ ר ק ס. אָהן מאַרקס׳ס לעהרע וואָלט אונז די ענטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט געבליבען אונפערשטענדליך, אַזוי ווי עס וואָלט אונז געבליבען אונפערשטענדליך פאַר וואָס אַ פלאַנצע וואַקסט, פאַר וואָס וואַסער קען אַמאָל ווערען אייז, ווען מען וואָלט ניט געוואוסט די געזעצען פון וואַרעמקייט און ליכט.

איצט וועט שוין דעם לעזער ווערען קלאָהר, פאַר וואָס מיר האָבען אַזוי אונטערגעשטראָכען, אַז די דיאַלעקטיק האָט נאָר געדיענט מאַרקס׳ן פאַר אַ צייכען, ווי אַרויפצוקומען אויפ׳ן וועג פון וויסענשאַפטליכען סאָציאַליזם. דאָס האָבען מיר געטהאָן מיט אַ כיון. מ אַ ר ק ס איז געוואָרען אַ וויסענשאַפטליכער סאָציאַליסט ניט דורך דער דיאַלעקטישער מעטאָדע, ווי מאַנכע קריטיקער מיינען, נאָר דורך די געזעצען פון געזעלשאַפטליכער ענטוויקלונג, וועלכע ער האָט ענטדעקט.

אין וואָס בעשטעהט די גרויסע ענטדעקונגען, וואָס מ אַ ר ק ס האָט געמאַכט און דורך וועלכע דער סאָציאַליזם איז געוואָרען וויסענשאַפטליך בעגרינדעט? דאָס איז דער ה י ס ט אָ ר י־ שער מ אַ ט ע ר י אַ ל י ז ם, און די מ ע ה ר ו ו ע ר ט ה ט ע אָ ר י ע, וועגען וועלכע מיר ריידען ווייטער.

„...אַ דאַנק דיזע צוויי גרויסע ענטדעקונגען — זאָגט ענגעלס אין זיין בוך „קעגען דיורינג“ — דעם היסטאָרישען מאַטעריאַ־

ליזם און דער ענטדעקונג פון די סודות אין דער קאפּיטאליסטישער פּראָדוקציאָן דורך די לעהרע פון מעהר־ווערטה... איז דער סאָציאליזם געוואָרען פון אן אוטאָפּיע א וויסענשאפט".

מיר פאנגען אָן מיט'ן היסטאָרישען מאטעריאליזם.

אָבער איידער מיר געהען איבער צום היסטאָרישען מאטעריאַליזם מוזען מיר קודם כל זיך דורכריידען וועגען דעם מאטעריאליזם בכלל.

II

די מאַטעריאַליסטישע וועלט אַנשויאונג

א) אַלגעמיינע בעגריפען וועגען „גייסט“ און „מאַטעריע“.

די שייכות צווישען נפש און גוף, צווישען גייסט און מאַטעריע, צווישען „וועלען“ און „מוזען“, צווישען די אונזעהבאַרע, אָהן ממשות׳דיגע געדאַנקען און דער ממשות׳דיגער אַרומיגער וועלט, — האָבען פון אייביג אָן אינטערעסירט דעם מענשענ׳ס דענקענדען מח. דאָס איז דער מיטעלפונקט, אַרום וועלכען עס דרעהט זיך די גאַנצע פילאָזאָפיע פון היינטיגער צייט. יעדע פילאָזאָפישע שיטה מאַטערט זיך צו געבען אַן ענטפער אויף דיזע אונפערשטענדליכע ערשיינונגען.

אַז עס איז פאַראַן איבערהויפּט אַ נפש, אַ גייסט, הגם מען זעהט עס ניט — צו דעם בעשלוס זיינען געקומען די מענשען אין דער צייט, ווען זיי זיינען נאָך געווען אין האַלב-ווילדען צושטאַנד, ווען זיי האָבען נאָך קיין בעגריף געהאַט פון די היינטיגע וויסענשאַפטען, דורך וועלכע מען איז גוט בעקאַנט געוואָרען מיט דעם קערפּער-געבוי פון יעדער בעשעפעניש ביז׳ן מענשען צו.

פיעל ערשיינונגען, וועלכע זיינען דעם ווילדען אויסגעקומען אונפערשטענדליך, האָט ער צוגעשריבען אַ פערבאָרגענער, אונזעהבאַרער קראַפט, וועלכע ער האָט אַ נאָמען געגעבען גייסט, נשמה. די ערשיינונג פון טויט איז דעם ווילדען אויסגעקומען זעהר קשה׳דיג, אונבעגרייפליך. „דאַכט זיך דער אייגענער גוף מיט אַלע אברים און אָרגאַנען — האָט זיך געוואונדערט דער האַלב-ווילדער — און פון דעסטוועגען פאַרט ניט דאָס, וואָס פריהער, ווען ער האָט נאָך געלעבט“. אַ בר-מינן קען זיך ניט ריהרען און קעהרען, הגם די גלידער, וועלכע זיינען נויטיג דערצו, זיינען פאַראַן. „מסתמא — איז דער ווילדער געקומען צום בעשלוס — איז דורך דעם טויט דער רוח אוועק פון דעם חמר, די

נשמה, וועלכע רעגירט און בעפעהלט אלע אברים, האט זיך גע־שיידעט פון גוף".

די סברא, אז דער טויט איז ניט אנדערש, ווי דאס פער־נאנדערשיידען זיך צווישען נשמה און גוף איז ביים ווילדען בע־שטעטיגט געווארען דורך פיעל ראיות און בעווייזען.

אין שלאף קומען צו חלום אזעלכע מענשען, וועלכע זיינען שוין לאנג אויף דער וועלט ניטא, וועלכע זיינען שוין לאנג טויט. „פון וואנעט קומען זיי אט די טויטע מענשען?" — פרעגט זיך דער ווילדער. „דאס שפוקען ארום זייערע נשמות, זייערע גייס־טער, וועלכע זיינען ניט אבגעשטארבען צוזאמען מיט'ן גוף, נור זיינען ערגעץ וואו געבליבען" — האט ער זיך פשוט געענטפערט. דערפון האט זיך גענומען די פארשטעלונג פון השארת־הנפש, די פארשטעלונג, אז די נשמה בלייבט אויף אייביג לעבען. דעם שלאף גופא האט זיך אויך דער ווילדער אנדערש ניט געקענט ער־קלעהרען, ווי דורך דעם, וואס די נשמה פערלאזט אויף א וויילע (אויף דער צייט פון שלאף) דעם קערפער. „ביים ווילדען איז קיין שום ספק ניט — זאגט פאול לאפארג — אז דאס, וואס ער זעהט אין חלום, קומט פאר מיט איהם אין אמת'ן. ווען עס חלום'ט זיך איהם למשל, אז ער געהט אויף געיעג, שלאגט זיך מיט'ן שונא, נעהמט נקמה אן וועמען עס איז, און דער נאך ביים אויפשטעהן פון שלאף, דערזעהט ער זיך אויפ'ן זעלביגען ארט, וואו ער האט זיך געלעגט, ציהט ער פון דעם חלום אזא מין שלוס: ער האט, הייסט דאס, אן אנדער „איך", נאך איינעם, וואס מען זעהט ניט, וואס מען הערט ניט און וואס איז לייכט, ווי די לופט, און אט די לופטיגע בעשעפענים האט זיך ארויסגעריסען אין שלאף פון זיין גוף און געמאכט א שפאציער אין ווייטע פעלדער און וועל־דער. און ווען ער זעהט אין שלאף זיינע געשטארבענע עלטערן אדער חברים, גלויבט ער באמונה שלמה, אז צו איהם זיינען דאס געקומען ביי נאכט די נשמות פון די נפטרים, וועלכע (די נשמות הייסט עס) זיינען ניט אבגעשטארבען צוזאמען מיט'ן גוף" *).

*) ציטירט פון „די צוקונפט", אפריל־העפט 1906. „פון וואנען האט זיך גענומען דער גלויבען אין גאט", — פון פאול לאפארג, איבערזעצט דורך ח. א — וו.

א. ז.

ביי די ווילדע און באַרבאַרען, וועלכע געפינען זיך אויף דער נידעריגסטער שטופע פון ענטוויקלונג — זאָגט פ ר י ד ר י ך ע נ ג על ס — איז פערברייט נאָך איצט די פאָרשטעלונג, אז די מענשען, וועלכע קומען צו חלום, זיינען ניט אנדערש, ווי נשמות, וועלכע וואַרפען אויף א געוויסע צייט אוועק דעם גוף; דעריבער מאַכען זיי, די ווילדע, פעראַנטוואָרטליך יענע מענשען פאַר די מעשים און חטאים, וועלכע האָבען זיך געחלומ'ט דעם שלאָפענדיגען. אזא מנהג האָט למשל בעמערקט א ו מ ט י ב 'ן אין יאָהר 1884 ביי די אינדיאַנער אין גווינעיע *)".

די ערפאַהרונגען, וועלכע דער ווילדער האָט געמאַכט פון זיין ארומיגען געזעלשאַפטליכען לעבען, פון די בעציהונגען צווישען די מענשען, מיט וועלכע ער האָט צוזאַמען געלעבט און געאַרבייט, האָבען נאָך מעהר פערשטאַרקט די מיינונג, אז ביי יעדען מענשען איז פאַראַן א נשמה, וואָס בעפעהלט, און א גוף, וואָס ערפילט אונ־בעדינגט דאָס, וואָס די נשמה הייסט. אין שבט האָט אונבעגרענצט געהערשט דער פאַטריאַרך — אָרגאַניזאַטאָר; וואָס ער, דער אָר־גאַניזאַטאָר, האָט פערלאַנגט, האָט געמוזט אויסגעפיהרט ווערען. די איבעריגע מענשען פון דעם שבט האָבען ניט געהאַט די מעג־ליכקייט דורכצופיהרען זייער אייגענעם רצון און ווילען. א זעלבסטשטענדיגער רצון האָט איבערהויפּט ביי דיזע מיטגליעדער כמעט ווי ניט עקזיסטירט. אין דעם שבט האָט געהערשט איין ווי־לען — דער ווילען פון פאַטריאַרך. די איבעריגע זיינען געווען אוי־טאָמאַטען, וועלכע האָבען ערפילט דעם ווילען פון עלטסטען — פון ראש השבט, פון פאַטריאַרך. אנדערש, ד. ה. אָהן א הערשענ־דען ווילען, אָהן א סוביעקט, וואָס בעפעהלט, און א אָביעקט, וואָס ווערט בעפעהלט, האָבען די ווילדע זיך ניט געקענט פאָרשטעלען א געוויסע ערשיינונג אָדער אַרבייט. אָט דעם בע־גריף האָט דער ווילדער איבערגעטראָגען אויף זיין אייגענער פער־זאָן. זיין אייגענע פערזאָן האָט ער אויך צוטהיילט אויף א זעלבסט־שטענדיגען ווילען, אויף א נשמה, וואָס הערשט און בעפעהלט,

---

*) זעה „איבער לודוויג פייערבאך" פון פ ר י ד ר י ך ע נ ג ע ל ס.

א. ז.

און אַ גוף, וואָס ווערט בעפעהלט און טהוט, וואָס די נשמה הייסט.

און ניט נור זיין אייגענע פּערזאָן און די געזעלשאַפט האָט דער ווילדער בעטראַכט, אַלס אַ רעזולטאַט פון ווילען און מוזען, פון נשמה און גוף, פון אַ הערשער און בעהערשער, נור די גאַנצע וועלט מיט אַלע ברואים און זאַכען האָט ער אויך געהאַלטען פאַר אַ צוזאַמענזעצונג פון אַ לעבעדיגען ווילען, וואָס הערשט און טויטען גלם, וואָס ווערט בעהערשט, פון אַ לופטיגען גייסט, וואָס מיר קענען נור משיג זיין מיט אונזער שכל און אַ ממשות'דיגער מאַטעריע, וואָס מען קען ערקענען דורך אונזערע פינף חושים. יעדע ערשיינונג אין דער נאַטור האָט דער ווילדער צוגעשריבען דעם ווילען פון וועלט־גייסט. דער ווילען פון גייסט איז די איינציגע סבה פון ערשיינונגען. אָהן דעם ווילען, האָט געמיינט דער ווילדער, קען קיין ערשיינונג ניט פּאַרקומען. די מאַטעריע קען נור דאַן אָננעהמען פערשיעדענע פאָרמען, בעוועגען זיך אויף פערשיעדענע אופנים, טהאָן פערשיעדענע מעשים, ווען דער גייסט הייסט און פערלאַנגט עס. אָהן דיזען פערלאַנג מוז די מאַטעריע, די גשמיות בלייבען פערגליווערט, אונפערענדערט און אונבעוועגליך *).

שפּעטער, ווען די וויסענשאַפט האָט אָנגעפאַנגען צו ערקלעהרען און געבען אַן ענטפער אויף פיעל אונבעגרייפליכע ערשיינונגען אין דער נאַטור ווי אין לעבען פון אינדיווידואום (פרט), אזוי אין לעבען פון געזעלשאַפט (כלל), שפּעטער ווען עס זיינען ענטדעקט געוואָרען פיעל געזעצען, צוליעב וועלכע די וועלט־מאַשין בעוועגט זיך, ווען ס'האָט זיך ארויסגעוויזען, אַז די פיעל ערשיינונגען, וועלכע מען האָט פריהער צוגעשריבען אַ מין פערבאָרגענעם ווילען, אַ מין געטליכקייט, זיינען ניט מעהר, ווי אַ רעזולטאַט פון מעכאַנישע, כעמישע און פיזישע געזעצען פון דער מאַטעריע, ווען עס איז שוין געוואָרען בעוואוסט, אַז די חלומות און נאָך אַזוינע מיני ערשיינונגען קומען פאַר אויפ'ן סמך פון פיזיאָלאָגישע געזעצען — האָט פון דעסטוועגען ניט אויפגעהערט צו

*) דערפון האָט זיך מיט דער צייט ענטוויקעלט די אמונה אין גאָט און די רעליגיעזע איבערצייגונג, אַז אומעטום, איבער אַלע מעשים און פּאַסירונגען, הערשט די השגחה פּרטית, אָהן וועלכע עס קען קיין זאַך אין דער וועלט ניט פּאַרקומען. נור וועגען דעם אַן אנדערס מאָל.

עקזיסטירען די איבערצייגונג, אז אויסער די זאַכען, וואָס האָבען א ממשות, איז נאָך פאַראַן א מין רוחניות, וואָס מען זעהט ניט בחוש, ווי צ. ב. די געדאַנקען, דער שכל, די רעיונות, דאָס פיהלען, — מיט איין וואָרט, די אַלע גייסטיגע, פסיכישע אייגענשאַפטען. דיזע גייסטיגע אייגענשאַפטען איז געווען שווער צו ערקלעהרען, אַלס א רעזולטאַט פון די כעמישע, פיזישע און מעכאַנישע אייגענשאַפטען פון דער מאַטעריע.

עס זיינען געבליבען אונבעגרייפליך ניט נור דיזע דערמאָהנטע הויכענטוויקעלטע גייסטיגע פעהיגקייטען, נור דער רוח חיים, די לעבענספעהיגקייט, דער תוך, דער תמצית פון „לעבען", מיט וועלכער עס צייכענט זיך אויס יעדער אָרגאַניזם בכלל, פון אויבען ביז אראָב, פון מענשען ביז די נידעריגסטע בעשעפעניסען (סיי ביי חיות, סיי ביי פלאַנצען) — איז אויך געבליבען אונפערשטענדליך. די פיזיאָלאָגען (די געלעהרטע, וועלכע בעשעפטיגען זיך מיט די לעבענס-פּראָגעענג פון פלאַנצען, חיות און מענשען) איז עד היום בלויז געראָטען מעהר אָדער וועניגער צו ערקלעהרען ווי וויים א לעבענדיגע בעשעפענים (ד. ה. א בעשעפענים וואָס האָט שוין א רוח חיים) געפינט זיך אויך אונטער דער ווירקונג פון די אויסערליכע אונלעבענדיגע (מעכאַנישע, כעמישע און פיזישע) כחות, ווי וויים זי, די לעבענדיגע בעשעפענים, ווערט פערענדערט און ענטוויקעלט, ווען זי געפינט זיך ביי גוטע אויסערליכע בעדינגונגען, און ווי אזוי זי געהט צו גרונד, הערט אויף צו לעבען ביי שלעכטע אויסערליכע פערהעלטניסען. קיינעם האָט זיך אָבער נאָך ניט איינגעגעבען צו געפינען דעם סוד פון „לעבען" גופא, די אורזאַכע פונ'ם רוח חיים, וואָס הערשט אין דער בריאה.

די אויסערליכע קרעפטען, די כעמישע און מעכאַנישע אייגענשאַפטען פון דער מאַטעריע, זיינען פאַר א לעבענדיגע בעשעפענים ניט אַנדערש, ווי דאַמפּף, דורך וועלכען דער לאָקאָמאָטיוו, אָדער אַן אַנדער מאַשין פאַנגט זיך אָן צו בעוועגען. די בעוועגונג פון מאַשין איז ניט אָבהענגיג בלויז פון דאַמפּף. דערצו מוז נאָך די מאַשין גופא זיין איינגעאָרדנעט און צוגעפּאַסט צו דער בעוועגונג. זי, די מאַשין, מוז האָבען די פעהיגקייט זיך צו לאָזען טרייבען פון דאַמפּף. ווען זי זאָל ניט זיין דערצו צוגעפּאַסט,

וועט דער דאַמפּף בשום אופן איהר ניט ברענגען אין בעוועגונג, דער דאַמפּף וועט דאַן געהן אין גאַנצען לאיבוד.

אַזוי ווי עס איז לעבערליך צו ערקלעהרען די בעוועגונג פון אַ מאַשין נור ספּעציעל דורך דער ווירקונג פון דאַמפּף, ניט נעהמענדיג אין אַכט דעם געבוי פון דער מאַשין גופא, אַזוי איז אויך לעבערליך צו ערקלעהרען אַלע לעבענס־ערשיינונגען בלויז מיט די אויסערליכע נאַטירליכע קרעפטען, ניט נעהמענדיג אין אַכט דעם רוח חיים, די לעבענס־פעהיגקייט פון דער בעשעפעניס — די פעהיגקייט זיך אָבצוּרופען און צו פערענדערען זיך אונטער דער ווירקונג פון די אויסערליכע קרעפטען.

אין ערשטען העלפט פון פאָריגען יאָהר־הונדערט האָבען פיעל געמיינט, אַז זיי האָבען ענטדעקט דעם אָרט און די סודות, ווי אַזוי די לעבענדיגע נאַטור קומט אַרויס פון די ניט־לעבענדיגע. דער בעריהמטער נאַטור־פאָרשער שליידען האָט אפילו אָבגעשילדערט דעם פּאָרגאַנג, ווי אַזוי פון ניט אָרגאַנישע מאַטעריע, פון אונלעבענדיגע שטאָף ווערט בעשאַפען אַ לעבענדיגע צעלע. דאָס איז שוין אָבער לאַנג דורך די געלעהרטע צוריקגעוויזען געוואָרען אַלס אַ מיינונג, וואָס איז דורך און דורך פאַלש. עס איז איצט אַ כלל גדול אין דער נאַטור־וויסענשאַפט, אַז אַלע לעבענדיגע בעשעפעניסען קענען אַרויסקומען בלויז פון לעבענדיגע בעשעפעניכען אָבער ניט פון אונלעבענדיגער מאַטעריע. אין דער אויסערליכער מאַטעריעלער, גשמיות'דיגער נאַטור איז ניט פאַראַן אַזאַ אָרט, וואו עס ווערט פאַבריצירט דער רוח חיים, דער לעבענס־גייסט. (מיר זאָגען אויסדריקליך דער „לעבענס־גייסט" אום מען זאָל ניט פערבייטען מיט „לעבענס־שטאָף"; די שטאָף, פון וועלכע אַ לעבענדיגע בעשעפענים איז אויפגעבויט, ווערט יאָ פאַבריצירט פון אונלעבענדיגע שטאָף *).

משמעות, אַז דער רוח חיים, די פעהיגקייט זיך אָבצורופען

*) די יעניגע, וועלכע אינטערעסירען זיך מיט דיזער פראַגע, שיקען מיר אָב צו אונזער אַרבייט „וועגען די בעדייטונג פון כלאָראָפיל־קערן". אין „צייט־גייסט" און „די וויסענשאַפטליכע שמועסען" אין אַרבייטער רינג זשורנאַל „פריינד" יאָהר 1912-13. — א. ש. ז.

אויף פערשיידענע, אויסערליכע איינוווירקונגען (אויב איהר ווילט, רופט דאָס „נשמה“), וואָס געפינט זיך אין איינפּאַכסטען, פשוט'ן צושטאַנד ביי די נידריגסטע לעבענדיגע בעשעפעניסען און ווערט אַלס מעהר און מעהר אנטוויקעלט צוזאַמען מיט דער ענטוויקלונג פון די בעשעפעניסען גופא; דער איינענער גייסט וואָס ווערט ביים מענשען אויסגעבילדעט און די הויכע פסיכישע פעהיגקייטען פון דענקען און קלעהרען, פון פיהלען און בעוואוסטזיין — אז דיזער גייסט — זאָגען מיר — איז עפּעס ניט דאָס אייגענע, וואָס דער חמר, די מאטעריע, פון וואנעט יעדע בעשעפענים איז אויפגעבויט. און ד אָ ך איז דער גייסט שטענדיג צוזאַמען מיט דער מאטע־ריע! וואָס פאַר א שייכות — פרעגט זיך — האָבען זיי צווישען זיך? ווי פערהאַלטען זיי זיך איינער צו דער אַנדערער? אין וואָס פאַר א פערבינדונג שטעהט דער אונזעהבאַרער „גייסט“ צו דעם ממשות'דיגען מאטעריאל פון דער בריאה? ווי פערהאַלט זיך די גרענקען-וועלט צום ז יי ן, צו דער אויסערליכער נאַטור? ווער האָט די אויבערהאַנד, ווער רעגירט מיט וועמען, דער גייסט מיט דער מאטעריע, אָדער די מאטעריע מיט'ן גייסט? ווער איז געוועזען פריהער, דער רוח אָדער דער חמר? — אָט וועגען דיזע וויכטיגע פראַגען זיינען פאַראַן גרויסע חלוקי דעות צווישען די געלעהרטע און פילאָזאָפען.

די פערשידענע דעות, מיינונגען קען מען אין אַלגעמיין סיסטעמאַטיזירען אין צוויי הויפּט שיטות:

ב) די אידעאַליסטישע און מאַטעריאַליסטישע שיטות אין דער פילאָזאָפיע.

די אָנהענגער פון דער אידעאַליסטישער שיטה, ווי זיי זאָלען זיך ניט פונאַנדערגעהן אין זייערע אויספיהרונגען, בפרט, זיינען ב כ ל ל איינ ניג אין דעם, אז דער גייסט האָט עקזיסטירט פריהער איידער די אויסערליכע נאַטור איז געוועזען. די אידעאַליס־טען מוזען ממילא מסכים זיין, אז די וועלט עקזיסטירט ניט פון אייביג אָן, נאָר דאָס זי איז „בעשאַפען“ געוואָרען לויט דעם ווי־לען פון גייסט. דער פסוק: „בראשית ברא“ איז ביי זיי תורת אמת. דיזע מיינונג פיהרט צו דער איבערצייגונג, אז די אייגענ־שאַפטען פון דער נאַטור זיינען ניט אַנדערש, ווי די אייגענשאַפטען

פונ'ם גייסט, פונ'ם בורא, וועלכער האָט זי, די נאַטור, בעשאַפען און אויפגעבראַכט. זיין ווערק קען דער מייסטער איבערגעבען נור אזוינע פעהיגקייטען, אזא טבע, וועלכע ס'זיינען פאַראַן אין זיין רשות, וועלכע ער אַ ליי ן בעזיצט. די ממשות'דיגע נאַטור, דער ז יי ן אין אַלעס, וואָס אונז רינגעלט ארום, איז אויף אזא אופן ניט זעלבסטשטענדיג, נור אַ רעזולטאַט פון כח, וואָס ליעגט פון יענער זייט פון אונזער זיין, הינטער די קוליסען פון דער נאַטור און וועלכען (דעם כח הייסט דאָס) מיר קענען מיט אונזערע חושים ניט משיג זיין.

די מאַטעריאַליסטישע שיטה איז פונקט דער היפך פון דער אידעאַליסטישער. די מאַטעריאַליסטען זאָגען, אַז די וועלט איז אַ קדמון, אַז זי עקזיסטירט פון אייביג־אָן, זי איז ניט „בעשאַפען" געוואָרען דורך וועלכען עס איז רצון אָדער ווילען. אין רוחות, גע־טער, בעשעפער, וועלכע עקזיסטירען אויף יענער זייט פון אונזער זיין, גלויבען די מאַטעריאַליסטען ניט. די מאַטעריאַליסטען גלויבען נור אין אזעלכע זאכען, וואָס מען פיהלט, וואָס מען זעהט בחוש. די נאַטור, די טבע אַליין איז אין גאַנצען זעלבסטשטענדיג און ווערט ניט רעגירט דורך אַ גייסט, וואָס געפינט זיך ערגעץ וואו, הינטער די קוליסען פון דער בריאה. אַ גייסט א ו י ס ע ר די נאַטור איז איבערהויפט ניט פאַראַן. די גייסטיגע פסיכישע ער־שיינונגען זיינען ניט אנדערש, ווי אַ רעזולטאַט פון דער ממשות'־דיגער ווירקליכער נאַטור.

אויסער די דאָזיגע צוויי מאָניסטישע *) שיטות, וועלכע בע־הויפטען, אַז אין דער בריאה הערשט נור איין פאַקטאָר, איין סיס־טעם, אָדער די אייגענשאַפטען פון גייסט, אָדער די אייגענשאַפטען פון דער נאַטור, איז פאַראַן נאָך אַ דריטע די ד ו אַ ל י ס ט י ש ע שיטה, וועלכע האַלט, אַז אין דער וועלט רעגירען ב יי ד ע פאַקטאָרען צוזאַמען, דער גייסט און די מאַטעריע. דער גייסט און די מאַטעריע — מיינט דיזע שיטה — זיינען ניט אונטערוואָרפען איינער דעם צווייטען, זיי זיינען גלייך בערעכטיגטע, זעלבסט־שטענדיגע כחות מיט בעזונדערע אייגענשאַפטען און פעהיגקייטען. זיי פאָרען זיך צוזאַמען אין אַ זווג און ווירקען איינער אויפ'ן

*) מאָנאָ איז אויף גריכיש — איינס.

צווייטען. ווי אַזוי אָבער קומט פאַר דאָס צוזאַמען־פּאָרען זיך? ווי קומט עס איבערהויפּט, אַז אַזוינע זעלבסטשטענדיגע סוב־סטאַנצען, וועלכע האָבען צווישען זיך קיין שום שייכות ניט, שטעהען אַ ל ע מ אָ ל און אומעטום אין אַ פריינדליכער פערבינדונג? עס איז דאָך אַ היכי תמצא, אַז דאָס פריינדליכע צוזאַמען־לעבען פון אַזעלכע ווילד־פרעמדע כחות זאָל קיין מאָל ניט צושטערט ווערען? ! — אויף אַט די אַלע קשיות גיט דער דואַליזם קיין שום ענטפער ניט. די בעריהמטע פילאָזאָפען זיינען טאַקע שטענדיג דעריבער מ אָ נ י ס ט ע ן, וועלכע מאַטערן זיך צו ערקלעהרען דעם רעטענים פון דער בריאה דורך א יי ן פּרינציפּ, דורך א יי נ ע און נ י ט פ ע ר ש י ע ד ע נ ע זעלבסטשטענדיגע אייגענשאַפטען. דאָס רוב דענקער זיינען אָדער מאָניסטישע אידעאַליסטען, אָדער מאָניסטישע מאַטעריאַליסטען.

בנוגע די פראַגע, ווי אונזערע אינערליכע געדאַנקען פער־האַלטען זיך צו דער אויסערליכער וועלט, ווערט אויך פילאָזאָ־פירט אויף אַן אַנדער אופן.

ווי? אין וואָס פאַר אַ שייכות — פרעגט די פילאָזאָפיע — שטעהען צו דער אויסערליכער נאַטור אונזערע מיינונגען און בע־גריפען וועגען איהר? (וועגען דער נאַטור הייסט עס). צי איז אונ־זער שכל איבערהויפּט אימשטאַנד צו בעקומען אַ ריכטיגען בע־גריף פון דער ווירקליכקייט? צי זיינען די בילדער און פאָר־שטעלונגען, וואָס שפּיגלען זיך אָב אין אונזער מח, איבערהויפּט אַ ריכטיגע קאָפּיע פון דער אויסערליכער ווירקליכער וועלט? אפשר זיינען זיי מעהר ניט, ווי אַ רעזולטאַט פון אונזער א י־נ ע ר ל י כ ע ר פאַנטאַזיע, פון אונזער אייגענעם „איך“, פון אונזער סוביעקטיווער פאָרשטעלונג און ניט מעהר?

אין פלוג קומען אפילו אַזוינע פראַגען אויס משונה־ווילד. „כ׳מיין — עפּעס סתם געפּשט׳לט!“ — וועט דער לעזער ביי זיך טראַכטען. אַ צווייטער, אַ מעהר ענערגישער לעזער, וועט אי־בערהויפּט אויסבטלן אַלע בייזע חלומות צו די פילאָזאָפען, וועל־כע פּלפּול׳ן און חקירה׳ן זיך איבער אַזעלכע זאַכען, וואָס זיינען קלאָהר יעדען איינפאַכען, פּשוט׳ן מענשען. אין דעם איז אָבער די גאַנצע זאַך, וואָס דעם פילאָזאָף איז נאָך לאַנג ניט אַזוי קלאָהר

און פערשטענדליך דאָס, וואָס ס'איז קלאָהר און פערשטענדליך אן איינפאכען אויבערפלעכליכען מענשען. אין אמת'ן, ווען מיר וועלען בעטראכטען די וועלט ניט אויבערפלעכליך, ווען מיר פאנגען אָן טיעפער דורכצודרינגען די פערשיעדענע זאכען, ברואים און ערשיינונגען, וועלכע בילדען די אויסערליכע נאטור — וועלען מיר זעהן, אז אזוינע פראגען זיינען ניט סתם אין דער וועלט אריין, סתם גע'פלפל'ט.

מיר זעהען אין גאס א רייהע הייזער, ביי אונז און ביי אייך איז קיין ספק ניט, אז די גאס און די הייזער זיינען פאראן במציאות, זיי זיינען דאָ אין דער ווירקליכקייט, זיי עקזיסטירען „א ו י ס ע ר" אונז, ד. ה. זיי געהערען צו די זאכען, וועלכע געפינען זיך אין דער א ו י ס ע ר ל י כ ע ר וועלט. „פון וואַנעט ווייסען מיר דאָס אָבער ?" — פרעגען מיר ביי אייך — ווער איז אונז ערב, אז זיי, די גאס און די הייזער, געפינען זיך אין דער אויסערליכער וועלט ? נאָך בעסער, ווער פערזיכערט אונז, אז ס'איז איבערהויפט פאראן אן אויסערליכע וועלט ? — „דערויף זאָגען עדות — ענטפערט איהר אונז — אונזערע חושים, מיר ז ע ה ע ן די גאס, מיר ט א פּ ע ן די הייזער, מיר ה ע ר ע ן דעם געזאנג פון די פויגעל, מיר פ י ה ל ע ן דעם ריח פון די בוימער א. ז. וו.". גוט, לאָמיר דאָס געדענקען. און אין אמת'ן, ווען ניט די חושים — גיבען מיר אייך צו — ווען מיר וואָלטען ניט זעהן, ניט הערען, ניט פיהלען — וואָלטען מיר טאַקע קיין השגה פון דער אויסערליכער וועלט ניט געהאט. א בלינדער ווייס ניט, ווי ס'זעהט אויס די אָדער יענע זאך, א טויבער הערט ניט דעם געזאנג פון די פויגעל, נאָכמעהר, אין די אויגען פון א נידעריגער חיה אָדער פויגעל, אָדער פיש האָט די וועלט געווים אן אנדער פנים, ווי אין די אויגען פון מענשען. — א גוטע ראיה, אז די פאָרשטעלונג פון דער אויסערליכער וועלט בעקומען מיר נ ו ר צוליעב אונזערע חושים. „די חושים — פרעגען מיר אָבער ווייטער — זיינען דאָך אן איינגענשאפט פון א ו נ ז, זיי ליגען א י נ ע וו יי נ י ג א י ן א ו נ ז גופא, זיי עקזיסטירען דאָך נ ו ר אין א ו נ ז ע ר „איך", אָבער ניט אויסער אונז. אָהן אונז זיינען דאָך קיין חושים ניטאָ, און ממילא קומט אויס, אז די פאָרשטעלונגען פון דער אויסערליכער וועלט

בילדען זיך אויפ'ן סמך פון אונזער אינערליכען „איך“, אָבער ניט אויפ'ן סמך פון דער אויסערליכער וועלט. ווי באַלד, אַז איהר זענט מודה, דאָס אָהן די חושים, וועלכע ליגען בלויז אין אונזער „איך“, וואָלטען מיר ניט געהאַט אַ בע־גריף פון דער וועלט, מוזט איהר דאָך במילא אויך מודה זיין, אַז די גאַנצע פאָרשטעלונג וועגען דער וועלט גופא, איז אַ רעזולטאַט פון אונזער „איך“, פון אונזער סוביעקט, אָבער ניט פון די זאַ־כען, וועלכע ליגען „אויסער“ אונז. און וויבאַלד, אַז דער גאַנצער בעגריף, די איבערצייגונג, אַז עס איז פאַראַן אַן אויסערליכע וועלט, איז ניט ווייל די אויסערליכע וועלט זאָגט אונז, נור ווייל אונזערע חושים זאָגען אונז, טאָ — בלייבט דאָך די פראַגע — ווער וויים, אַז ס'איז ריכטיג אַזוי ? אפשר נאַרען אונז די חושים אָב, אפשר איז טאַקע במציאות ניטאָ אַ וועלט, וואָס שטעהט אויסער אונז ? און נאָך בעסער, אפשר איז קיין „אונז“ אויך ניט פאַראַן. עס איז נור פאַראַן אַן „איך“ און די פאָר־שטעלונג פון דער אויסערליכער וועלט, וואָס בילדעט זיך אויפ'ן סמך פון מיין „איך“, אָבער אַן אמת'ע וועלט, וואָס ליגט „אויסער“ מיין „איך“ איז במציאות ניטאָ ?

— „וואָס הייסט ? — וועט איהר ווייטער זאָגען — ווען ניט די אויסערליכע וועלט, וואָס רופט ארוים די ארבייט פון אונזערע חושים, וואָלטען די חושים ניט געהאַט וואָס צו ארביי־טען, די נערוועז וואָלטען ניט געהאַט, וואָס איבערצוגעבען דעם מח און עס וואָלט געווען אונמעגליך צו בעקומען אַ פאָרשטעלונג. ווען די פויגלען וואָלטען ניט זינגען, וואָלטען ניט פאָרקומען בע־וועגונגען אין דער לופט, וואָלט זיך אונזער חוש השמוע, אונזער געהער ניט אויפרעגען און עס וואָלט ניט איבערגעגעבען געוואָרען די איינדריקע פון אויסען. ווען עס זאָל ניט זיין אַ געוויסע זאַך, וואָס לאָזט ארוים פון זיך שטראַהלען, וואָלטען די נערוועז פון אויג זיך ניט אָברופען, זיי וואָלטען געבליבען רוהיג, ניט אויפ־גערייצט און מיר וואָלטען ניט געהאַט אין אונזער „איך“ אַ בע־גריף פון דער זאַכ'ס אויסזעהן. מיר ווייסען, אַז אין יעדער פאָר־שטעלונג מוזען אנטייל נעהמען צוויי עלעמענטען, אַן אָביעקט, אַ פאַסיווער עלעמענט, דורך וועלכען עס ווערט פעראורזאַכט און ארויסגערופען די ארבייט פון אונזער „איך“, און אַ סוביעקט —

די חושים, וועלכע בעארבייטען דיזע איינדריקע פון אביעקט. ווען עס וואלט ניט געווען קיין מאטעריאל, ווען עס וואלט ניט געווען אן אויסערליכע וועלט, וועלכע ליווערט די איינדריקע, וואלטען דאך די חושים ניט געהאט, וואס צו בעארבייטען. די ארבייט פון אונזער סוביעקט, די איינדריקע, וועלכע די חושים געבען איבער דעם מח, אויפ'ן סמך פון וועלכע עס בילדען זיך די פארשטעלונ־גען, איז אויף אזא אופן נור א רעזולטאט פון א סבה, וואס ליגט אויסער אונז!"...

מיר פרעגען אבער מיט עקשנות ווייטער, ווער וויים, אז יע־דע ערשיינונג מוז איבערהויפט זיין א רעזולטאט פון א סבה, וואס ליגט אויסער אונז? אמת, מיר ווייסען טאקע, אבער אונזער גאנצעס וויסען איז דאך אויך ניט מעהר ווי א רע־זולטאט פון אונזערע חושים; אהן די חושים, וועלכע לי־גען אין אונז, וואלטען מיר דאך ניט וויסען. טא איז דאך ווייטער די אייגענע פראגע, וויבאלד אז אויסער די חושים, וועלכע ליגען אין אונז וואלטען מיר ניט וויסען, אז יע־דער רעזולטאט מוז פאר זיך האבען אן אויסערליכע סבה, טא ווער קען אין אמת'ן זיין אזוי זיכער, אז „אויסער אונז איז וואס עס איז פאראן?" אפשר ליגט די סבה פון אונזערע חושים'ס אר־בייט, און ממילא אויך פון דער גאנצער פארשטעלונג דווקא אינעווענינג, אין אונז גופא?

„אן אויסערליכע וועלט, וואס עקזיסטירט אויסער אונזער „איך" איז לא היה ולא נברא — טענה'ט טאקע דער בעריהמטער פילאזאף פיכטע *) — די אויסערליכע וועלט, דער „ניט־איך" עקזיסטירט אויף אזוי פיעל, ווי ווייט אונזער „איך", אונזער סוב־יעקט ערקענט דאס. אויסער אונזער סוביעקט איז קיין וועלט ניטא".

פיכטע'ס אנשויאונג, בעוואוסט אונטערן נאמען „דער סוביעקטיווער אידעאליזם", האלט ניט אויס איבער ווייטערדיגען

*) געבארען אין יאהר 1767; געשטארבען 1819. פיכטע האט זיך גערעכענט פאר א תלמיד פון קאנט. זיינע פילאזאפישע אנשוי־אונגען האט ער געהאלטען פאר א שלום, צו וועלכען קאנט אליין דארף קומען, ווי מיר וועלען עס גלייך זעהן.

טעם : אויב עס זאָל זיין ריכטיג, ווי פ י כ ט ע מיינט, אַז אַן אויסערליכע וועלט איז נור פאַראַן אין אונזער „איך" אָבער ניט אויסער אונז, טאָ מוזען מיר דאָך — אויב מיר ווילען דורכפיהרען דיזע אַנשויאונג אין גאַנצען — מודה זיין, אַז די עקזיסטענץ, דאָס זיין פון אַנדערע מענשען איז אויך בלויז אַ ס ו ב י ע ק ט י וו ע ר בעגריף. מיר מוזען אויף דעם אופן אויך מסכים זיין, אַז דאָס לעבען און עקזיסטענץ פון עלטערן איז אויך אַזוי ווייט אמת, אויף וויפיעל אונזער בעגריף ערקענט דאָס, ווייל דאָס זיי־נען דאָך אַלץ זאַכען, וואָס געהערען צו דער אויסערליכער נאַטור, צו דעם „ניט־איך", איך מוז אפילו אָבלייקענען דעם פאַקט, אַז איך בין געבאָרען געוואָרען פון אַ פרוי, וואָס עקזיסטירט אויסער מיין „איך". אויב אַזוי, טאָ פרעגט זיך, ווי בין איך אַליין דאָ אויף דער וועלט ? ווי קען זיין אַ „איך" אָהן עלטערן ? בין איך ווידער מודה, אַז די עלטערן עקזיסטירען ניט בלויז אין מיין „איך" נור אויך אויסער אונזער סוביעקט, מוז איך שוין דאָך מודה זיין, אַז עס עקזיסטירט אַ „ניט־איך" אונאָבהענגיג פון אונזער „איך"; איך מוז מודה זיין, אַז עס עקזיסטירט אַ וועלט אויסער אונז, אויב נור איך וויל ניט אריינפאַלען אין ספיקות איבער מיין געבוירענשאַפט פון אַ פרוי.

ק אַ נ ט **) מיינט, אַז ס'איז עפּעס יאָ פאַראַן אַן אויסער־ליכע וועלט, אונאָבהענגיג פון אונז, וועלכע האָט קיין שום שייכות ניט מיט אונזער „איך", ווייל זי ליגט „אויסער" אונז. וואָס פאַר אַ וועלט איז דאָס ? וואָס פאַר אַ פּנים און צורה האָט זי ? — ווייסען מיר ניט. ק אַ נ ט איז איבערצייגט, אַז די גאַנצע וועלט עקזיסטירט ניט ב ל ו י ז אין אונז, אין אונזער סוביעקט. אמת טאַקע, מיר (אונזערע בעגריפען הייסט עס) האָבען גאָר צו טהאָן מיט אונזערע אייגענע חושים, און ב ל ו י ז מיט די פאָר־שטעלונגען פון די אויסערליכע זאַכען, וועלכע (די פאָרשטעלונגען) זיינען אויסגעוואַקסען אויף'ן סמך פון דיזע חושים (עמפּפינדונ־גען). מען דאַרף אָבער ניט צוזאַמענמישען די זאַכען גופא, וועל־כע עקזיסטירען פאַר זיך, מיט אונזערע פ אָ ר ש ט ע ל ו נ ג ע ן פון די זאַכען. אין יעדער פאָרשטעלונג נעהמען אַן אַנטייל צוויי

---

*) 1724—1804.

קרעפטען, צוויי כחות : די אייגענשאפטען פון די זאכען, וועלכע מאכען אויף אונז א געוויסען איינדרוק און די אייגענשאפטען, פון אונזער „איך“, וועלכער עמפפאנגט דיזע איינדריקע. אונזער „איך“ גרופּירט, סאָרטירט די איינדריקע, וועלכע ער, (דער „איך“) בעקומט פון דער אויסערליכער וועלט לויט א געוויסען סדר, צו־געפּאסט צו זיין אייגענער נאטור, צו דער נאטור פון „איך“.

אין דער אויסערליכער וועלט איז פאראן, צום ביישפּיעל, א הויז. אום מיר זאָלען האָבען א בעגריף פון דיזען הויז, מוזען מיר איהם צוגעבען א אונז פערשטענדליכע פאָרם, א געוויסען בע־גרענצטען פלאץ, א געוויסען רוים און אויך א געוויסע צייט. מיר שטעלען זיך פאָר, אז דער דאך פון שטוב האלט אזוי פיעל און אזוי פיעל, דער פונדאמענט שטעהט דוקא דאָרטען, די ציגעל אָדער די באלקענס פערנעהמען אזוי פיעל און אזוי פיעל פלאץ. (די מאָס פון א געוויסער זאך איז דאָך ניט אנדערש, ווי דער פלאץ, וואס די זאך פערנעהמט). דער פלאץ, דער רוים, וואָס מיר בע־שטימען פאר׳ן דאך, קען שוין ניט זיין בעשטימט פאר׳ן פונדא־מענט און פאר די איבעריגע טהיילען פון הויז, אנדערש הייסט דאָס, אז יעדער טהייל פון שטוב מוז האָבען דוקא זיין בעגרענצ־טען אָרט, ער מוז אָנפילען נור א ג ע ו ו י ס ע ן רוים. ווען מיר זאָלען דאָס ניט טהאָן, ד. ה., ווען מיר זאָלען דעם הויז ניט צו־געבען א געוויסען רוים, א געוויסען אָרט, א געוויסע מאָס, וואָל־טען מיר פון איהם קיין בעגריף ניט געקענט האָבען, ווייל די פאָרם פון א זאך איז ניט אנדערש, ווי דאָס אונטערשיידען פון איהר (די זאך) און „ניט־איהר“, ד. ה. איהר צוגעבען א בעשטימטען פלאץ. שטעלט אייך פאָר, מיר זעהען א הויז ניט אויף א געוויסען בעשטימטען פלאץ, נור א ו מ ע ד ו ם, איבעראל, וואו מיר זאָלען זיך ניט קעהרען און ווענדען איז אלץ פאראן דאָס הויז; א רוים, א פלאץ, וואָס זאָל ניט זיין ערפילט מיט דעם הויז, זעהען מיר ניט — דאן וואָלטען מיר דאָס הויז גופא ניט געזעהן. אז דאָס אויג זעהט ניט אן אָרט, וואו דאָס הויז איז ניט פאראן, זי זעהט ניט קיין אָנ־הויב און ניט קיין ענד, וואָלט זי דאָך קיין שום פאָרם דעם הויז ניט געקענט צוגעבען. א פאָרשטעלונג פון א געוויסע זאך איז אויף דעם אופן ניט אנדערש, ווי דער בעגריף, א ז ד אָ א ו ן ד אָ פאנגט זי זיך אָן און דאָ ענדיגט זי זיך. דאָס זעלבע

פאַסט זיך אויך בנוגע דעם בעגריף פון „צייט“. אז א זייגער שלאָגט, קענען מיר נור דאַן וויסען, וויפיעל ער האָט געשלאָגען, ווען מיר סיסטעמאַטיזירען די פערשיעדענע קלונגען איג פערשיעדענע צייטען דוקא ווען א צווייטער קלונג געהט נאָך אַן ערשטען. אויב מיר זאָלען יעדען קלונג ניט צוגעבען אַבעשטימטע צייט, אויב אַלע קלונגען זאָלען פּאַרקומען אויף אַמאָל, זיך קיין מאָל ניט ענדיגען, אָדער אויך קיין מאָל זיך ניט אָנהויבען, וואָלטען מיר א פאַרשטעלונג פון די קלונגען ניט געהאַט. דיזע פונאַנדערטהיילונג פון זאַכען און ערשיינונגען אין רוים און צייט זיינען דעריבער אומבעדינגט נויטיג, אום מיר זאָלען האָבען א פאַרשטעלונג פון זיי. דאָס זיינען בעגריפען פון אונזער נאַטור און פאַר אונזער נאַטור. די זאַכען און ערשיינונגען פאַר זיך אַליין, אָהן אונז עקזיסטירען טאַקע ניט בעגרענצט מיט צייט און רוים. דער בעגריף פון צייט און רוים, הערט אויף צו זיין, גלייך נור ווי מען בעטראַכט די וועלט ניט לגבי אונז,נור לגבי זיך אַליין.

דערפון אליין איז אויך געדרונגען, אַז אונזערע פאַרשטעלונגען פון די זאַכען, קענען ניט זיין עהנליך צו די זאַכען גופא, פון וועלכע מיר בעקומען די פאַרשטעלונג, ווייל די זאַכען עקזיסטירען דאָך אָהן אונזער נאַטור, ניט לגבי אונז, זיי זיינען דאָך אונאַבהענגיג פון אונזערע חושים און אונזערע אייגענשאַפטען, זיי עקזיסטירען פאַר זיך אָהן א בעשטימטען רוים און אָהן א בעשטימטער צייט. די פאַרשטעלונגען, וועלכע זיינען אָבער פאַראַן אין אונזער בעגריף, זיינען דאָך אויך א רעזולטאַט פון די אייגענשאַפטען, וועלכע האָבען ניט צוטהאָן מיט די זאַכען גופא, וואָס עקזיסטירען אַן און פאַר זיך.

די וועלט פאַר זיך אַליין רופט קאַנט די נאָאומען־וועלט, (עולם־האצילות, די וועלט אָהן ערשיינונגען, א וועלט פון הוילע רוחניות); די וועלט לגבי אונז, דאָס, וואָס עקזיסטירט אין אונזער פאַרשטעלונג — פענאָמען־וועלט, (די ערשיינונגס־וועלט).

יעדע ערשיינונג — מיינט ווייטער קאַנט — מוז זיין ארויסגערופען דורך א געוויסע אורזאַכע, יעדער רעזולטאַט מוז האָבען א סבה, ווען ניט וואָלט די גאַנצע וועלט אונז אויסגעקומען,

ווי א תהו ובהו, א מיש־מאַש פון פערשיעדענע זאַכען, פאַנאַנדער־געוואָרפען אָהן א סדר און אָרדנונג, אָהן א צוזאַמענהאַנג צווישען זיך און מיר וואָלטען דאָרט קיין זאַך ניט פערשטעהן. אום מיר זאָלען קענען בעגרייפען די וועלט, איז אונבעדינגט נויטיג צו בעשאַפען א געוויסע האַרמאָניע, אויסשטעלען די זאַכען און ער־שיינונגען אין א געוויסען צוזאַמענהאַנג, זיי זאָלען האָבען א גע־וויסע שייכות צווישען זיך. מיר מוזען אוועקשטעלען געוויסע גע־זעצען, לויט וועלכע די וועלט זאָל אונז זיין פערשטענדליך. (די געזעצען פון דער נאַטור זיינען דאָך ניט אַנדערש ווי דאָס בעוויי־זען, אַז עס הערשט א צוזאַמענהאַנג צווישען פערשיעדענע ער־שיינונגען). וואָס בעדייטעט דען, צום ביישפּיעל, דאָס געזעץ, אַז פּאַר א רעגען מוז זיין א וואָלקען, ווען ניט דאָס, אַז די ערשיי־נונגען — וואָלקען און רעגען האָבען צווישען זיך א צוזאַמענהאַנג, א געוויסע שייכות און אַז דער רעגען מוז אַלע מאָל זיין דער רע־זולטאַט פון א סבה, פאַר וועלכע דער וואָלקען דיענט ? דיזע גע־זעצען מוזען עקזיסטירען כדי מיר זאָלען קענען דענקען איבער די פענאָמען־וועלט. אין דער נאָאומען־וועלט וואָס עס עקזיסטירט אַן און פיר זיך, לגבי זיך אַליין, אויף יענער זייט פון אונזערע חושים, דאַרף מען טאַקע ניט אָנווענדען דעם בעגריף, אַז יעדע זאַך אָדער ערשיינונג מוז האָבען א געוויסע אורזאַכע, וואָס האָט איהר אַרויסגערופען. און ממילא עקזיסטירען טאַקע דאָרטען ניט קיין סבות און רעזולטאַטען. די געזעצען פון דער נאַטור זיינען נור בנוגע די וועלט לגבי אונז, די פענאָמען וועלט,, וועלכע מיר פיהלען מיט אונזערע חושים ; יענע וועלט, וועלכע מיר פיהלען ניט מיט אונזערע חושים ; די וועלט אַן און פיר זיך, איז טאַקע ניט אונטערוואָרפען דיזע געזעצען.

אין ק א נ ט 'ס שיטה ווייזט מען אויף א געוויסע סתירה. א געוויסע ערשיינונג איז לויט ק א נ ט 'ס פילאָזאָפיע מעגליך : ערשטענס, ווען עס ווירקט אויף אונז, די נאָאומען־וועלט, וואָס עקזיסטירט א ו י ס ע ר א ו נ ז און וואָס איז אַן און פיר זיך ניט בעקאַנט, זי גיט נור פון זיך וויסען דורך די איינדריקע, וועלכע זי מאַכט אויף אונז; צווייטענס, דורך די איי־גענשאַפטען פון אונזער „איך“, וועלכער בעאַרבייט און סיסטע־מאַטיזירט דיזע איינדריקע לויט זיינע אייגענשאַפטען. וויבאַלד

אָבער — פרעגט מען — אז יעדע ערשיינונג ווערט ארויסגערופען דורך דער ווירקונג פון דער וועלט, וואָס עקזיסטירט פאר זיך, פון דער נאָאומען־וועלט, קומט דאָך אויס, אז זי, די נאָאומען־וועלט איז די ס ב ה פ ו ן ד י ע ר ש י י נ ו נ ג ע ן א י ן א ו נ ז ע ר וועלט. ק אַ נ ט אַליין זאָגט דאָך אָבער, אז דער בעגריף פון סבה און רעזולטאַט עקזיסטירט בלויז לגבי אונז, אָבער ניט אין דער וועלט לגבי זיך, ניט אין די נאָאומען־וועלט. נעהמען מיר אָן, אז אין דער נאָאומען־וועלט איז ניט פאראַן סבה און רעזולטאַט, איז דאָך שוין בעסער צו בעהויפּטען, ווי פ י כ ־ ט ע מיינט, אז די סבה פון אונזערע פאָרשטעלונגען ליגט אין אונז גופא און איז ניט א רעזולטאַט פון א וועלט, וועלכע ליגט, נאָך ק אַ נ ט ׳ס מיינונג, אויסער אונז, אויף יענער זייט פון אונזערע בעגריפען. און וויבאַלד אז די סבה פון אַלע ערשיינונגען ליגט אין א ו נ ז, טאָ ווער צווינגט אונז איבערהויפּט צו דענ־קען, אז עס איז פאראַן אן אנדער וועלט אויסער אונזער „איך"? אפשר עקזיסטירט אן אויסערליכע וועלט, „א ניט־איך" נור אין אונזערע בעגריפען, ווי ווייט דער „איך" בעגרייפט דאָס, אָהן „איך", אָהן דעם סוביעקט איז אפשר טאַקע קיין אָביעקט ניטאָ? פ י כ ט ע זאָגט טאַקע, אז אויב ק אַ נ ט זאָל געהן לשיטתו ביז׳ן סוף מוז ער קומען צום סוביעקטיווען אידעאַליזם.

מען קען אויך מסכים זיין מיט ק אַ נ ט, אז אונזערע חושים אַרבייטען נור דעמאָלט, ווען די אויסערליכע וועלט רופט עס ארויס, ווען זי פעראורזאַכט. אויב אַזוי מוזען מיר אויך מסכים זיין, אז א סבה און א יוצא עקזיסטירט אויך אין דער אויסערלי־כער וועלט און ניט דוקא אין אונזער בעגריף, אין אונזער פאָר־שטעלונג פון דיזער וועלט. דאָס פיהרט צו דער ריכטיגער מ אַ ־ ט ע ר י אַ ל י ס ט י ש ע ר אַ נ ש ו י אַ ו נ ג, אז די געזעצען פון דער וועלט, וועלכע זיינען פאראַן אין אונזער בעגריף, זיינען ניט א רעזולטאַט פון אונזער סוביעקט, נור זיי זיינען אמת׳ע, אָביעקטיווע געזעצען פון דער אויסערליכער וועלט. אונזער בעגריף בעשאַפט ניט די געזעצען אום זיך לייכט צו מאַכען די פאָרשטע־לונג פון דער וועלט, נור ער ערפאָרשט און ענטדעקט דאָס, וואָס איז שוין אָהן א י ה ם, אָהן זיין סוביעקט פאראַן אין דער נאַטור. ווען די געזעצען וואָלטען ניט עקזיסטירט אָביעקטיוו,

אויסער אונז, וואָלטען זיי אויך אין אונז ניט עקזיסטירט. אונזערע בעגריפען זיינען אויף דעם אופן ניט אנדערש, ווי אַן אָבקלאַנג, אַן אָבשפּיגעלונג פון דער אויסערליכער אָביעקטיוועער נאַטור. וואָס מעהר דיזע געזעצען ווערען אונז בעקאַנט, אַלס מעהר ערקענען מיר די אמת'ע אויסערליכע נאַטור.

ג) דער מאַטעריאַליזם און זיינע בעוויזען.

מיר קעהרען זיך אום צו דער מאַטעריאַליסטישער אנשויאונג אויף דער וועלט, וואו מיר מוזען זיך אויספיהרליך אָבשטעלען.

דער מאַטעריאַליזם, ווי שוין געזאָגט, גלויבט ניט אין געטער, וואָס זיינען געוועזען איידער אונזער וועלט האָט עקזיסטירט און דורך וועמענס ווילען זי, די וועלט, איז בעשאַפען געוואָרען לויט אַ געוויסען, שוין פריהער אויפגעשטעלטען פּלאַן, אַזוי ווי די מאמינים מיינען. דער מאַטעריאַליזם האַלט אויך ניט פון העגעל'ס שיטה, אַז ס'איז פאַראַן אַן אבסאָלוטע אידעע, וואָס עקזיסטירט פון אויביג, ווען פון אונזער וועלט איז נאָך קיין שפּור ניט געווען און אַז זי, די אבסאָלוטע אידעע, איז געווען די סבה, וואָס האָט אַרויסגערופען אונזער ממשות'דיגע ווירקליכע וועלט, וואָס איז ניט אַנדערש, ווי אַן אָבשפּיגלונג, אַ פערקערפּערונג פון איהר, פון דער אבסאָלוטער אידעע. די מיינונג פון אַן אבסאָלוטער אידעע בעטראַכט דער מאַטעריאַליזם פאַר אַ פאַנטאַזיע, פאַר אַן איבערבלייבענים פון אַמאָליגען גלויבען אין געטער, וואָס האָט מיט דער ווירקליכקייט ניט צו טהאָן.

דער מאַטעריאַליזם רעכענט זיך אויך ניט מיט קאַנט'ס רוחניות'דיגער וועלט אַן און פיר זיך, ד. ה. מיט אַ וועלט, וואָס מיר קענען מיט אונזערע חושים ניט משיג־זיין, ווייל זי ליגט אויף יענער זייט גרענעצע פון מענשליכען פיהלען און דענקען. אַ וועלט פון הוילע רוחניות, וואָס האָט ניט קיין גוף און קען ניט ערקענט ווערען דורך די השגות פון גוף, קומט פאַר'ן מאַטעריאַליזם ניט אין בעטראַכט.

דער מאַטעריאַליזם אַנערקענט אויך פאַר פאַלש דעם סובּיעקטיוועון אידעאַליזם, אַז די ווירקליכקייט, די אויסערליכע אָביעקטיווע וועלט, דער „ניט־איך" איז נור אַ בעגריף פון סוביעקט,

אַן אָבשפּיגעלונג פון „איך“. די דאָזיגע שיטות האַלט דער מאַ־טעריאַליזם פאַר פאַלש איבער די אויבענדערמאַהנטע טעמים.

די איינציג־ווירקליכע אמת'ע וועלט איז פאַר'ן מאַטעריאַ־ליזם בלויז די ממשות'דיגע אויסערליכע וועלט, — די וועלט, וועלכע מען קען משיג זיין מיט די חושים; נור מיט דיזער וועלט רעכענט ער זיך. די סוביעקטען, די מענשען בעטראַכט דער מאַטעריאַליזם ניט פאַר אַזוינס, וואָס שטעהט אויסער אָדער איבער די אויסערליכע גשמיות'דיגע וועלט, נור פאַר אַזוינס וואָס שטעהט אינעווייניג, איז אַ טייל פון דער נאַטור און איז אונטערוואָרפען איהרע געזעצען. די אידעען, געדאַנקען, רעיונות — איבערהויפּט אַלץ, וואָס מיר רופען אַן רוחניות'דיגע, ניט־ממשות'דיגע זאַכען, בעטראַכט דער מאַטע־ריאַליזם ניט פאַר עטוואָס זעלבסטשטענדיגעס, וואָס עקזיסטירט אויסער דער מאַטעריע, נור אַלס אַזעלכעס, וואָס ווערט געבאָרען בלויז צוזאַמען מיט דער מאַטעריע, אָבער ניט בעזונדער פון איהר. אונזער ווילען, אונזער דענקען, אונזער בעוואוסט־זיין און די איבעריגע פּסיכישע אייגענשאַפטען, וואָס מען בע־צייכענט מיט'ן אַלגעמיינעם נאָמען: „נשמה“ זיינען ניט אָבגע־זונדערטע זאַכען, נור אייגענשאַפטען, פעהיגקייטען פון שטאָף; די „נשמה“ ווערט געבאָרען, וואַקסט און ענטוויקעלט זיך בלויז מיט'ן געבאָרען ווערען, וואַקסען און ענטוויקלען זיך פון ממשות'־דיגען קערפּער (פון די מאַרך). דאָס גייסטיגע דענקען איז אונ־טערענבאַר פון ממשות'דיגען מאַטעריעלען מח. די מאַטעריע, די גשמיות איז ניט אַ קינד, אַ רעזולטאַט פון גייסט (גאַנץ גלייך, ווי, אין וועלכער פאָרם, יעדער פילאָזאָף־אידעאַליסט בעגרינדעט עס) אָדער אַ בעזונדערע זעלבסטשטענדיגע סובסטאַנץ. דער גייסט איז ניט אַנדערש, ווי אַ העכערע אויסבילדונג פון דער מאַטעריע.

אָהן שטאָף, אָהן מאַטעריע, אָהן מאַרך זיינען גייסטיגע ער־שיינונגען אונמעגליך און עס איז דעריבער לעבערליך זיי צו בע־טראַכטען פאַר עטוואָס זעלבסשטענדיגעס, אָבגעזונדערטעס. און, פערקעהרט, וואָס גרעסער, פיינער, ענטוויקעלטער עס איז די מאַרך, די מאַטעריע, אַלס העכער און ענטוויקעלטער זיינען די גייסטיגע פּסיכישע פעהיגקייטען.

וואס העכער א געוויסער ארגאניזם שטעהט אויפ'ן לייטער פון ענטוויקלונג, אלץ מעהר אויסגעבילדעט זיינען זיינע מ א ט ע־ ר י ע ל ע ארגאנען אין כמות (קוואנטעטאטיוו) און אין איכות (קוואלעטאטיוו), אלס קאמפליצירטער זיינען איינגעארדנעט די נערווען, אלס פיינער און איידעלער איז דער בוי פון שארבען, אלס איידעלער און מעהר געקינסטעלט זיינען די מארך־צעלען אר־ גאניזירט (מיר ריידען פון די חיות וועלכע בעזיצען א מח), אלס העכער, אויסגעבילדעטער און איידעלער זיינען אויך די פסיכישע פעהיגקייטען: דער ווילען, דאס דענקען א. ז. וו.

ביי די ארגאניזמען, וועלכע שטעהען אויף דער נידעריגסטער שטופע פון ענטוויקלונג, ביי יענע, וועלכע האבען ניט קיין חוט השדרה און מארך, זיינען קיין פסיכישע פעהיגקייטען ניט פאראן. ביי דיזע בעשעפעניסען זיינען נור דא רעפלעקס־אייגענשאפטען — ד. ה. געוויסע פעהיגקייטען זיך אבצורופען אויף געוויסע אוי־ סערליכע כחות ווי, א שטייגער, ליכט, ווארעמקייט, פייכטקייט א. ז. וו. דאס קומט אבער פאר אהן א געוויסען ווילען, אהן א געווי־ סען פערלאנג פון דער בעשעפענים. די דאזיגע רעפלעקס־ערשיי־ נונגען זיינען אויך די סמנים פון לעבען ביי פלאנצען. ווען די נידעריגע ארגאניזמען ענטוויקלען זיך מ א ט ע ר י ע ל, קומט פאר א געוויסע צוטיילונג פון דער ארבייט. מיט דעם אברופען זיך אויף די אויסערליכע ערשיינונגען און קרעפטען פאנגען זיך אן צו בעשעפטיגען ס פ ע צ י ע ל ע טיילען פון ארגאניזם, אבער ניט דער גאנצער ארגאניזם. דיזע ספעציעלע טיילען זיינען די נערוועז און דער פיין־אויסגעבילדעטער ארגאן ביי די העכערע בעשעפעניסען — דער מח, צוגעפאסט פאר די גייסטיגע ערשיי־ נונגען. די גייסטיגע ערשיינונגען ווערען בעטראכט אלס א הע־ כערע פארם, וועלכע האט זיך מיט דער צייט ענטוויקעלט פון דער פעהיגקייט צו רעפלעקטירען אויף די אויסערליכע וועלט, וואס איז פאראן ביי א ל ע לעבעדיגע בעשעפעניסען. דאס איבערגעהן, די ענטוויקלונג פון די רעפלעקס־פעהיגקייטען אין די הויכע גייס־ טיגע ווילענס־פעהיגקייטען איז היסטאריש פארגעקומען האנד אין האנד מיט דער מאטעריעלער ענטוויקלונג און קערפער־געבוי פון די העכערע ארגאניזמען (די ענטוויקלונג פון א מארך־צענטער) וועלכע שטאמען אויך פון די נידעריגערע. דאס איז ניט שייך

בלויז בנוגע די ענטוויקלונג פון מין, פון גאַנצען שטאַם, נור אויך בנוגע די ענטוויקלונג פון יעדען פּרט, פון יעדען אינדיווידואום. „דער שכל פון אַ קינד וואַקסט צוזאַמען מיט די יאָהרען“, אַנדערש הייסט דאָס, אַז די פּסיכישע פעהיגקייטען וואַקסען לויט דער ענטוויקלונג פון זיין מח*).

אַז די גייסטיגע, פּסיכישע ערשיינונגען פון די חיות, אַזוי אויך פון מענשען, זיינען ענג פערבונדען מיט דעם נערווען־סיסטעם און דעם בוי פון מח — איז אַ כלל גדול אין דער וויסענשאַפט. ביי די גרויסע געלעהרטע, קינסטלער, גאונים איז די מאַרך מעהר אויסגעבילדעט, סיי אין געוויכט, סיי אין דער פאָרם, ווי ביי אַ מיטעלען מענשען. די אידיאָטען, ווידער, האָבען אַ סך אַן איינ־פאַכערע, ווענינער אויסגעבילדעטע מאַרך. אַ פּאַריזער פּראָפעּ־סאָר, וואָס האָט זיך לאַנג בעשעפטיגט מיט'ן אויסמעסטען דעם שאַרבען און אָבוועגען די מאַרך פון פערשידענע מענשען, האָט בעוויזען, אַז די מאַרך פון ש י ל ע ר, ב י י ר אָ ן, ט ו ר־ג ע נ י ע ו ו און אַזוי ווייטער האָט געוועגען אַ סך מעהר און איז געוועזען מעהר קונציג אָרגאַניזירט, ווי די מאַרך פון אַנדערע מענשען.

די אונגעהייערע גרויסע צאָהל פערזוכען, אויסגעפיהרט פון בעריהמטע דאָקטוירים, פיזיאָלאָגען איבער געוויסע חיות און עופות, בעווייזט בעשיינפערליך, אַז די רוחניות'דיגע נשמה איז אונטרענבאר פון דער גשמיות'דיגער מאַרך. אינטערעסאַנט זיי־נען די פערזוכען, וואָס אַ פראַנצויזישער פיזיאָלאָג האָט געמאַכט מיט אַזעלכע חיות און עופות, וועלכע קענען לעבען נאָך דעם, ווי מען שניידט אַרויס פון זיי די מאַרך. דיזער געלעהרטער פלעגט ביי היהנער אויסשניידען ביסלעכווייז, שיכטענווייז די מאַרך און עס איז ניט קיין גוזמא, ווען ער האָט בעהויפּטעט, אַז דורך דעם האָט ער אויך ביסלעכווייז אויסגעשניטען די נשמה, די גייסטיגע פעהיגקייטען פון דער הוהן. דורך אַזעלכע אָפּעראַציעס

*) איינע פון די גרונדגעזעצען, אויף וועלכע די היינטיגע זאָאלאָגיע איז געגרינדעט, איז דער כלל, אַז דאָס וואַקסען, די ענטוויקלונג פון יעדען פּרט ווידערהאָלט נאָר די פערשידענע שטופען, וועלכע דער גאַנצער מין האָט דורכגעמאַכט אין פערלויף פון זיין ענטוויקלונג.

איז דיזער געלעהרטער געווען אימשטאנד צו ברענגען א הוהן אין אזא צושטאנד, דאס קיין פסיכישע אדער אנדערע גייסטיגע ער־שיינונגען אפילו די עכטע נידעריגסטע, ווי דאס פערלאנגען עסען, טרינקען, פערמיידען פון א געוויסער געפאהר, האט זי ניט ארויס־געוויזען. דאס לעבען גופא איז אבער דורך דעם ניט פערלאשען געווארען. מען האט איהר געקענט יאהרען־לאנג אונטערהאלטען מיט קינסטליכע עסען־געבען. נאך בעסער, אין געוויכט פלעגט אזא מין בעשעפענים צונעהמען. דאס לעבען פון אזעלכע ברואים האט זיך ניט אונטערשיידעט, ווי דאס לעבען פון פלאנצען. וואו מען פלעגט זיי אוועקזעצען, פלעגען זיי זיצען, אהן א שום ווילען און פראטעסט. ביי זיי איז נור נאך געבליבען די פעהיגקייט צו רעפלעקטירען אויף די אויסערליכע רייצען, געוועהנליך אהן שום ווילען, אזוי ווי ביי פלאנצען.

צי דארף מען נאך האבען בעסערע ראיות, אז די נשמה איז ניט עפעס א מין זעלבסטשטענדיגע ערשיינונג, וואס עקזיסטירט אונאבהענגיג פון דער מאטעריע?

די ענטוויקלונגס־לעהרע פון ד א ר ו ו י ן, וואס איבער־ציינגט, אז די אלע ברואים, פלאנצען און חיות, ווי אויך מענשען, האבען זיך ענטוויקעלט פון איינפאכע פראטאפלאזמע, איז אויף דעם אופן דער בעסטער בעווייז גענען די, וועלכע בעהויפטען, אז דער גייסט האט עקזיסטירט פריהער, איידער די וועלט איז בע־שאפען געווארען. מיר זעהען איצט, פערקעהרט, אז דער גייסט וואקסט און ענטוויקעלט זיך נור צוזאמען מיט דעם וואוקס פון דער מאטעריע, אז דער גייסט איז נור פאראן דארט, וואו עס איז פאראן מארך. דערפון איז געדרונגען, אז איידער די בריאה האט זיך אויסגעבילדעט אין אזעלכע הויך־ענטוויקעלטע ארגאניזמען, ווי חיות און מענשען, וועלכע בעזיצען א מח, האט אויך פון דער נשמה, פון א געוויסען גייסט קיין זכר אפילו ניט געקענט זיין.

פיעלע אידעאליסטען, אזוי אויך די דואליסטען, וועלכע זא־גען, אז די בריאה איז צוזאמענגעשטעלט פון צוויי זעלבסט־שטענדיגע פרינציפען: פון גייסט און מאטעריע, פערגלייכען דאס פערהאלטען זיך פון גייסט צו דער מאטעריע, פון נשמה צום מח, ווי א קלאוויר־שפילער צום קלאוויר. די טענער געהען טאקע

ארום פונ'ם קלאַוויר, אָבער ווען דער שפּילער אַליין וואָלט ניט וועלען רעגירען מיט'ן קלאַוויר, וואָלטען די טענער זיך ניט לאָזען הערען, ווייל דער קלאַוויר איז מעהר ניט, ווי א מיטעל, א געצייג, אַן אינסטרומענט, דורך וועלכען דער שפּילער פיהרט דורך זיין ווילען. און דעריבער — טענה'ן זיי — איז זעלבסטפערשטענדליך, אַז אָהן די מארך, אָהן דעם אינסטרומענט, קען דער גייסט זיין טעטיגקייט ניט בעווייזען.

דיזער פּאַראַלעל האַלט אָבער ניט אויס. אויב די מאַטעריע זאָל זיין ניט מעהר, ווי אַן אינסטרומענט ביי'ם גייסט, טאָ ווי קומט עס, אַז ער, דער גייסט איז שטענדיג צוזאַמען מיט דער מאַטעריע, אַז ער וואַקסט, ווערט קלענער און גרעסער, לעבט, שלאָפט, קרענקט נור דאַן, ווען עס קומט דאָס אייגענע פאַר מיט דער מאַטעריע? און ווי מיר האָבען שוין געזעהן קען א געוויסע בעשעפענים נאָך לעבען, אפילו ווען דער אינסטרומענט פאַר די גייסטיגע ערשיינונגען איז אין גאַנצען שוין ניט פאַראַן. אין אַזאַ אָבהענגיגקייט, ווי דער גייסט שטעהט צו דער מאַטעריע, שטעהט קיין קלאַוויר־שפּילער, קיין מייסטער ניט צו זיין אינסטרומענט.

נו, וועט מען אָבער פרעגען: „אמת טאַקע דער גייסט ענטוויקעלט זיך צוזאַמען מיט דער מאַטעריע, עס איז אויך אמת, אַז די הויך־אויסגעבילדעטע אָרגאַניזמען, וועלכע ווייזען ארויס הויכע גייסטיגע אַרבייט, האָבען זיך ענטוויקעלט דורך א לאַנגער אונגעהייער גרויסער קייט, דורך צווישען־שטופען פון די איינפאַכע איין־צ עלי ג ע אָרגאַניזמען. דיזע צעלען מוזען דאָך אָבער בעזיצען א געוויסע ג י י ס ט י ג ע אייגענשאַפט, א לעבענספּ ע ה י ג ק י י ט, דורך וועלכע זיי אונטערשיידען זיך פון איינפאַכער מאַטעריע, פון אונאָרגאַנישע, אונלעבעדיגע עלעמענטען, זיי מוזען דאָך האָבען די פעהיגקייטען זיך אָבצורופען אויף די אויסערליכע קרעפטען; פון וואַנעט — פרעגט זיך — האָט זיך גענומען אָט די ערשטע גייסטיגע פעהיגקייט? אויב דער גייסט איז ניט א זעלבסטשטענדיגער כח, אויב ער איז נור א רעזולטאַט פון דער מאַטעריע, אויב ער ווערט געבוירען, לעבט, שטאַרבט און פערשווינדעט צוגלייך מיט איהר, און אויב די לעבענס־ערשיינונגען אין דער לעבענדיגער צעלע זיינען ניט מעהר,

ווי די אייגענשאַפטען פון דער שטאָף, פון וועלכע די צעלע איז אויפגעבויט — טאָ פאַר וואָס מוז אַ לעבענדיגער אָרגאַניזם ארויסקומען דוקא פון אַ *לעבענדיגער* צעל? פאַר וואָס ווערען איצט ניט בעשאַפען לעבענדיגע אָרגאַניזמען פון איינפאַכער מאַטעריע? פאַר וואָס זעהט מען איצטער ניט, דאָס ערגעץ וואו האָט זיך ענטוויקעלט אַזאַ מין צעל־שטאָף, וועלכע איז דער אויסגאַנגס־פונקט פון אַלעס, וואָס לעבט, פיהלט, דענקט אין אונזער וועלט? מיט וואָס איז צו ערקלעהרען דעם גרענעץ צווישען די ניט־אָרגאַנישע, אונלעבענדיגע און די אָרגאַנישע, לעבענדיגע נאַטור?"

אַ קלאָהרע תשובה אויף דיזע פראַגען האָט נאָך ביז איצט די מאַטעריאַליסטישע אַנשויאונג ניט געגעבען, דאָס איז נאָך דערווייל איינע פון די פינסטערע, פערשלאָסענע ווינקלען אין דער בריאה, וועלכע זיינען נאָך ניט געעפענט געוואָרען. אָבער דאָס הייסט נאָך ניט, אַז מען דאַרף זיך מיאש זיין און זיך אָבזאָגען פון מאַטעריאַליזם און ערקלעהרען די גאַנצע בריאה מיט איבערנאַטירליכע, ניט־מאַטעריעלע קרעפטען, מיט אַ מין רוח־אלהים אויף דעם סמך, וואָס פיעלע פראַגען זיינען דורכ'ן מאַטעריאַליזם *דערווייל* נאָך ניט פערענטפערט. „די אָנהענגער פון דער מיינונג, אַז עס איז פאַראַן אַ ספּעציעלער רוח חיים, אונאָבהענגיג פון דער מאַטעריע — בעמערקט איראָניש פ. א. *לאַנגע* — ליעבען צו מאַכען פּליטה אין יעדען דונקעלען ווינקעל פון דער נאַטור, וועלכע די וויסענשאַפט האָט נאָך ניט בעוויזען צו בעלייכטען. אין אַ זעלכע פינסטערע ווינקלען גנב'ענען זיי זיך, די אידעאַליסטען, הייסט עס, אַריין צו וועבען דאָרט זייערע נעצען אום צו פאַנגען און צו פערפּלאָנטערען דעם געזונטען מענשליכען פערשטאַנד".

די אויפגאַבע פון דער וויסענשאַפט איז ניט זיך אָבצוזאָגען פון צו פערענטפערען פערשידענע אונפערשטענדליכע ערשיינונגען און זיי צושרייבען אונבעגרייפליכע אונזעהבאַרע קרעפטען, נור פערקעהרט, די וויסענשאַפט האָט די אויפגאַבע צו ערפאָרשען, חוקר ודורש צו זיין, מאַכען דאָס אונבעגרייפליכעס, אונפערשטענדליכעס פאַר בעגרייפליך און פערשטענדליך, דאָס איבערנאַטירליכעס פאַר נאַטירליך.

איבעריגענס האָט זיך שוין די געלעהרטע אין דער לעצטער צייט איינגעגעבען אַריינצודרינגען מיט זייערע שאַרפזיכטיגע בלי־קען אויך אין די פערבאָרגענע ווינקלען, וואו די נאַטור וועבט בסוד סודות די פעדים פון דער לעבענדיגער בריאה. עס ווערט שוין ביסלעכווייז אַרונטערגעריסען דער דיקער שלייער פון דער געהיימניס, ווי אַזוי די אָרגאַנישע לעבענדיגע נאַטור איז ענט־שטאַנען.

דער בעריהמטער פּראָפעסאָר ע ר נ ס ט ה ע ק ע ל פון י ע נ א האָט בעוויזען, אַז די איין־צעליגע אָרגאַניזמען זיינען ניט, ווי מען האָט געמיינט, די ערשטע לעבענדיגע בעשעפעניסען פון דער בריאה. זיי, דיזע קליינע איינפאַכסטע אָרגאַניזמען, זיי־נען שוין אויך אַ פּראָדוקט פון אַ לאַנגער קייט שטופען־אַרטיגער ענטוויקלונג. די ערשטע אורשפּרינגליכע לעבענס־שטאָף איז ניט קיין גאַנצע צ ע ל ע, אָדער צעל־קערן, נור פיעל איינפאַכערע לעבענס־פאָרמען, וועלכע בעשטעהען פון שטיקלעך פּלאַזמאַ אָהן אַ שום פאָרם. די פּלאַזמאַ גופא איז צוזאַמענגעזעצט פון איי־ווייס־קערפּער (אַ מין פערצווייגטע פערבינדונג פון וואַסער־שטאָף, זויער־שטאָף, קוילען־שטאָף און שטיק־שטאָף). אָט דיזע שטיקלעך פייכ־טע איי־ווייס־קערפּער זיינען די ערשטע לעבענדיגע אורשטאָף, פון וועלכע די גאַנצע לעבענדיגע נאַטור מיט אַלע גייסטיגע, פּסיכישע ערשיינונגען האָבען זיך ענטוויקעלט.

די איי־ווייס־קערפּער גופא האָט זיך איינגעגעבען אין דער לעצטער צייט דעם בעריהמטען ב ע ר ל י נ ע ר כעמיקער ע מ י ל פ י ש ע ר צוזאַמענצושטעלען פון איינפאַכע עלעמענ־טען, וועלכע געפינען זיך אין אונזער רשות. ווען אָט די אַלע וויכטיגע פאָרשונגען וועלען געענדיגט ווערען, וועט, האָפענטליך, איינפאַלען דער שייד־וואַנד צווישען דער לעבענדיגער בעגייסטער־טער אָרגאַנישער און דער טויטער מאַטעריעלער אונאָרגאַנישער נאַטור, אַזוי ווי דורך ד אַ ר ו ו י נ ׳ ס ענטוויקלונגס־לעהרע איז פערשוואונדען געוואָרען דער טיעפער אָבגרונד צווישען טיער־רייך און פלאַנצען־רייך. מיט אונזערע אויגען קענען מיר געוועהנ־ליך ניט בעמערקען ווי אַזוי איין מין בעשעפענים ענטוויקעלט זיך פון אַ צווייטען מין, אָדער בעסער, ווי אַזוי אַ מענש האָט זיך ענט־וויקעלט פון אַ שטיק פּראָטאָפּלאַזמאַ. ביי די געלעהרטע איז

אָבער קיין ספק ניט, אַז עס איז אין אמת׳ן אַזוי פאָרגעקומען די ענטוויקלונג, הגם עס האָט געדויערט מיליאָנען יאָהרען. עס איז דעריבער אויך מעגליך, אַז אין אַ פערלויף פון אַזוי פיעל יאָהרען קענען זיך טאַקע אונאָרגאַנישע עלעמענטען ביסלעכווייס פערוואַנד־לען אין פּראָטאָפּלאַזמאַ־שטאָף, געוועהנליך ביי געוויסע נויטיגע אויסערליכע בעדינגונגען. אויב מען בעמערקט ניט איצט, עס זאָל ענטשטעהן אַ לעבענדיגע פּראָטאָפּלאַזמאַ, קען דאָס ערשטענס זיין צוליעב דעם, וואָס מיר קענען איבערהויפּט נור נאָכשפּירען אַ בע־גרענצטע צייט, וואָס איז לפי ערך זעהר ווייניג פאַר אַזאַ ענטוויק־לונג, וועלכע פאָדערט מיליאָנען־יאָהרען; צווייטענס צוליעב דעם, וואָס איצטער זיינען די אַרומיגע קלימאַטישע אומשטענדען ניט פּאַסיג דערצו.

דער פערפלאָנטערטער רעטעניש פון דער לעבענדיגקייט אין דער בריאה, צוליעב וועלכען פיעל זעהען אין דער נאַטור אַן אי־בערנאַטירליכעס, אונמאַטעריעלעס, ווערט לויט דיזע פאָרשונגען איינגאַנצען פערנאַנדערגעפּלאָנטערט, און דער וועלט־רעטעניש בע־קומט אַ לייזונג, מען הערט אויף צו געפינען געטער, אונזעהבאַרע כחות דאָרטען, וואו עס ווירקען אין אמת׳ן נור די געזעצען פון דער ממשות׳דיגער מאַטעריע.

ד) די מאָניסטישע אַנשויאונג אויף די נאַטור.

צווישען די אָנהענגער פון דער מאַטעריאַליסטישער אַנשוי־אונג, וועלכע האַלטען ניט אַז עס עקזיסטירען גייסטער א ו י־ס ע ר אָדער איבער דער מאַטעריע און אַז די מאַטעריע ווערט רעגירט דורכ׳ן גייסט׳ס ווילען, אונטערשיידעט מען אויך פער־שידענע מיינונגען בנוגע די עצם־זאַך פון דעם גייסט, אָדער פון די ערשיינונגען אין דער נאַטור, וועלכע ווערען אָנגערופען מיט׳ן נאָמען „גייסטיגע ערשיינונגען“.

פיעלע מאַטעריאַליסטען זיינען איבערהויפּט כופרים בעיקר, זיי מאַכען איינגאַנצען חוזק פונ׳ם וואָרט: „גייסט“. אַ גייסט איז נאָך זייער מיינונג איבערהויפּט ניט פאַראַן. און דער נאָמען בעצייכענט טאַקע ניט דאָס, וואָס איז אין אמת׳ן. עס איז נור פאַראַן מאַטעריע, גשמיות, וואָס בעזיצט געוויסע אייגענשאַפטען, ווי צום ביישפּיעל בעוועגונג און נאָך כעמישע און פיזישע אייגענ־

שאפטען (ווי ליכט, וואַרעמקייט, עלעקטריציטעט א. ז. וו.). די גייסטיגע ערשיינונגען זיינען ניט אנדערש, ווי א געוויסע פאָרם פון דער מאַטעריע׳ס בעוועגונג. „דער געדאַנקען — זאָגט דער בעוואוסטער מאָלעשאָט — איז א בעוועגונג פון שטאָף, „מאַטעריע“, ד. ה. די מאַטעריע אַליין איז טאַקע ניט גייסטיג, האָט ניט קיין ווילען, קיין נשמה, אָדער א בעוואוסטזיין; ווען זי איז אָבער צוזאַמענגעזעצט אויף א געוויסען אופן (אויף אזא אופן, ווי די מארך איז צוזאַמענגעזעצט) און בעוועגט זיך אויף א געוויסען אופן (ווי די בעוועגונג, וואָס קומט פאָר צווישען די מארך־צעלען) ענטשטעהט דאָס, וואָס מען האָט א נאָמען געגעבען „גייסטיגע ערשיינונגען“: דאָס דענקען, ערקענען, פיהלען, דער ווילען, דער בעוואוסטזיין — מיט איין וואָרט אַלעס, וואָס ווערט בעצייכענט מיט׳ן נאָמען: „נשמה“. לויט דיזער שיטה איז דער גייסט בלויז א געוויסע פאָרם פון דער טויטער מאַטעריע, אָבער עס ליעגט ניט אין עצם זאַך, אין דער זאַך פון דער מאַטעריע גופא. כל זמן די מאַטעריע איז ניט אָרגאַניזירט אויף א געוויסען אופן, פערמעגט זי אויך ניט קיין געוויסע גייסטיגע אייגענשאַפטען. עס קומט דעריבער אויס, אז דער גייסט, די נשמה ענטשטעהט נור דאַן, ווען עס איז פאַראַן א געוויסע סומע, א סך־הכל פון אַטאָמען*), אָבער יעדער אַטאָם בעזונדער בעזיצט ניט קיין גייסט.

די שפּעטערדיגע מאָניסטישע פאָרשער בעהויפּטען אָבער, אז די מאַטעריע אַליין איז בעגייסטערט, יעדער אַטאָם מאַטעריע איז אין דער אייגענער צייט אויך אַן אַטאָם־נשמה. די פעהיגקייט פון „בעוואוסטזיין — זאָגט מייגערט — מוז ליגען אין עצם פון יעדען אַטאָם; ווען יעדער אַטאָם בעזונדער וואָלט ניט זיין פעהיג צום בעוואוסטזיין, וואָלט א סומע, א סך־הכל פון אַטאָמען (אונזער מארך הייסט עס) אויך ניט האָבען א בעוואוסטזיין“. דיזע מאָניסטישע נאַטור־אַנשויאונג לייקענט ניט

*) אַן אַטאָם איז דאָס קלענסטע טיילכעל פון א געוויסען עלעמענט, וואָס קען שוין ווייטער ניט געטיילט ווערען. אין כעמיע איז אָנגענומען די השערה, אז אַלע עלעמענטען בעשטעהען פון אַטאָמס.

אין גייסט, אין נשמה; פערקעהרט, לויט דיזער שיטה איז ניט פאראן קיין טויטע מאטעריע, קיין מאטעריע אהן גייסט. „איך קען ניט — זאגט דער בעריהמטער נאטור־פארשער און נאטור־פילאזאף פון אונזער צייט ע ר נ ס ט ה ע ק ע ל — איך קען ניט קיין טויטע און רויהע מאטעריע, איך קען ניט קיין סובסטאנץ, וואס זאל ניט פיהלען, און ניט האבען א חוש, א השגה". די אלע כעמישע, פיזישע און מעכאנישע אייגענשאפטען פון דער מאטעריע, די ענערגיע — איז די נשמה פון דער מאטעריע. די נשמה איז אבער ניט א בעזונדער, זעלבסטשטענדיגער פרינציפ, וואס שטעהט אויסער די מאטעריע. א י ן ד ע ר ב ר י א ה איז דא נ ו ר א י י ן פ ר י נ צ י פ, א י י ן ס ו ב־ס ט א נ ץ — ד י ו ו ע ל ט־ס ו ב ס ט א נ ץ. די וועלט־סובסטאנץ האט איינציגע זייטען, איינציגע פארמען: א מאטעריעלע פארם, וואס מוז פערנעהמען א געוויסען שטח, א געוויסען רוים, און מיר קענען דאס דעריבער משיג זיין מיט אונזערע חושים, און א גייסטיגע פארם, א רוחניות'דיגע זייט, וואס פערנעהמט ניט קיין שטח. דאס איז די נשמה. דיזע ביידע זייטען זיינען אונ־טרענבאר, זיי עקזיסטירען קיין מאל ניט איינע אהן דער אנדערער. וואו עס איז פאראן מאטעריע — איז פאראן גייסט, וואו גייסט — דארטען מאטעריע. א פערענדערונג אין דער מאטעריע קען ניט פארקומען אהן א פערענדערונג אין גייסט, און אומגע־קעהרט, ווייל די וועלט־סובסטאנץ איז גייסט און מאטעריע צוזא־מען. גייסט און מאטעריע — דאס זיינען צוויי פארמען פון איין אינהאלט, צוויי צורות פון איין גוף. אמאל ווייזט זיך דער אינ־האלט — די וועלט־סובסטאנץ אין איהר ג י י ס ט י ג ע ר פ א ר ם, אמאל אין איהר מ א ט ע ר י ע ל ע ר פארם. דאס ווענדעט זיך פון וואסער זייט מיר קוקען. בעטראכטען מיר די וועלט־סובסטאנץ אין רוים, אין שטח, קומט זי אונז אויס א גשמיות, א מאטעריעלעם וועזען; בעטראכטען מיר זי, נאך דעם, ווי מיר בעזייטיגען אין אונזער בעגריף איהר פעהיגקייט צו פערנעהמען א געוויסען פלאץ — ערשיינט די וועלט־סובסטאנץ פאר אונז אלס א רוחניות, א גייסטיגעס וועזען. בעטראכטען מיר ווידער די וועלט־סובסטאנץ אין א ל ע א י ה ר ע ג ע ש ט א ל ט ע ן און פארמען — איז זי ג י י ס ט י ג א ו ן מ א ט ע ר י ע ל

צוזאַמען, ווייל עס איז ניטאָ גייסט אָהן מאַטעריע און מאַטעריע אָהן גייסט, גייסט איז ניט אַ זאַך פאַר זיך, אַזוי ווי מאַטעריע איז ניט אַ זאַך פאַר זיך. זיי ביידע זיינען אַטריבוטען (סמנים, צייכענס) פון איין סובסטאַנץ — פון דער וועלט־סובסטאַנץ. אַ בלאַט פון אַ בוים האָט איינציגע סמנים: עס איז גרין, פלאַך, רונד אָדער געצאַקט א. ז. וו. די גרינקייט איז די אייגענשאַפט פון בלאַט, אַזוי ווי די פלאַכקייט. דאָס בלאַט איז ניט ד ו ק א גרין אָדער דוקא פלאַך. עס איז גרין און פלאַך צוזאַמען. די בלאַט־סובסטאַנץ פערקערפּערט זיך אין דער אייגענשאַפט אויס־צואווייזען גרין און אין דער אייגענשאַפט צו פערנעהמען אַ פלאַ־כען שטח. בעטראַכט פון קאָליער־שטאַנדפּונקט איז דאָס בלאַט — גרין; בעטראַכט פון רוים־שטאַנדפּונקט איז עס פלאַך. אַזוי ווי די גרינקייט און פלאַכקייט פון דער בלאַט־סובסטאַנץ, פער־האַלטען זיך איינע צו דער אַנדערער די מאַטעריעלע און גייסטיגע אייגענשאַפטען פון וועלט־סובסטאַנץ.

די דאָזיגע מאָניסטישע אַנשויאונג איז, ווי מיר זעהען, איי־גענטליך ניט מאַטעריאַליסטיש אין איינפאַכען זין. מען קען זי אָנרופען אידעאַליסטיש אַזוי ווי מאַטעריאַליסטיש. זי אַנערקענט גייסט צוגלייך מיט מאַטעריע און איז ניט מסכים מיט די געוועהנ־ליכע מאַטעריאַליסטען, אַז די וועלט איז נור גשמיות. זי איז אָבער מאַטעריאַליסטיש אין דעם זין, וואָס זי האַלט ניט פון גע־טער, גייסטער, נשמות, אַלס זעלבסטשטענדיגע פּרינציפּען, וועלכע זיינען א ו י ס ע ר אונז, א ו י ס ע ר אונזער נאַטור. זי, די מאָניסטישע אַנשויאונג, אַנערקענט נ ו ר די איינציגע אוי־סערליכע נאַטור און ניט קיין אַנדערע כחות. אָבער די נאַטור איז גייסט און מאַטעריע צוזאַמען. די נשמה פון מענשען איז ניט אַ זעלבסטשטענדיגער כח, וואָס איז פעראייניגט מיט'ן מענשען (מיט'ן גוף הייסט עס) און ליגט ניט אונטער די נאַטירליכע גע־זעצען, אונטער וועלכע דער גוף, דער חמר איז אונטערגעוואָרפען. די נשמה איז אונטרענבאַר פון גוף. דער מענש — די מענשליכע סובסטאַנץ איז נ ש מ ה א ו ן ג ו ף צ ו ז א מ ע ן. אַ פערענדערונג אין גוף, אין חמר איז אין דער אייגענער צייט אַ פערענדערונג אין נשמה, אין גייסט. דער חמר און די נשמה זיינען אידענטיש (זיינען איינע און די זעלבע). דענקען מיר אַנ־

דערש, ווי פריהער איז מסתמא דער קערפער־געבוי אין א געווי־סען זין (ד. ה. די צעלען פון אונזער מח) אנדערש, ווי פריהער; בעוועגען זיך צוליעב די אויסערליכע איינדריקע פון דער ארומי־גער וועלט די צעלען פון אונזער מארך אנדערש — ד ע נ ק ע ן מ י ר א נ ד ע ר ש.

דיזע אנשויאונג, וואס איז היינט אנגענומען ביי די בעדייטענדסטע נאטור־פארשער און איז אזוי קלאהר וויסענשאפטליך בעגרינדעט פונ'ם דערמאהנטען געלעהרטען ע ר נ ס ט ה ע־ק ע ל, איז געווען די אנשויאונג פון אונזער אידישען פילאזאף ב ר ו ך ס פ י נ א ז א, מיט דעם אונטערשייד, וואס ס פ י־נ א ז א האט אנגערופען דעם איינציגען וועלט־פרינציפ, וואס פערקערפערט זיך אין גשם און רוח, מאטעריע און גייסט — ג א ט, און די נאטור־פארשער רופען דאס אן ו ו ע ל ט ־ ס ו ב־ס ט א נ ץ. „ווען מיר בעטראכטען — זאגט ל ו ד ו ו י ג פ י י ע ר ב א ך — גוט די סובסטאנץ, וואס ס פ י נ א ז א רופט אן „גאט", זעהען מיר, אז דאס איז ניט אנדערש, ווי די נאטור".

אט די מאניסטישע וועלט־אנשויאונג אויף די נאטור, דער פאטער פון וועלכער עס רעכענט זיך ב ר ו ך ס פ י נ א ז א, איז אויך די אנשויאונג פון מ א ר ק ס און ע נ ג ע ל ס, וועלכע זיינען אין דיזער הינזיכט ד. ה. בנוגע די אנשויאונג אויף די נאטור, געווען תלמידים פון ל ו ד ו ו י ג פ י י ע ר ב א ך. מ א ר ק ס און ע נ ג ע ל ס זיינען אבער געגאנגען ווייטער, זיי האבען אנגעווענדעט דיזע שיטה ביים פארשען די ה י ס־ט א ר י ש ע ערשיינונגען. — וועגען דעם אין ווייטערדיגען קאפיטעל.

III

דער היסטאָרישער מאַטעריאַליזם

א) די אַנשויאונגען ביז מאַרקס׳ן.

די מאַטעריאַליסטישע אַנשויאונג אויף די נאַטור האָט אויך געוואָרפען אַ גאַנץ אַנדער ליכט אויף די מענשליכע געשיכטע, אויף אונזער היסטאָריע.

די היסטאָריע איז אַ קייט פון געזעלשאַפטליכע פּאַסירונגען און ערשיינונגען, וועלכע ווערען אויסגעביטען און פערענדערט איינע אויף די צווייטע. אַ געוויסע געזעלשאַפטליכע פּאַסירונג איז דער אויסדרוק פון דער געזעלשאַפטס פערלאַנג, פון איהר ווי־לען. אָהן דעם ווילען פון דער געזעלשאַפט איז אַ געזעלשאַפט־ליכע ערשיינונג אונמעגליך, אַזוי ווי ס׳איז אונמעגליך אַ געוויסע טהאַט, אַ געוויסע בעוואוסטע ארבייט ביי יעדען יחיד, אָהן דעם יחיד׳ס ווילען. דער ווילען און פערלאַנג פון געזעלשאַפט, פון כלל, ווערט צוזאַמענגעשטעלט פון א י י נ צ י ג ע ווילענס און פערלאַנגען. דער כלל־ווילען איז דער סך־הכל פון די יחידים׳ס ווילענס. יעדער יחיד, יעדער אינדיווידואום שטרעבט דורכצו־פיהרען זיין אייגענעם ווילען, איז אויסען זיין אייגענע טובה און מיינט גאָר ניט די טובת הכלל. אָבער דיזע פערשיידענע שטרע־בונגען פון פערשיידענע איינציגע מענשען טרעפען זיך צוזאַמען, זיינען זיך טיילמאָל סותר, שטערען איינער דעם צווייטען פריי זיך צו בעוועגען, ביז וואַנען זיי גלייכען זיך אויס, קומען צו א פּשרה. דיזע פּשרה איז דער ווילען פון כלל, פון דער געזעלשאַפט. דער כלל־ווילען, דער כלל־פערלאַנג איז די סבה פון פערשידענע געזעל־שאַפטליכע איינריכטונגען און אינסטיטוציאָנען, אין וועלכע ער, דער ווילען, פערקערפּערט זיך. אַ געוויסע אינסטיטוציאָן איז ניט אַנדערש, ווי א ממשות׳דיגע פאָרם, אין וועלכער דער ווילען פון פאָלק קליידט זיך אָן. יעדע קהל׳שע זאַך טראָגט אויף זיך דעם שטעמפּעל פון קהל׳ס רצון. פאַר געזעלשאַפטליכע אינסטיטו־

ציאָנען, וועלכע כאַראַקטעריזירען דעם כּלל׳ס פּערלאַנגען און ווי־לען, וועלכע פערקערפּערען אין זיך דעם כּלל׳ס גייסטיגען „איך“, בעטראַכט מען: די רעליגיאָן, די מדות, די זיטען (עטהיק), דאָס רעכט, די געזעצען, די פּאָליטישע אָרדנונג (דער רעזשים) און אַלעס, וואָס רעגולירט די בעציהונגען פון איין מענשען צום צוויי־טען. דיזע אַלע אינסטיטוציאָנען שפּיגלען אין זיך אָב דעם גייסט, די פּסיכאָלאָגיע, די נשמה פון דער געזעלשאַפט, אַזוי ווי די מעשים פון איינציגען שפּיגלען אין זיך אָב די נשמה, די פּסיכאָלאָגיע, פון דעם איינציגען. דאָס גייסטיגע שטרעבען, די אידעען פון דער גע־זעלשאַפט, וועלכע ווערען פערקערפּערט אין די געזעלשאַפטליכע איינריכטונגען און אינסטיטוציאָנען, רופט מען מיט׳ן נאָמען די געזעלשאַפטליכע אידעאָלאָגיע. די געזעלשאַפטליכע אידעאָלאָגיע איז אויף אַזאַ אופן אַ געביידע וואו די ציגעל, פון וועלכע זי איז אויפגעבויט, זיינען די שטרעבונגען, די פּערלאַנגען פון יעדען יחיד. ווען ס׳זאָלען ניט זיין פריהער איינציגע בעזונ־דערע פּערלאַנגען און ווילענס פון פערשיידענע יחידים, וואָלט געווען אונמעגליך אַן אַלגעמיינער, אַ כּלל־ווילען און עס וואָלט ניט גע־קענט זיין אַ געזעלשאַפטליכע אידעאָלאָגיע.

כּל זמן מען האָט געמיינט, אַז דער גייסט איז אַ זאַך, וואָס ליגט ערגעץ וואו אויסער אונז און רעגירט מיט אונז ווי איהם, דעם גייסט, גלוסט זיך, האָט מען אויך, זעלבסטפערשטענד־ליך, געמוזט אָננעהמען, אַז די גאַנצע היסטאָריע, די אַלע ערשיי־נונגען אין דער געזעלשאַפט, די אידעאָלאָגיע, איז עפּעס אַ מתנה פון אויסערליכען גייסט, פון דער אידעע, וואָס ליגט אויף יענער זייט פון אונזער עקזיסטענץ. די זיטען־לעהרע, וואָס איז נור אַ פערצווייגונג, אַן אויסברייטערונג פון׳ם פּסוק: „ואהבת לרעך כמוך“, האָט מען געמיינט, איז אַ געפיהל־זאַך, אַ זאַך, וואָס ליגט אין מענשענס נשמה, ווייל דער מענש, דער בחיר פון די בעשע־פעניסען, איז בטבע אַ בעל רחמים. די מדות זיינען ניט אַ רע־זולטאַט פון וואָכענדיגען איינפאַכען לעבען, נור עפּעס אַ זאַך, וואָס האָט מיט׳ן פּשוט׳ן לעבען ניט צו טהאָן; דאָס שטעהט הע־כער פון לעבען, דאָס איז אַ חוק, אַ דאָגמע פון געטליכען גייסט. אַזוי האָט מען אויך דאָס רעכט בעטראַכט ניט פאַר אַ זאַך, וואָס שטאַמט פון מענשליכען לעבען און וואָס ווערט רעגולירט

דורך די מענשליכע אינטערעסען, נור פאַר אַ רעזולטאַט פון מענ־שענס שטרעבען צו יושר און גערעכטיגקייט.

די מאַטעריאַליסטישע אַנשויאונג אָבער קוקט אויף די ווירק־ליכקייט אָהן אידעאַליסטישע ברילען, זי פער„געט“ערט און בע־„גייסט“ערט ניט די אַרומיגע וועלט און די ערשיינונגען; זי בע־טראַכט זיי פשוט, אַזוי ווי זיי זיינען אין אמת'ן. די סבה פון אַ געוויסער געזעלשאַפטליכער אינסטיטוציאָן — בעהויפּטעט די מאַטעריאַליסטישע אַנשויאונג — איז ניט אַן אויסערליכער גייסט, נור די ע נ ט וו י ק ל ו נ ג ג ו פ א, די אויסערליכע בעדינגונגען און אומשטענדען, צווישען וועלכע די מענשען לע־בען. דער אַרומיגער קרייז, די סביבה איז די אורזאַכע פון דער געזעלשאַפטליכער אידעאָלאָגיע, און ווען די געזעלשאַפטליכע אי־דעאָלאָגיע איז אַנדערש, ווי אַמאָל, זי ענטוויקעלט זיך, איז דאָס ניט דעריבער, ווייל אַזוי וויל דער אַלמעכטיגער גייסט, נור ווייל די מאַטעריעלע סביבה, די אומשטענדען געפינען זיך אין אַ שטענ־דיגער ענטוויקלונג און פאָדערען איצט אַן אַנדער אויסדרוק, אַן אַנדער פאָרם, ווי פריהער. ווען דער מענש, און ממילא אויך די מענשהייט, דענקט ד ו ק א אַ ז ו י און ניט אַנדערש, מוז מסתמא די מארך פונ'ם דענקענדען מענשען, לויט דער מאַטע־ריאַליסטישער אַנשויאונג, זיין אָרגאַניזירט אָדער זיך בעוועגען אויף ד ו ק א אויף אַ געוויסען אופן און ניט אַנדערש. פער־שיידענע מענשען האָבען, געוועהנליך, פערשיידענע געדאַנקען דע־ריבער, ווייל ביי דיזע פערשיידענע מענשען איז די מארך אָרגאַ־ניזירט קוואַנטיטאַטיוו און קוואַליטאַטיוו פערשיידען. אַ פערענ־דערונג, אַ פערשיידענהייט אין דעם מארך קען נור דאַן פאָרקומען, ווען ס'זיינען דאָ אויסערליכע רייצען, אויסערליכע איינדריקע, דורך וועלכע די מארך נעהמט אָן אַ נ אַ נ ד ע ר פאָרם, וואָס איז פערשיידען פון דער פאָרם ביי אַ צווייטען מענשען, ווען זי פאַנגט זיך אָן אַנדערש צו בעוועגען. ווען ניט די פ ע ר ש י י ־ ד ע נ ע אויסערליכע רייצען, דורך וועלכע די מארך בעקומט פ ע ר ש י י ד ע נ ע איינדריקע, וואָלט קיין פערענדערונג אין דער מארך ניט פאָרגעקומען, און די געדאַנקען וואָלטען בלייבען שטענדיג אונפערענדערט און וואָלטען זיך ניט אונטערשיידען פון אַ צווייטען מענשענס געדאַנקען.

וויל איך וויסען פון וואנען עס נעהמט זיך די אָדער יענע איינריכטונג, די אָדער יענע געזעלשאַפטליכע פערלאַנגען און שטרעבונגען, מוז איך גוט אויספאָרשען די ארומיגע בעדינגונגען, די ארומיגע סביבה, וואו די מענשען געפינען זיך, ווייל דער ווילען און פערלאַנגען זיינען אויך ניט מעהר, ווי א רעזולטאַט פון די א ו י ס ע ר ל י כ ע רייצען, וועלכע דער מענש בעקומט ניט א י ן ז י ך, נור א ו י ס ע ר זיך, פון דער אויסערליכער סביבה. אויב די מענשליכע געדאנקען און געפיהלען ענדערען זיך, איז דערפון א ראיה, אז די אויסערליכע אומשטענדען ענדערען זיך; אויב דער מענש בעקומט א פאָרשטעלונג פון אן ערשיינונג, אן אנדערע, ווי פריהער, איז דערפון געדרונגען, אז די אָביעקטען, די ארומיגע זאכען, אויף וועלכע עס זיינען געווענדעט דעם מענשענס חושים, האָבען זיך געענדערט און זיינען אנדערע, ווי פריהער. „ד ע ם מ ע נ ש ע נ ס ג ע ד א נ ק ע ן־ו ו ע ל ט א י ז א ן אָ ב ש פּ י ג ל ו נ ג פ ו ן ד ע ר א מ ת׳ ע ר ו ו י ר ק ל י כ ע ר ו ו ע ל ט“.

דעם פשוט׳ן אמת, אז דער מענש מיט זיין גאַנצען שטרעבען און ווילען, מיט זיינע פערלאַנגען און געפיהלען — איז ניט מעהר, ווי א פּראָדוקט פון אויסערליכע און ארומיגע בעדינגונגען, האָבען שוין אנערקענט די מאַטעריאַליסטען אין 18טען יאָהרהונדערט, וועלכע האָבען שטענדיג איבערגע׳חזר׳ט דעם כלל פון דעם ענגלישען פילאָזאָף ל אָ ק: „ע ס ז י י נ ע ן נ י ט פ א ר א ן ק י י ן מ י ט ג ע ב ו י ר ע נ ע א י ד ע ע ן“ און אז „דער מענש איז דאָס, וואָס די אויסערליכע נאַטור און געזעלשאַפט מאַכט איהם“.

יענע מאַטעריאַליסטען האָבען געפאָדערט ארונטערצונעהמען פון איינציגע מענשען די פעראַנטוואָרטליכקייט פאַר זייערע מעשים און עס ארויפלעגען אויף דער געזעלשאַפט, אויף קהל, אויף דעם קרייז, וואו דער מענש האָט זיך אויסגעהאָדעוועט.

און אין אמת׳ן, אויב דער מענש איז אָבהענגיג פון די ארומיגע בעדינגונגען, אויב נאָר די ארומיגע בעדינגונגען זיינען שולדיג אין אַלע איינגענשאַפטען פון זיין כאראַקטער, אין זיינע מעלות און חסרונות, טאָ איז דערפון געדרונגען, אז ווען מען וויל אויסראָטען די שלעכטע מדות, די חסרונות פון מענשען, מוז מען קודם

כל איבעראַנדערשען די אַרומיגע אומשטענדען, וואו דער מענש וואַקסט און ענטוויקעלט זיך, ווייל דער מענש אליין, אונאַבהענגיג פון די אַרומיגע בעדינגינגען, איז בטבע ניט גוט און ניט שלעכט. „אַ קינד — זאָגט לאָק — איז געגליכען צו אַ טאָוועל, אויף וועלכען מען קען שרייבען, וואָס מען וויל“. מען דאַרף דעם מענשען שטעלען אין גוטע געזעלשאַפטליכע בעדינגונגען, אין אַזעלכע בעדינגונגען, וואו ער זאָל ניט ווערען אויפגערייצט, געבייזט, וואו ער זאָל ניט דאַרפען צוליעב זיין אייגענעם עקזיסטענץ שאַדען בריינגען דעם עקזיסטענץ פון אַ צווייטען, וואו ער זאָל זעהען אַן אייגענע נוץ אין די נוצען פון צווייטען — און דאַן וועט דער מענש במילא שוין ווערען אַ גרויסער בעל מדות. וויל מען האָבען אין דער געזעלשאַפט מענשען מיט יושר און געפיהל, דאַרף מען זעהען איבערצואַנדערשען די בעדינגונגען — די געזעלשאַפט הייסט עס — וואו די איינציגע מענשען שעפּען זייערע איבערצייגונגען, זיטען און מיינונגען.

די מאַטעריאַליסטען פון 18־טען יאָהרהונדערט אָבער זיינען ניט דערגאַנגען ביז׳ן סוף אין זייער שיטה און זיינען דערי‌בער אריינגעפאַלען אין אַ פער׳כשופ׳טען קרייז פון ווידערשפּרוכען, פון וועלכע זיי האָבען זיך ניט געקענט אויסדרעהען.

אויב די אידעען, מיינונגען, איבערצייגונגען פון אַן איינציגען מענשען ווערען בעשטימט דורך די אַרומיגע בעדינגונגען, אין וועלכע דער מענש לעבט און פון וועלכע ער בעקומט די איינדריקע, טאָ מוזען דאָך די אידעען און מיינונגען פון כלל אויך בעשטימט און אויסגעאַרבייט ווערען לויט די אַרומיגע אומשטענדען, וואו דער כלל געפינט זיך, דאָס הייסט זיי מוזען זיין צוגעפּאַסט צו דער פאָרם, אין וועלכער דאָס צוזאַמען־לעבען פון כלל איז אין דיזער צייט אָנגעקליידעט, זיי מוזען זיין צוגעפּאַסט צו די עקזיסטירענדע בעציהונגען צווישען מענשען. ווען, אַ שטייגער, די בעציהונגען זיינען געגרינדעט אויף פּריוואַט־אייגענטהום, ווערט ביים כלל אויסגעאַרבייט די איבערצייגונג, די אידעע פון פּריוואַט־אייגענטהום. וויל מען, לויט דיזער מיינונג, זוכען די אורזאַכע פון דער היסטאָריע, פון אַלע מענשליכע פאַסירונגען, אין וועלכע, ווי מיר האָבען שוין אויבען געזאָגט, עס דריקט זיך אויס דעם כלל׳ס ווילען, דעם כלל׳ס אידעען, מוזען מיר קודם כל אויסלערנען

די סבות פון אזא ווילען, און אזוינע סבות — טענה'ן די מאטעריאליסטען — זיינען די געזעלשאפטליכע בעציהונגען, די פארמע פון צוזאמענלעבען. פון וואנעט נעהמט זיך אבער די פארם פון צוזאמענלעבען? די געזעלשאפטליכע בעציהונגען, וועלכע בעשטימען די מיינונגען און ווילען פון פאלק? פאר וואס, צום ביישפיעל, זיינען פאראן דוקא א ז ו י נ ע בעציהונגען, א ז א שייכות צווישען מענשען און ניט קיין אנדערע? פאר וואס עקזיסטירט א ז א מלוכה־ארדנונג, א ז ו י נ ע פאליטישע בעדינגונגען און ניט קיין אנדערע? פאר וואס איז אין פערשידענע לענדער אין פערשידענע צייטען איינגעפיהרט א קאנסטיטוציאנעלע דעמאקראטישע ארדנונג, בעת אנדערס־וואו און אין אנדערע צייטען הערשט נאך דעספאטיזם, אבסאלוטיזם און אזוי ווייטער? פאר וואס איז אין אזא צייט פאראן אזא פארם פון רעליגיאן און אין אן אנדער צייט אן אנדערע? — דערויף האבען די מאטעריאליסטען געענטפערט, ווייל די מיינונגען פון דער געזעלשאפט זיינען אזוי, ווייל דער ו ו י ל ע ן פון פאלק פערלאנגט א ז ו י נ ע און ניט קיין אנדערע בעציהונגען און געזעצען, און דעריבער — טענה'ן טאקע אט דיזע מאטעריאליסטען — דארף מען זעהען איבערצואנדערשען די מיינונגען, דעם ווילען פון פאלק און די געזעלשאפטליכע ארדנונג, די בעציהונגען צווישען מענשען וועלען שוין דעמאלט במילא איבערגעאנדערשט ווערען; עס וועט דאן ווערען אן אנדער סביבה, אנדערע בעדינגונגען, דער מענש וועט בעקומען אנדערע איינדריקע און וועט אנדערש אויסגעהאדעוועט ווערען, וועט ווערען איידעלער, בעסער און ז. וו.

דער פערפלאנטערטער ווידערשפרוך איז קלאהר. די אידעען, דער ווילען, דאס שטרעבען פון כלל זיינען אבהענגיג פון די בעציהונגען, פון די געזעצען, וועלכע עקזיסטירען צווישען מענשען. די בעציהונגען צווישען מענשען זיינען, ווידער, לויט די אייגענע מאטעריאליסטען, אבהענגיג פון דעם כלל'ס ווילען, פון די איבערציוגונגען און מיינונגען, וועלכע הערשען אין דער געזעלשאפט. פון איין זייט איז דער ווילען, די מיינונגען, א רעזולטאט פון די געזעלשאפטליכע בעציהונגען, (וועלכע דיענען דא אלס א סבה), פון דער אנדערער זייט זיינען די געזעלשאפטליכע בעציהונגען, די

פאָרם פון צוזאַמען־לעבען אַ רעזולטאַט פונ׳ם פאָלקס־ווילען (וועל־כער דיענט דאָ פאַר אַ סבה).

אמת טאַקע, עס קען אַמאָל זיין, אַז די סבה (לאָמיר אָננעה־מען דעם ווילען) רופט ארויס אַ רעזולטאַט — די געזעלשאַפטליכע בעציהונגען, און דער רעזולטאַט, פון זיין זייט, ווירקט ווידער אויף די סבה, אויף די מיינונגען און ווילען, וואָס פערשטאַרקט שפּעטער נאָך מעהר די געזעלשאַפטליכע בעציהונגען. ווען איך וויל אָבער דערגעהן ביז׳ן גרונד, און פערענטפערען די פראַגע פּראַקטיש — מוז איך דאָך קודם כל אויפזוכען די ע ר ש ט ע סבה, וועלכע האָט בעשאַפען די ארומיגע בעדינגונגען; ניט וויסענדיג די ע ר ש ט ע סבה, קען מען דאָך קיינמאָל ניט וויסען, ווי פטור צו ווערען פון אזא און אזא צושטאַנד פון אזוינע און אזוינע בע־ציהונגען. וואָס־זשע איז פּאָרט די ערשטע סבה? די געזעל־שאַפטליכע בעציהונגען, אָדער די אידעען, דער ווילען פון פאָלק? ווער רעגירט מיט ועמען? צי די וועלט, די ארומיגע בעדינגונגען מיט די מענשען, ווי דאָס מיינט ל אָ ק, וועלכער זאָגט אַז „עס זיינען ניט פאַראַן קיין געבוירענע אידעען״, אָדער די מענשען רעגירען מיט דער וועלט, מיט די ארומיגע בעדינגונגען, מיט די בעציהונגען צווישען מענשען?

עס איז קלאָהר, אַז די ביידע זאַכען, די פאָרם פון צוזאַמען־לעבען, די ארומיגע בעדינגונגען און די אידעען, דער ווילען פון דער געזעלשאַפט קענען ניט זיין איינע בנוגע די אַנדערע די ע ר ־ ש ט ע סבה, די ע ר ש ט ע אורזאַכע. די ערשטע אורזאַכע, וואָס האָט דאָס אַלעס ארויסגערופען, מוז ליגען א ו י ס ע ר ז י י.

וועלכע אורזאַכע איז דאָס?

פיעלע היסטאָריקער האָבען געזוכט די אורזאַכע פון דעם אַרט צוזאַמען־לעבען אין דעם מענשענס נאַטור. די טבע פון מענ־שען, זאָגען זיי, רופט ארויס אזוינע בעציהונגען, אזא געזעלשאַפט־ליכע אָרדנונג, וואָס פּאַסט פאַר איהר. דאָס איז טאַקע די אורזאַ־כע, וואָס די סאָציאַליסטען־אוטאָפּיסטען, וועלכע זיינען געוועזן אָנ־הענגער פון דיזע היסטאָרישע אנשויאונגען, האָבען שטענדיג זיך געשטעלט די פראַגע, אויב די אָדער יענע געזעלשאַפטליכע אָרד־נונג איז צוגעפּאַסט צו דעם מענשענס נאַטור, אָדער ניט.

די מיינונג פון דיזע היסטאָריקער האַלט אָבער אויך ניט אויס. אויב די גאַנצע סבה פון געזעלשאַפטליכער פאָרם פון צוזאַמען־לעבען ליגט אין דעם מענשענס נאַטור, טאָ ווי קען איבערהויפּט זיין אַ געוויסע מענשליכע היסטאָריע, וואָס איז מעהר ניט, ווי אַ רייהע פון פערשיידענע פערענדערונגען און פאַסירונגען? ווי באַלד, אַז די סבה (דעם מענשענס נאַטור) איז שטענדיג, אונפערענדערט, מוז דאָך אויך דער רעזולטאַט שטענ־דיג זיין דער אייגענער! איז ווידער דעם מענשענס נאַטור ניט שטענדיג, נור זי ענדערט זיך, ד. ה. זי בעקומט אַנדערע לײדענ־שאַפטען, אַן אַנדער ווילען צוזאַמען מיט די ענדערונגען אין געזעל־שאַפטליכען לעבען — טאָ פאַלען מיר דאָך ווייטער אריין אין פער'כשופ'טען קרייז: די געזעלשאַפטליכע בעציהונגען צוזאַמען מיט די מיינונגען זיינען אַ פּראָדוקט פון דעם מענשענס נאַטור, און דעם מענשעס נאַטור — אַ פּראָדוקט פון די געזעלשאַפטליכע בעציהונגען! ווי שיקט זיך דאָס?!

אויסער דעם, ווי איז גאָר מעגליך, אַז אַ געוויסע אָרדנונג זאָל ניט זיין צוגעפּאַסט צו דער מענשליכער נאַטור אין דער צייט, ווען יעדע פערענדערונג אין געזעלשאַפטליכען לעבען קען ניט פאָרקו־מען אָהן אַזאַ פערענדערונג אין מענשענס נאַטור? אויב מיר זאָלען, ווידער, אָננעהמען, אַז אַ געוויסע אָרדנונג קען אַמאָל יאָ זיין צוגעפּאַסט צו דער נאַטור פון מענשען און אַמאָל ניט, טאָ זיינען מיר דאָך שוין דערמיט גופא מודה, אַז די נאַטור איז ניט די איינציגע אורזאַכע פון דער געזעלשאַפטליכער אָרדנונג און פון די בעציהונגען צווישען די מענשען, אַז אין זיי זיינען שול־דיג אויך אַנדערע פאַקטאָרען, ניט נור דעם מענשענס נאַטור, אַז זיי, דיזע בעציהונגען, ענטוויקלען זיך דורך אייגענע געזעצען, — און אויב אַזוי, פרעגט זיך, וואָס איז די פּעולה, אַז מיר אַנערקע־נען שוין יע, דאָס די געזעלשאַפטליכע אָרדנונג איז ניט איינשטי־מיג מיט דעם מענשענס נאַטור? צי קענען דען מיר זי ענדערען, וויבאַלד אונז זיינען ניט בעוואוסט די אמת'ע אורזאַכען, די געזע־צען, וועלכע האָבען זי, די אָרדנונג, ארויסגערופען?

עס איז זעלבסטפערשטענדליך, אַז אַזאַ מאַטעריאַליזם, ווי דער פון 18־טען יאָהרהונדערט, וואָס האָט זיך נור געדרעהט ארום דעם כלל: „עס זיינען ניט פאַראַן קיין מיטגעבוירענע אידעען“, איז

ניט געווען אימשטאַנד צו ערקלעהרען אַלע ערשיינונגען אין מענש־ליכען לעבען. דער מאַטעריאַליזם האָט ניט ערקלעהרט די אור־זאַכע פון דער מענשליכער ע נ ט וו י ק ל ו נ ג, פאַר וואָס עס זיינען די געזעלשאַפטליכע בעציהונגען, די אויסערליכע אומשטענ־דען אין דער און יענער עפּאָכע אַ ז ו י נ ע אין אַן אַנדער צייט, אין אַן אַנדער עפּאָכע אַ נ ד ע ר ע ? לויט די מאַטערי־אַליסטען קומט עפּעס אויס, אַז די אויסערליכע אומשטענדען זיינען סוף כל סוף אַ רעזולטאַט אָדער פון מענשענס ווילען, ד. ה., אַז די מיינונגען, אָדער בעסער, דער גייסט, איז אַן אונבעגרענצטער זעלבסטהערשער אין אַלע ענינים פון׳ם געזעלשאַפטליכען לעבען, — און דאָ פאַלען מיר דאָך שוין צוריק צום אידעאַליסטישען שטאַנד־פונקט! אָדער, ווי די היסטאָריקער בעהויפּטען, אַז די איינציגע רעגירערין אין געזעלשאַפטליכען לעבען איז דעם מענשענס נאַטור און דאָס געזעלשאַפטליך לעבען האָט ניט קיין אַ י י ג ע נ ע ג ע ז ע ל ש אַ פ ט ל י כ ע ג ע ז ע צ ע ן לויט וועלכע עס ענטוויקעלט זיך. אויב אַזוי, איז איבערהויפּט ניט צו בעגרייפען דעם גאַנצען פאַקט פון ע נ ט וו י ק ל ו נ ג ! אין דעם טאַקי איז געלעגען דער הויפּט חסרון פון דיזער אַנשויאונג. די מאַטע־ריאַליסטען זיינען געווען מעטאַפיזיקער און ניט דיאַלעקטיקער, זיי האָבען בעטראַכט די נאַטור, אַזוי אויך די געזעלשאַפט ניט אין ענטשטעהן און פערגעהן, ניט אין ענטוויקלונג, נור אין שטעהענדי־גען פערגליווערטען צושטאַנד.

די גאַנצע ענטוויקלונגס־לעהרע איז געווען די מאַטעריאַ־ליסטען אונבעוואוסט, זיי האָבען ניט געהאַט קיין בעגריף אפילו, ווי אַזוי עס איז ענטשטאַנען דער מענשליכער געשלעכט. אמת, דעם פאָרשטעהער פון יענע מאַטעריאַליסטען ה אָ ל ב אַ ך איז אפילו יאָ אריינגעקומען אַ געדאַנק, אַז דער מענשליכער געשלעכט האָט זיך ענטוויקעלט ב י ס ל ע כ וו י י ס, ש ט ו פ ע נ וו י י ס. ער האָט אָבער אַליין וועניג וואָס דערפון געהאַלטען. „ווען מען וואָלט אונז געזאָגט — זאָגט ה אָ ל ב אַ ך — אַז די נאַטור האָט אין איהר רשות אַ געוויסען סך־הכל פון אַלגעמיינע אונפער־ענדערליכע געזעצען, מיט וועלכע זי רעגירט און ווירקט, און ווען מען וואָלט צוגעגעבען דערביי, אַז דער מענש, חיה, פיש, פליג און פלאַנצע עקזיסטירען פון אייביג אָן און בלייבען שטענדיג אונ־

פערענדערט — וואָלטען מיר, די מאַטעריאַליסטען הייסט עס, גאָר ניט געהאַט, וואָס אויסצוזעצען געגען דעם". דאָס איז דער כאַראַקטעריסטישער שטריך פון אַט די מאַטעריאַליסטען. זיי האָבען בעטראַכט די נאַטור, אַזוי אויך די ערשיינונגען אין געזעלשאַפטליכען לעבען, פאַר עטוואָס פאַרטיג געגעבענע, פאַר אַ סך־הכל פון בעוועגליכע זאַכען, אָבער ניט פאַר אַ סך־הכל פון ענטוויקלונגס־פּראָצעסען. און דעריבער טאַקע האָבען זיי געדענקט מעטאַפיזיש, ד. ה. זיי האָבען געמיינט, אַז יעדע זאַך אָדער ערשיינונג האָט אַ ל ע מ אָ ל דעם ז ע ל ב ע ן וו ע ר ט און די זעלבע אייגענשאַפטען. דאָס איז בעגרייפליך, ווען מיר ווייסען, אַז די נייע ענטדעקונג, אויף וועלכע עס איז געגרינדעט די גאַנצע ענטוויקלונגס־לעהרע, די לעהרע, וואָס בעהויפּטעט, אַז די נאַטור ע נ ט וו י ק ע ל ט זיך שטענדיג פון איינפאַכען צום קאָמפּליצירטען, זיינען ערשט געמאַכט געוואָרען אין 19־טען יאָהרהונדערט.

די אידעאַליסטען האָבען טאַקע דעריבער זיך וועניג וואָס צופרידענגעשטעלט מיט דער מאַטעריאַליסטישער אַנשויאונג פון 18־טען יאָהרהונדערט און האָבען אָנגעפאַנגען צו זוכען אַנדערע אַנשויאונגען, אום צו פערענטפערען די ברענענדיגע אונפערענטפערליכע געזעלשאַפטליכע פראַגען. זיי האָבען, ווי מיר ווייסען שוין, בעהויפּטעט, אַז די סבה פון די ערשיינונגען איז די אידעע, דער גייסט, וואָס ליגט אויסער אונז, אויסער דער נאַטור. צושרייבענדיג די אורזאַכע פון ערשיינונגען אַ פערבאָרגענעם גייסט, האָבען זיי, די אידעאַליסטען, אין דער אייגענער צייט אָבער אָנגעפאַנגען ניכטערער צו בעטראַכטען די ערשיינונגען אין דער נאַטור און אין דער געזעלשאַפט. די פערשיידענע ערפינדונגען און ענטדעקונגען, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרען אויף אַלע געביטען פון דער וויסענשאַפט, האָבען געגעבען די מעגליכקייט דערצו.

דער אידעאַליסט ה ע ג ע ל האָט, ווי מיר ווייסען שוין, בעטראַכט די ערשיינונגען אין דער נאַטור און אין דער געזעלשאַפט דיאַלעקטיש, אין ענטוויקלונג, אין ענטשטעהן און פערגעהן און אויך אין צוזאַמענהאַנג מיט די אַרומיגע בעדינגונגען, וואו די ערשיינונג קומט פאָר. אָנווענדענדיג אַזאַ מעטאָדע אין פאָרשען, האָט ה ע ג ע ל שוין ניט געקענט מסכים זיין מיט יענע, וועל־

כע האָבען בעהויפּטעט, אַז די אורזאַכע פון אַ געוויסער היסטאָ־
רישער ערשיינונג ליגט אין מענשענס נאַטור. דוקא פערקעהרט.
אַ דיאַלעקטיקער זוכט די אורזאַכען פון אַ געוויסער ערשיינונג אין
די אַרומיגע בעדינגונגען, אין דער צייט און אָרט. און אַזוי ווי
די אַרומיגע בעדינגונגען, די צייט און אָרט, וואו עס קומט פאָר
די ערשיינונג איז דאָך אַ היסטאָרישע זאַך, אַ זאַך, וואָס
ענדערט זיך שטענדיג און איז ניט אַלע מאָל די אייגענע, טאָ
קומט אויס, אַז די סבות, די אורזאַכען פון אַ געזעלשאַפטליכער
ערשיינונג מוזען אויך זיין היסטאָרישע און אַז דוקא
אָט די היסטאָרישע סבות בעשטימען דעם ווערטה און
די אייגענשאַפטען פון אַ זאַך. דורך דעם ווערט שוין אויך גאַנץ
פערשטענדליך, פאַר וואָס די פאַסירונגען, איינריכטונגען און ער־
שיינונגען ענדערען זיך, בייטען זייערע אייגענשאַפטען און האָבען
אין פערשיידענע צייטען פערשיידענע ווערטהען. דאָס קומט פאָר
צוליעב דעם, ווייל די אַרומיגע אומשטענדען, וועלכע רופען אַרויס
דיזע איינריכטונגען אָדער פאַסירונגען, ענדערען זיך.

די דיאַלעקטישע מעטאָדע פון די אידעאַליסטען איז געווען
אַן אונגעהייער גרויסער שריט פאָרווערטס לגבי די מאַטעריאַ־
ליסטען, וועלכע, מיינענדיג, אַז די וועלט מיט אַלצדינג, וואָס
ס'איז אין איהר פאַראַן, איז פאַרטיג געגעבען פון ששת ימי
בראשית אָן, האָבען בעטראַכט די געזעלשאַפטליכע ערשיינונגען
מעטאַפיזיש, און האָבען בשום אופן ניט געקענט בעגרייפען, אַז
די אייגענשאַפטען פון יעדער זאַך אָדער איינריכטונג און ממילא
אויך דער ווערטה פון זיי זיינען ניט אַלע מאָל דיזעלביגע, נור
אין פערשיידענע צייטען און פערשיידענע ערטער — אַנדערע. און
וויבאַלד אַז די אַרומיגע בעדינגונגען, וועלכע ענדערען זיך, און
זיינען במילא אַ היסטאָרישע זאַך, האָבען פאַר די מאַ־
טעריאַליסטען קיין שום ראָלע ניט געשפּילט, האָבען זיי דאָך
שוין ניט געקענט זוכען אין זיי די סבות אָדער בעסער, די געזעצען
פון די געזעלשאַפטליכע ערשיינונגען. די געזעצען פון דער היס־
טאָריע האָבען די מאַטעריאַליסטען ניט געזוכט אין דער היסטאָריע
גופא, נור אויסער דער היסטאָריע — אין מענשענס נאַטור.

די אידעאַליסטישע אַנשויאונג, הגם זי איז געווען אויפ'ן ריכ־
טיגען וועג צו געפינען די אמת'ע געזעצען, וועלכע רעגירען אין

געזעלשאַפטליכען לעבען, האָבען אָבער אויך ווייניג וואָס געקענט צופרידענשטעלען די געזונטע רעאַליסטישע דענקער שוין צוליעב דעם אַליין, וואָס דיזע אַנשויאונג איז פערבונדען מיט אמונה, מיט'ן גלויבען, אַז ס'זיינען פאַראַן אַזעלכע גייסטער, וועלכע מיר קענען מיט אונזערע חושים ניט משיג זיין.

אום צו בעקומען אַן איינהייטליכע בעפרידיגענדע אַנשויאונג, האָט מען בעדאַרפט מאַכען אַ שריט ווייטער; דאָס הייסט, מען האָט בעדאַרפט, בלייבענדיג טריי דער דיאַלעקטישער מעטאָדע אינ'ם פאַרשען פון פערשיידענע היסטאָרישע ערשיינונגען, אָבזאָגען זיך אין דער אייגענער צייט פון דעם אידעאַליסטישען שטאַנד־פונקט, אומקעהרען זיך צו דער אַמאָליגער מאַטעריאַליסטישער אַנשויאונג, און זוכען די סבות פון דער געזעלשאַפטליכער עטוויק־לונג אין דער ע נ ט װ י ק ל ו נ ג א ל י י ן, אין דער ה י ס ט אָ ר י ע ג ו פ א, פונקט אַזוי ווי די מאַטעריאַליסטען האָבען געזוכט די ע ר ש ט ע סבה פון די נאַטור־ערשיינונגען אין דער נ א ט ו ר ג ו פ א. מען האָט בעדאַרפט פעראייניגען דעם מאַטעריאַליזם פון 18־טען יאָהרהונדערט מיט דער דיאַלעקטישער מעטאָדע פון די אידעאַליסטען — א ו ן ד י ז ע ר ו י כ ט י ג ע ר ש ר י ט א י ז ג ע מ א כ ט ג ע װ ו אָ־ר ע ן ד ו ר ך ק א ר ל מ א ר ק ס, וועלכער האָט צוגעגע־בען ה ע ג ע ל ' ס דיאַלעקטיק אַ מאַטעריאַליסטישען פונדאַ־מענט. און מיט דיזער מ א ט ע ר י א ל י ס ט י ש ־ ד י א־ל ע ק ט י ש ע ר מ ע ט אָ ד ע ה אָ ט מ א ר ק'ס אָ נ ג ע־פ א נ ג ע ן צ ו פ אָ ר ש ע ן ה י ס ט אָ ר י ש ע ע ר־ש י י נ ו נ ג ע ן. מאַרקס האָט די היסטאָריע בעטראַכט פון דעם זעלבען מאַטעריאַליסטישען שטאַנדפונקט, ווי די מאַטעריאַליסטען פון 18־טען יאָהרהונדערט האָבען בעטראַכט די נאַטור, אָבער ניט מ ע ט א פ י ז י ש, ווי יענע מאַטעריאַליסטען, נור דיאַלעקטיש, ווי די אידעאַליסטען. און צוליעב דיזען ה י ס־ט אָ ר י ש ע ן מאַטעריאַליזם איז מ א ר ק ס ' ן געלונגען פאַרצושטעלען די היסטאָרישע ענטוויקלונג אין אַ ריכטיגען קלאָה־רען געשטאַלט.

ב) די אָביעקטיווע געזעצען פון דער היסטאָריע, ענטדעקט פון מארקס.

אין פאָריגען קאַפּיטעל האָבען מיר געזעהען דעם אונטערשייד צווישען מ א ר ק ס ׳ ס אנשויאונג אויף די געשיכטע און צווישען די אנשויאונגען פון זיינע פאָרגענגער. מיר האָבען געזאָגט, אז מארקס איז געווען א ד י א ל ע ק ט י ש ע ר ־ מ א ט ע ר י ־ א ל י ס ט. אלס מאטעריאליסט האט מארקס אָנגענומען, אז די מיינונגען, בעגריפען און איבערצייגונגען ווי פון איינציגע מענשען, אזוי אויך פון דער גאַנצער געזעלשאפט (די געזעלשאַפטליכע אי־דעאָלאָגיע), קענען בלויז זיין א רעזולטאַט, א פועל יוצא פון דער ארומיגער סביבה, פון די ארומיגע בעדינגונגען. דיזע ארומיגע בעדינגונגען, וועלכע זיינען די סבה פון די איבערצייגונגען, פונ׳ם בעוואוסטזיין און וועלכע גיבען א ריכטונג דעם ווילען, קענען אָבער ניט זיין שטענדיגע, אונבעוועגליכע, פערגליווערטע, ווי די אַלטע מאטעריאַליסטען האָבען געמיינט, נור ה י ס ט אָ ר י ש ע, פ ע ר ע נ ד ע ר ל י כ ע — אזוינע, וועלכע געפינען זיך אין א שטענדיגער אונאויפהערליכער ענטוויקלונג. די אורזאַכען פון דער היסטאָריע, פון די פערענדערונגען אין דער געזעלשאפט קענען ניט זיין אונבעוועגליכע נאַטור־געזעצען, נור בעוועגליכע געזעצען פון דער געזעלשאַפט גופא. די סבות פון דער ענטוויקלונג מוזען זיך אויך א ל י י ן ענטוויקלען; דוקא דורך אזעלכע פ ע ר ע נ־ ד ע ר ל י כ ע סבות קען ווערען פערענטפערט די פראגע, דאָס פּראָבלעם פון דער היסטאָרישער ענטוויקלונג.

דיזע פעסטע ניכטערע איבערצייגונג, וואָס האט ביי מארקס׳ן אין מח בעקומען אזא הארמאָנישע פאָרם און וואָס איז, ווי מיר זעהען, געווען צוזאַמענגעזעצט פון אזוינע צוויי ענטגעגענגעזעצטע אנשויאונגען: פון האָלבאַך׳ס מאטעריאליזם און העגעל׳ס אידעאַליזם, וואָלט׳ נאך געווען ווענוג צו פעראייביגען זיין נאָמען. מארקס׳ פערדיענסט בעשטעהט ניט בלויז אין דעם, וואָס ער האָט פערשטאַנען, ו ו י צ ו פ אָ ר ש ע ן, ווי צו זוכען, נור אין דעם, וואָס איהם איז געלונגען טאַקע א ו י ס צ ו ז ו ־ כ ע ן, א ו י ס צ ו פ אָ ר ש ע ן, א ו י ס צ ו ג ע פ י נ ע ן ד י ריכטיגע סבות פון דער היסטאָרישער ענטוויקלונג. ניט אין דער

דיאַלעקטיש־מאַטעריאַליסטישער אנשויאונג איז געווען מאַרקס׳ פערדינעסט. דער דיאַלעקטישער מאַטעריאַליזם איז נור געווען א מעטאָדע, ער האָט נור געדיענט אַלס א לאַמטערן, אום ניט אַראָב־צובלאָנדזשען פון ריכטיגען וועג, פונ׳ם ריינעם וויסענשאַפטליכען פאָרשען; פונ׳ם שטעהן אויפ׳ן וועג ביז׳ן עררייכען דעם ציעל איז נאָך פאַראַן א געוויסער מהלך. פיעלע בלייבען אין מיטען וועג, קעהרען זיך צוריק אָדער פאַנגען אָן צו געהן אויף קרומע זייטען־וועגלעך. דער גאון׳ישער קארל מאַרקס האָט אָבער דעם מהלך זיעגרייך דורכגעשפּרייזט און איז גליקליך געקומען אין קדשי־קדשים פון דער היסטאָריע, האָט ענטדעקט איהרע געזעצען און איהר טרייב־קראַפט. און דאָס איז די אורזאַכע, וואָס קארל מאַרקס׳ס נאָמען וועט אויף אייביג בלייבען מיט גאָלדענע אותיות אויסגעקריצט אויף די לוחות פון דער וויסענשאַפט. א דאַנק מאַרקס׳ס ענטדעקונג איז אַרונטערגעריסען געוואָרען דער דיקער שלייער פון דעם געהיימניספולען מעכאַניזם, וואָס בעוועגט און רעגירט מיט דער היסטאָריע. מ א ר ק ס ׳ ן, און ניט קיין אַנ־דערען ביז איהם, איז געלונגען דורכצודרינגען און צו געפינען דעם פערבאָרגענעם חדר, וואו עס ווערען געוועבט די פעדים פון דער היסטאָריע, און נור דורך איהם זיינען די היסטאָרישע פערפּלאָנ־טערטע ערשיינונגען געוואָרען אויפגעפּלאָנטערט, דורכזיכטיג און בעגרייפליך.

אוים ד א ר ו ו י נ ׳ ס נאָמען איז אונשטערבליך דערי־בער, ווייל איהם האָט זיך איינגעגעבען צו געפינען די געזעצען פון דער עוואָלוציאָן און ענטוויקלונג אין דעם טיער־און פּלאַנצען־רייך, וועט אויך מאַרקס׳ס נאָמען אייביג לעבען דעריבער, ווייל איהם האָט זיך איינגעגעבען צו געפינען די געזעצען פון דער געזעל־שאַפטליכער ענטוויקלונג. ד א ר ו ו י ן האָט בעוויזען, אַז די האַרמאָניע, די רעגעלמעסיגקייט, די צוועקמעסיגקייט, די צופּאַסונג פון די אָרגאַנען צו די אַרומיגע בעדינגונגען, זיינען ניט א רעזול־טאַט פון געוויסע גייסטער, געטער, וועלכע שטעהען א ו י ס ע ר דער נאַטור און רעגירען דאָרטען, נור דאָס זיי זיינען א רעזולטאַט פון די בלינדע ווירקענדע קרעפטען אין דער נאַטור גופא, א רע־זולטאַט פ ו נ ׳ ם נ א ט י ר ל י כ ע ן א ו י ס ו ו א ה ל; דאָס די האַרמאָניע אין דער נאַטור איז ניט צו פערדאַנקען א גע־

וויסען געשמאַק פון אַ געוויסען קינסטלער, פון וועלכען עס חענגט אַלעס אָב, נור די אכזריות'דיגע בלינדע קרעפטען פון דער נאַטור, וועלכע פערניכטען אָהן רחמנות אַלעס, וואָס איז צו זיי ניט צוגעפּאַסט; דאָס די אָרדנונג אין דער נאַטור איז ניט אַ רעזולטאַט פון אַ גוטען רצון, נור פון אַ בלינדע מוז. מאַרקס האָט געוויזען, אַז די אַלע היסטאָרישע געשעהעניסען זיינען אויך ניט אַ רעזולטאַט פון סוביעקטיווע פערלאַנגען, וועלכע שטעהען אויסער דער ווירקליכקייט, נור אַ רעזולטאַט פון דער היסטאָרישער נויטווענדיגקייט, פון אָביעקטיווע געזעצען; ניט דער סוביעקטיווער ווילען רעגירט אין לעבען, נור פערקעהרט, דער סוביעקטיווער ווילען ווערט רעגירט דורך די אָביעקטיווע געזעצען.

אין וואָס בעשטעהען אָט די אָביעקטיווע געזעצען פון דער היסטאָריע? וואָס איז דאָס אַזוינס די היסטאָרישע נויטווענדיגקייט, צו וועלכער עס פּאַסען זיך צו די פערלאַנגען און שטרעבען פון מענשען?

יעדע בעשעפּעניס האָט אַ חשק צו לעבען און צו פערמעהרען זיך. לעבען און פערמעהרען זיך קען מען נור דאַן, ווען די לעבענס־בעדערפניסען זיינען בעפרידיגט. דאָס מאַטעריאַל צו בעפרידיגען די בעדערפניסען געפינט זיך אין דער אויסערליכער נאַטור. די נאַטור אַליין בעזאָרגט זיך אָבער זעהר ווייניג, די בעשעפעניסען זאָלען האָבען אַלעס, וואָס זיי איז נויטיג צו דער חיונה. די בעשעפענים מוז האָבען די נויטיגע אָרגאַנען און גליעדער, כדי צו בעקומען פון דער נאַטור די נויטיגע נאַהרונג. יענע בעשעפעניסען טאַקע, ביי וועמען עס זיינען אַזעלכע אָרגאַנען ניט פאַראַן און זיינען דעריבער ניט צוגעפּאַסט צו דער נאַטור, געהען אָהן רחמנות אונטער און עס בלייבט פון זיי קיין זכר ניט. לעבען קענען נור בלייבען די, ביי וועלכע עס האָבען זיך געקענט ענטוויקלען דוקא אַזעלכע גלידער, וואָס האָבען געדיענט פאַר נאַטירליכע כלי־זיין אין דעם אונגלייכען קאַמפּף מיט דער נאַטור פאַר'ן דאַ־זיין. צוזאַמען מיט דעם אינערליכען בוי פון יעדער בעשעפּענים, צוזאַמען מיט די נאַטירליכע כלי־זיין וואַקסען אויך, ווי מיר האָבען שוין געזעהען, די גייסטיגע פעהיגקייטען. די גייסטיגע פעהיגקייטען זיינען אונטערענבאַר פונ'ם מאַטעריעלען מח.

אַ דאַנק אַזוינע צופעליגע אָרגאַנען, וועלכע האָבען געשיצט און ניט דערלאָזען די בלינדע גרויזאַמע כחות פון דער נאַטור חרוב צו מאַכען דאָס לעבען אויף דער ערד, האָט זיך אין פערלויף פון מיליאָנען יאָהרען ענטוויקעלט פון אַן איינפאַכער קליינצינקער שטיקעל לעבענדיגער פּראָטאָפּלאַזמאַ די וואונדערבארע בריאה, וואָס מען רופט אַן „מענש". וויפיעל פערענדערונגען האָבען געמוזט פּאַרקומען אין דעם לעבענדיגען אָרגאַניזם, וויפיעל בעשעפּעניסען האָבען געמוזט אונטערגעהן אין דעם אונגלייכען קאַמפּף מיט דער בייזער נאַטור, איידער עס האָט געלונגען וועמען עס איז פון זיי צו בעקומען אַזאַ מערקווירדיג אויסגעקינצעלטען אָרגאַניזם, אַזוינע מייסטערהאַפטע בעזונדערע גלידער, וועלכע לעבען צווישען זיך אין אַ האַרמאָניע, אַזאַ אויסגעבילדעטען מח און צוזאַמען מיט דעם אויך אַזאַ ענטוויקעלטען גייסט, וועלכען עס בעזיצט דער מענש! ערדרייבענדיג אַזאַ שטופּע נעהמט אַן די מלחמה צווישען מענש און די בלינדע נאַטור — אַ גאַנץ אַנדער שטייגער. דער קאַמפּף אום'ס דאַ־זיין, טרעט שוין איצט אריין אין אַ נייע עפּאָכע, ער פאַנגט אַן געפיהרט צו ווערען אויף אַן אַנדער אַרט, אויף אַן אַנדער אופן.

אַנשטאַט דעם בלינדען קאַמפּף, וואָס איז אויסגעקומען ביז איצט ביחידות צו פיהרען מיט דער נאַטור, פון וועלכער מען האָט בלויז געקענט ניצול ווערען דורך אַ צופאַל, און דורך נ א ט י ר־ ל י כ ע וואַפען — פאַנגט דער מענש שוין אָן צו קעמפּפען מיט דער הילף פון שכל, מיט דער הילף פון די ג י י ס ט י ג ע וואַ־ פען, וואָס זיינען אויסגעוואַקסען צוזאַמען מיט דעם מערקווירדיגען מ א ט ע ר י ע ל ע ן אויפבוי פון קערפּער. דער מענש הערט אויף צו זיין אַ שפּילכעל אין די הענד פון דער גרויזאַמער נאַטור. די קאַפּריזען פון דער נאַטור הערען אויף צו האָבען אַזאַ שליטה; דאָס לעבען פון מענשען הערט שוין אויף צו זיין אָבהענגיג פון אַ צופאַל. קודם כל נעהמט דער מענש צו הילף די געזעלשאַפט־ ליכקייט, די אחדות, דאָס פעראייניגען זיך מיט אַנדערע פון זיין גלייכען. אויב אַליין, ביחידות, איז דער מענש, אַזוי, ווי אַלע אַנדערע בעשעפּעניסען, צו שוואַך בייצוקומען אַזאַ שטאַרקען פירכטערליכען שונא, ווי די אויסערליכע נאַטור, שאַפט ער צו־ זאַמען מיט נאָך מענשען, מיט אַלגעמיינע כחות אַזאַ שטאַרקע

מאַכט, אונטער וועלכע עס מוז זיך אפילו די שטאַלצע ניט נאָכ־געבּיגע נאַטור אויך בּויגען. די געזעלשאַפטליכקייט, דאָס צוזאַ־מענ־אַרבּייטען קען אָבער האָבּען אַ ממשות בּלויז דאַן, ווען עס זיינען דערצו נאָך פאַראַן אויך ממשות׳דיגע וואַפען, מיט וועלכע די געזעלשאַפט זאָל זיך קענען בּענוצען. די געזעלשאַפטליכע וואַ־פען, וואָס קענען בּענוצט ווערען אין קאַמפף, זיינען צום גליק דאָ גרייט אין דער נאַטור גופא. א י ן דער נאַטור זיינען פאַראַן וואַפען, געוועהר, דורך וועלכע זי ווערט בּעקעמפפט. דער מענש הערט אויף צו זיין געגען זיין שונא אַן אונבּעשיצטער, עלענדער, קראַפטלאָזער אינדיווידואום. ער ווערט אַ טייל פון אַ גרויסער בּע־וואַפענטער מחנה מיט געוויסע ערפאַהרונגען און נסיונות. די וואַפען צום שוץ און צום קאַמפף געגען דער נאַטור דאַרפען שוין ניט זיין צוגעוואַקסענע גלידער צום גוף, נור געצייג, וועלכע זיינען אָבּגעטרענט, אָבּגעטיילט און האָבּען קיין שום צוזאַמענהאַנג ניט מיט׳ן גוף.

די קערפערליכע אָרגאַנען (אַ חוץ דער מח) שטעלען זיך כמעט אין זייער ענטוויקלונג אָב (די ענטוויקלונג אין קוואַנטיטעט געוועהנליך). דער גאַנצער שווערפונקט פון ענטוויקלונג ווערט אַריבּערגעטראָגען אויף די נייע־ערוואָרבּענע, קינסטליכע געזעל־שאַפטליכע אָרגאַנען. דיזע אָרגאַנען האָבּען ניט געהערט דעם אָדער יענעם יחיד, זיי האָבּען געהערט דער גאַנצער געזעלשאַפט, זיי האָבּען זיך געפונען אין רשות פון דעם גאַנצען געזעל־שאַפטליכען אָרגאַניזם.

די צוגעקומענע קינסטליכע אָרגאַנען שפּילען אין דער געזעל־שאַפט אַזאַ ראָלע, ווי די נאַטירליכע, פיזיאָלאָגישע אָרגאַנען אינ׳ם לעבּען פון די בּעזונדערע בּעשעפעניסען. די עקזיסטענץ און גורל פון דער געזעלשאַפט פאַנגט אָן צו זיין אָבּהענגיג פון אָט די נייע קינסטליכע אָרגאַנען, פּונקט אַזוי, ווי דער גורל פון יעדען יחיד איז אָבּהענגיג פון די פיזיאָלאָגישע אָרגאַ־נען. אויב עס פעהלט דער קערפערליכער צוזאַמענהאַנג צווישען געזעלשאַפטליכען אָרגאַניזם און די נייע קינסטליכע אָרגאַנען, איז אָבּער דערפאַר פאַראַן די גרויסע שייכות, די גרויסע אָבּהענגיג־קייט אין גייסטיגען פּרט. אויב דער גייסט, די פּסי־כישע טעטיגקייט, די נשמה פון אַלע בּעשעפעניסען איז ענג פער־

בונדען מיט דער פֿאָרם פֿון זייער קערפּערליכען געבוי, מיט דער פּערנאַנדערגלידערונג פֿון די אָרגאַנען, מיט איין וואָרט, מיט דער פֿאָרם פֿון דער מאַטעריע, איז אויך די געזעלשאַפֿטליכע נשמה ניט ווייניגער פֿערבונדען מיט דעם מאַטעריעלען צושטאַנד פֿון דער געזעלשאַפֿט. די גייסטיגע טעטיגקייט פֿון דער געזעלשאַפֿט, דער בעוואוסטזיין, די איבערצייגונגען, דער ווילען ווערען געשאַפֿען און פּאַסען זיך צו צו די מאַטעריעלע אָרגאַנען — צו די געצייג, אינסטרומענטען און די אופנים, מיט וועלכע די געזעלשאַפֿט פֿיהרט דעם קאַמפּף פֿאַר'ן דאַ-זיין. אַלע גייסטיגע ערשיינונגען פֿון דער געזעלשאַפֿט זיינען אַן אָבשפּיגלונג, אַ רעזולטאַט פֿון די קינסטליכע אָרגאַנען און ממילא מוזען די פֿערשידענע איינריכטונגען, אין וועלכע עס פֿערקערפּערט זיך דער גייסט, דער ווילען און וועלכע דריקען אויס די נשמה פֿון דער געזעלשאַפֿט, זיין אַקוראַט צוגעפּאַסט צו די דאָזיגע קינסטליכע אָרגאַנען.

רופֿען מיר אָן די קינסטליכע אָרגאַנען, אונטער וועלכע מען פֿערשטעהט: די געצייג, וואַפֿען, די פֿאָרם פֿון צוזאַמען-אַרבייטען, — מיט'ן נאָמען: „פּראָדוקטיווע קרעפֿטען“ — קומען מיר צום כלל: „אַז די מאַטעריעלע פּראָדוקטיווע קרעפֿטען בעשטימען אַלע מאָל די פֿאָרם פֿון פֿערשידענע פּאָליטישע איינסטיטוציאָנען און איינריכטונגען, וועלכע זיינען ניט אַנדערס, ווי אַ פֿערקערפּערונג פֿון געזעלשאַפֿטס-גייסט. דער ווילען און די פֿערלאַנגען, וועלכע פֿערקערפּערען זיך אין דיזע פֿאָרמען קענען נור דאַן האָבען אַ ווערטה, ווען זיי זיינען צוגעפּאַסט צו די פּראָדוקטיווע קרעפֿטען, דורך וועלכע זיי זיינען ארויסגערופֿען געוואָרען. דער סוביעקטיווער ווילען און איבערצייגונג קען ניט געהן געגען דיזע אָביעקטיווע, מאַטעריעלע בעדינגונגען. דיזע אָביעקטיווע בעדינגונגען בעשאַפֿען די סביבה, וואו דער מענש אָטהעמט, לעבט און בעקומט זיינע איינדריקע.

זיי ליווערען דעם פסיכישען אַפּאַראַט מאַטעריאַל און שטאָף צו בעאַרבייטען און עס איז זעלבסטפערשטענדליך, אַז אויך די פאַר־טיגע פּראָדוקטען — די מדות, מיינונגען איבערציידגונגען און שטרעבונגען מוזען טראָגען אויף זיך דעם זיגעל פון דער סביבה. די סביבה איז אָבער ניט אַ רעזולטאַט פון מענשענס סוביעקטיווען ווילען, ווי די מאַטעריאַליסטען האָבען געמיינט, אויך ניט אַ רעזולטאַט פון מענשענס נאַטור, ווי די היסטאָריקער האָבען גע־האַלטען; די סביבה ווערט בעשאַפען נאָר דורך די אָביעקטיווע פּראָדוקטיווע קרעפטען, וועלכע דער מענש ווענדעט אָן אין׳ם קאַמפּף פאַר דער עקזיסטענץ. אויב דער מענש האָט די מדה פון רחמנות, איז דאָס ניט דעריבער, ווייל ער איז אַ צלם אלהים, אַ טייל פון דער געטליכקייט, נור ווייל דיזע מדה איז דעם מענ־שען געוועזען נויטווענדיג, ווייל אָהן דער מדה וואָלטען די פּראָ־דוקטיווע קרעפטען געבליבען אָהן אַ שום נוצען אין׳ם קאַמפּף מיט דער נאַטור. ווען די פּראָדוקטיווע קרעפטען פאָדערען, דאָס מענשען זאָלען ארבייטען צוזאַמען, און זאָלען אויסהעלפען דעם צווייטען אין אַ נויט, כדי יענער זאָל אויך מ י ר ארויסהעלפען, ווען איך וועל זיך נויטיגען, — ענטשטעהט מיט דער צייט די מדה פון רחמנות, וואָס קען זיין מעהר אָדער ווייניגער ענט־וויקעלט; דאָס ווענדעט זיך שוין אָן די נאַטירליכע אייגענשאַפ־טען פון יעדען יחיד, פון אינדיווידואום. זיינען אָבער די פּראָ־דוקטיווע קרעפטען אַזוינע, דאָס איין מענש דאַרף ניט אָנקומען צו דער הילף פון צווייטען, דאָס מען דאַרף ניט ארבייטען צוזאַמען, ווייל יעדערער קען בעשטעהן זיין שטעדטעל פאַר זיך, אָדער נאָך בעסער, זאָלען אָט דיזע פּראָדוקטיווע קרעפטען פאָדערען אָבגע־זונדערטקייט, אונטערדריקונג — דאַן איז אויס רחמנות און מענ־שען־ליעבע! און ניט בלויז מדות, נור אויך מנהגים, געזעצען, פּאָליטישע איינריכטונגען און אינסטיטוציאָנען — אַלעס איז פער־בונדען מיט די אופנים, אויף וועלכע עס ווערט געפיהרט דער קאַמפּף אום׳ם דאַ־זיין.

ד י מ י ט ל ע ן א ו ן ד י א ו פ נ י ם פ ו ן ד ע ר פּ ר אָ ד ו ק צ י אָ ן, ד י פּ ר אָ ד ו ק ט י ו ו ע ק ר ע פ־ ט ע ן ב י י ט ע ן ז י ך אָ ב ע ר, ג ע פ י נ ע ן ז י ך א י ן אַ ש ט ע נ ד י ג ע ר ע נ ט װ י ק ל ו נ ג א ו ן

ממילא מוזען זיך מיט א געוויסער נויטווענדיגקייט אויך בייטען די מיינונגען, אנשויאונגען און פערלאנגען, ווי אויך די ממשות'דיגע רעזולטאטען, די פערשידענע געזעלשאפטליכע מנהגים, געזעצען, אינסטיטוציאָנען און איינריכטונגען — מיט איין וואָרט, די גאנצע פאָרם, אין וועלכער די געזעלשאפט איז אָנגעקליידעט. אָט וואו עס ליגט דער סוד פון דער געזעלשאפטליכער ענטוויקלונג נאָך מארקס'ן! „די מאטעריעלע פראָדוקטיווע קרעפטען און ניט אַנדערע זאכען, זיינען די אָביעקטיווע בעדינגונגען, דורך וועלכע עס ווערען ארויסגערופען פערשידענע היסטאָרישע פאָרמען אין געזעלשאפטליכען לעבען. אויב ביי פערשידענע פעלקער זיינען פאראַן פערשידענע מנהגים, איז דערפון א ראיה, אז די פראָדוקטיווע קרעפטען זיינען ביי זיי פערשידען. די פראָדוקטיווע קרעפטען פון איין פאָלק רופען ארויס דוקא אזוינע מנהגים און די פראָדוקטיווע קרעפטען ביים צווייטען פאָלק דוקא אנדערע. אויב די פערשידענע געזעצען און פאָליטישע פאָרמען ענדערען זיך, האָבען זיך מסתמא אויך געענדערט די פראָדוקטיווע קרעפטען. ווען די פראָדוקטיווע קרעפטען וואָלטען בלייבען אויף איין אָרט, פערגליווערט, וואָלט אויך זיין אונמעגליך אַן ענטוויקלונג, א בעוועגונג, א היסטאָריע. די היסטאָרישע ענטוויקלונג איז בלויז א רעזולטאַט פון דער ענטוויקלונג פון די מאטעריעלע פראָדוקטיווע קרעפטען.

ווען אין דער געשיכטע זעהען מיר פריהער א קאָמוניסטישע אָרדנונג, שפעטער די שקלאַפעריי, נאָך שפעטער א פעאָדאַליסטישע אָרדנונג, איז דאָס דעריבער, ווייל די פראָדוקטיווע קרעפטען האָבען פריהער געמוזט האָבען פאַר זייער ענטוויקלונג קהל'שע קאָמוניסטישע אייגענטום, שפעטער האָבען די אייגענע פראָדוקטיווע קרעפטען, וואָס האָבען זיך שוין געענדערט און געוואָרען אַנדערע, נור געקענט האָבען א קיום ביי דער פאַנאַנדערטיילונג

אויף הערדן און שקלאַפען. די פעאָדאַליסטישע אָרדנונג האָט אויך נור געקענט און געמוזט קומען דאַן, ווען די פּראָדוקטיווע קרעפטען, וואָס האָבען געדיענט אַלס אַ יסוד פאַר דער שקלאַ־פעריי, זיינען בטל געוואָרען און האָבען זיך פערביטען אויף אַנ־דערע, וואָס האָבען פאַר זייער ענטוויקלונג געפאָדערט דוקא פע־אָדאַלע בעציהונגען*).

אַז די פרייע אידעאַלע רוימישע רעפּובליק איז פערביטען גע־וואָרען אין אַזאַ מיאוס'ע זעלבסטהערשענדע דעספּאָטיע, זיינען אין דעם געווען שולדיג ניט די מדות, די כאַראַקטערען, די ווי־לענס פון די הערשער, נור, פערקעהרט, די מדות און פערלאַנגען פון די הערשער, ווי אויך פון אַלע רוימישע בירגער, זיינען גע־וואָרען דעספּאָטישע אַנשטאַט די פריהערדיגע דעמאָקראַטישע, ווייל די פּראָדוקטיווע קרעפטען זיינען געוואָרען אַנדערע. די אינטערעסען פון די פּראָ־דוקטיווע קרעפטען, וועלכע האָבען פריהער ענטוויקעלט אין די מחות פון די בירגער אַזעלכע הויכע דעמאָקראַטישע איבערצייגונ־גען, האָבען שפּעטער, ווערענדיג אַנדערע, ענטווי־קעלט אין די קעפּ פון די אייגענע רוימער מאָנאַרכיסטישע, אַבסאָ־לוטיסטישע איבערצייגונגען.

אויב די פראַנצויזישע דעספּאָטיע איז דורך דער רעוואָלוציע פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ בורזשואַזע רעפּובליק, איז דאָס ניט אַ דאַנק די פיהרער, וועלכע האָבען פערשפּרייט און געפּרעדיגט פרייע, רעפּובליקאַנישע איבערצייגונגען, נור, ווייל די פּראָדוק־טיווע קרעפטען זיינען אויסגעוואַקסען, זיינען פון פעאָדאַליסטי־שע געוואָרען — בורזשואַזע, פאַר וועלכע די פעאָדאַלע אָרדנונג איז געוואָרען צו ענג און האָט זיך שוין ניט געקענט האַלטען. דאָס איז די אורזאַכע, וואָס ביי די קלאַסען, וועלכע האָבען גע־

*) ווי אַזוי די פּראָדוקטיווע קרעפטען האָבען אין די ערשטע צייטען געפאָדערט דוקא קהל'שע אייגענטהום, שפּעטער פּריוואַט־אייגענטום, נאָך שפּעטער אַנדערע פאָרמען פון פּאַנאַנדערטיילונג — זעה מיין אַרטיקעל: „די געזעצען אין דער נאַטור און אין דער געזעלשאַפט" אין „צייט־גייסט" נומ. 9. זעה אויך די זעקסטע לעקציע פון מיין קורס: „פּאָליטישע עקאָ־נאָמיע", וואָס איך האָב געגעבען אין „פאָלקס אוניווערזיטעט דורך קאָ־רעספּאָנדענץ אין אידיש". — א. ש. ז.

לעבט פון די נייע פּראָדוקטיווע קרעפטען, האָט זיך ענטוויקעלט אַ פּראָטעסט געגען דער אַלטער אָרדנונג; צווישען אַט די קלאַסען האָבען געפונען אזא גוטען באָדען די רעוואָלוציאָנערע פונקען, וועל־כע האָבען מיט אזא ענערגיע פערברענט די אַלטע חורבה. ביי יענע קלאַסען טאַקע, וועלכע האָבען געצויגען זייער חיונה און עקזיס־טענץ פון די אַלטע פּראָדוקטיווע קרעפטען, האָבען די רעוואָ־לוציאָנערע אידעען פון די פרייהייטס־גייסטער געפונען ניט קיין אָבקלאַנג, נור אַ ווידערשטאַנד.

אויב די מיטעלאַלטערליכע איינגעשלאָסענע צעכען, וועלכע האָבען ניט געלאָזען דעם מענשען זיך פריי בעוועגען, זיינען בטל געוואָרען און אויף זייער שטעל האָט זיך צום ענד פון 18־טען און אין אָנפאַנג פון פאָריגען יאָהרהונדערט ענטוויקעלט די פּאָלי־טיק פון פרייען פערקעהר און פרייער קאָנקורענץ, איז דאָס דערי־בער, ווייל די פריהערדיגע שוואַך־אויסגעבילדעטע און ווענינ ענט־וויקעלטע קליין־אינדוסטריעלע פּראָדוקטיווע קרעפטען (ווי די קליינע ווערקשטאַטען און מאַנופעקטורען) וועלכע האָבען זיך גענויטיגט אין אַ משגיח, אין אונטערשטיצונג אום צו קענען שטעהן אויף די פיס, זיינען אויסגעוואַקסען אין גרויס־אינדוסטריעלע פּראָדוקטיווע קרעפטען, וועלכע פערטראָגען ניט אויף זיך קיין רעגירונגס־משגיחים, קיין פערשידענע בעגרענצונגען. אַ גרויס־אינדוסטריעלער מוז זיך קענען פריי קעהרען און ריהרען, ער קען נור אָטהעמען און לעבען אין אַזוינע לענדער, וואו עס עקזיסטי־רען פרייע בעציהונגען. די פריהערדיגע צעכען, וועלכע האָבען געפּענטעט יעדען אונטערנעהמער, האָבען געמוזט בטל ווע־רען אין די אינטערעסען פון די נייע פּראָדוקטיווע קרעפטען.

און אזוי זיינען אין אַלע מדות, איבערצייגונגען, געזעצען און פּאָליטישע פאָרמען בלויז שולדיג די פּראָדוקטיווע קרעפטען. זיי און דוקא זיי זיינען די אורזאַכען פון דער געזעל־שאַפטליכער ענטוויקלונג.

„די מאַטעריאַליסטישע אַנשויאונג אויף די היסטאָריע — זאָגט ענגעלס אין „אַנטידיורינג“ — געהט אַרויס פון דער הנחה, אַז די פּראָדוקציאָן און צוזאַמען מיט דער פּראָדוק־ציאָן דער טויש פון די געשאַפענע פּראָדוקטען — איז דער יסוד

פון יעדער געזעלשאַפטליכער אָרדנונג, אַז אין יעדער געזעלשאַפט, וואָס טרעט היסטאָריש אַרויס, איז די פאַנאַנדערטיילונג פון די פּראָדוקטען און די סאָציאַלע פונאַנדערגלידערונג אויף קלאַסען צוגעפּאַסט צו די אופנים, ווי אַזוי די פּראָדוקטען ווערען געשאַפען און אויף וואָס פאַר אַ שטייגער די געשאַפענע פּראָדוקטען ווערען אויסגעטוישט צווישען די מענשען; דעריבער דאַרף מען די ערשטע אורזאַכען פון פערשידענע פערענדערונגען אין דער געזעלשאַפט און פּאָליטישע איבערקעהרעניסען זוכען ניט אין די מחות פון מענשען, ניט אין די געפיהלען פון אמת און יושר, נור אין די פערענדערונגען פון די פּראָדוקטיווע קרעפטען און די אופנים פון טויש; די סבה כל הסבות דאַרף מען זוכען ניט אין דער פילאָזאָפיע, נור אין דער עקאָנאָמיע פון יעדען דור: דאָס ערוואַכטע בעוואוסטזיין, דאָס בעגרייפען און צום שכל קומען, אַז די הערשענדע געזעלשאַפטליכע איינריכטונגען זיינען ניט גוט און ניט עהרליך, אַז דאָס, וואָס פריהער האָט מען געהאַלטען פאַר קלוג, איז איצטער געוואָרען נאַריש, פריהערדיגע גליק — אַן אונגליק — דאָס אַלעס איז אַ סמן, אַז די פערענדערונגען אין די אופנים פון פּראָדוקציאָן און טויש זיינען פאָרגעקומען ניט בעמערקטערהייד און אַז די נייע אופנים ענטשפּרעכען שוין ניט דער אַלטער געזעלשאַפטליכער אָרדנונג, וואָס איז געווען צוגעשניטען און צוגעפּאַסט לויט דער מאָס פון די אַלטע עקאָנאָמישע בעדינגונגען".

„איך האָב זיך איבערצייגט — זאָגט מאַרקס — אַז די שייכות צווישען מענשען, לויט די עקזיסטירענדע געזעצען און די פאָרמען פון מלוכה־לעבען, ערקלעהרען זיך ניט מיט זייער אייגענער נאַטור, ניט מיט דער ענטוויקלונג פון דעם כלומרשט'דיגען מענשליכען גייסט, נור זיי זיינען איינגעוואָרצעלט אין די מאַטעריעלע לעבענס־בעציהונגען (פּראָדוקטיווע קרעפטען)".

אָט די גרויסע ענטדעקונג פון היסטאָרישען מאַטעריאַליזם, וואָס בעווייזט אונז, אַז די אורזאַכען פון דער געזעלשאַפטליכער ענטוויקלונג, די טרייבקראַפט פון דער היסטאָריע, זיינען די מאַטעריעלע פּראָדוקטיווע קרעפטען, וואָס ווערען ענטוויקעלט ביי דער געזעלשאַפט אינ'ם קאַמפף אום'ם דאַ־זיין, — די גרויסע

ענטדעקונג פון קאַרל מאַרקס האָט געשאַפען אַ נייע מעטאָדע, און אַ נייע מאָס, ווי אויסצומעסטען פערשידענע געזעלשאַפטליכע ערשיינונגען. אַנווענדענדיג די מעטאָדע פון היסטאָרישען מאַטעריאַליזם קען מען אַלע מאָל אַבשאַצען דעם ווערטה פון אַ געוויסער ערשיינונג. יעדע ערשיינונג, געשעהענים, פאַסירונג, יעדע מדה, יעדער מנהג, יעדעס געזעץ, בעוועגונג און פּאָליטישע פאָרם קען זיין פּראָגרעסיוו און רעאַקציאָנער, פאָרשריטליך אָדער הינטערשטעליג, גוט אָדער שלעכט, נאָרמאַל און אונגאָרמאַל — דאָס ווענדעט זיך אויף ווי ווייפיעל זיי זיינען צוגעשניטען און אַנגעפּאַסט צו די פּראָדוקטיווע קרעפטען, וועלכע הערשען אין דער געזעלשאַפט.

אום צו פערהיטען פון אַ טעות מוזען מיר בעמערקען, אז דער היסטאָרישער מאַטעריאַליזם, וועלכער בעהויפּטעט אַ געוויסע נויטווענדיגקייט אין דער געשיכטע, און לערנט, אז די היסטאָריע בעוועגט זיך לויט אָביעקטיווע געזעצען, לויט די פּאָדערונגען פון די מאַטעריעלע אונלעבענדיגע פּראָדוקטיווע קרעפטען, מיינט דערמיט ניט צו זאָגען, אז דער מענש מיט זיין גייסט האָט אין דער געשיכטע קיין שום ווערדע ניט, אז ער איז מעהר ניט, ווי אַ גולם, אַ געצייג ביי די פּראָדוקטיווע קרעפטען. אדרבה, פון אַלעס, וואָס מיר האָבען געזאָגט, איז געדרונגען, אז דער ווילען, די איבערצייגונגען, דער בעוואוסטזיין — איבערהויפּט די גייסטיגע אייגענשאַפטען פון מענשען — נעהמען אַ גרויסען אַנטהייל אין אַלע געזעלשאַפטליכע געשעהעניסען און איינריכטונגען. די לעצטע זיינען מעהר ניט ווי אַ פערקערפּערונג פון מענשענס גייסט. קיין געזעלשאַפטליכע עראייגנים קען ניט פאָרקומען אָהן דעם אַנטהייל פון מענשענס בעוואוסטזיין און איבעריגע גייסטיגע פעהיגקייטען. דער היסטאָרישער מאַטעריאַליזם, וועלכער לייקענט אָב די עקזיסטענץ פון גייסטער אויף יענער וועלט, וועלכער גלויבט ניט אין איבערנאַטירליכע כחות, וואָס מען זעהט ניט בחוש, לייקענט געוויס ניט אָב די ראָלע פון דעם גייסט, וואָס ענטשטעהט צוליעב דעם מאַטעריעלען פיזיאָלאָגישען געבוי פון קערפּער. דער היסטאָרישער מאַטעריאַליזם ערקלעהרט בלויז, פאַר וואָס דער גייסט אַרבייט דווקא אזוי און ניט אנדערש? פאַר וואָס געהט ער אין דיזער ריכטונג און ניט

אין קיין אַנדערער ריכטונג? דיזע לעהרע ווייזט נאָר אָן אויף יענע מאַטעריעלע, גשמיות'יגע, געזעלשאַפטליכע אָרגאַנען, וועלכע רופען ארויס און גיבען אַ ריכטונג דעם געזעלשאַפטליכען גייסט, וואָס איז דער סך־הכל פון אַלע איינציגע גייסטער, וועלכע זיינען פון זייער זייט אויך פערבונדען מיט אַ מאַטעריעלען ממשות'דיגען אָרגאַן.

עס איז דורך און דורך פאַלש די פערשפּרייטע מיינונג, אז מאַרקס לייקענט אָב די ווירקונג פון גייסט, פון דער פּסיכאָלאָגיע אין דער ענטוויקלונג. דיזער פאָרוואורף איז אזוי פאַלש, ווי עס וואָלט זיין פאַלש דער פאָרוואורף אויף דאַרווינען און זיינע תלמידים, די מאַניסטישע מאַטעריאַליסטען, אז זיי לייקענען אָב די נשמה ביי'ם איינציגען מענשען. די פראַגע איז איבערהויפּט ניט, אויב עס ווירקען די גייסטיגע אייגענשאַפטען, אויב עס שפּיעלען אַ ראָלע אין דער געשיכטע די גייסטיגע פעהיגקייטען אָדער ניט: דאָס קען איבערהויפּט ניט געלייקענט ווערען. די פראַגע איז נור איבער די אורזאַכען פון דיזע גייסטיגע ערשיינונגען, פאַר וואָס נעהמען זיי אָן אַזאַ פאָרם און ניט קיין אנדערע? פאַר וואָס זיינען זיי היינט אַזוינע און מאָרגען אנדערע? און אזוי גוט, ווי דער מאָניסטישער־מאַטעריאַליסט בעהויפּטעט, אז די פּסיכאָלאָגיע פון אינדיווידואום, פון סוביעקט איז ניט אַ זעלבסטשטענדיגע אונאָבהענגיגע קראַפט, וועלכע האָט איהר אייגענע טבע, איהרע אייגענע געזעצען, נור אז זי, די פּסיכאָלאָגיע, שטעלט פאָר — די צווייטע זייט פונ'ם מאַטעריעלען מח און איז ממילא אָבהענגיג אין גאַנצען פון יענע בעדינגונגען און געזעצען, וועלכע רעגירען מיט דער מאַטעריע, — ערקלעהרט אויך דער היסטאָרישער מאַטעריאַליסט, אז די געזעלשאַפטליכע אידעאָלאָגיע, די נשמה פון דער געזעלשאַפט איז פערבונדען מיט די מאַטעריעלע פּראָדוקטיווע קרעפטען און אז יעדע פערענדערונג אין די לעצטע פעראורזאַכט אויך אַ פערענדערונג אין דער גייסטיגער טעטיגקייט פון דער געזעלשאַפט.

אמת טאַקע, דער מענשליכער גייסט און זיין טעטיגקייט איז אויך אָבהענגיג פון די ארומיגע נאַטירליכע בעדינגונגען, ווי צום ביישפּיעל פון קלימאַט, באָדען, נאַטירליכער לאַגע און

אזוי ווייטער. זיי לייגען אויף זייער שטעמפּעל און גיבען א ריכטונג דער פּסיכאָלאָגיע פון איינציגען, ווי דער אידעאָלאָגיע פון דער געזעלשאַפט. דיזע נאַטירליכע בעדינגונגען זיינען דאָך אָבער ש ט ע נ ד י ג ע, אלע מאָל (מיט קליינע אויסנאַהמען) די־זעלביגע און זיי קענען דעריבער ניט אַרויסרופען פערענדערונגען אין דער אידעאָלאָגיע. מיר זוכען דאָך די סבות פון דער ה י ס ט אָ ר י ע, פון דער ע נ ט וו י ק ל ו נ ג, פון דעם אנדערש־ווערען! עס איז זעלבסטפערשטענדליך, אז אזוינע קע־נען שוין ניט זיין די אויבענדערמאָהנטע ש ט ע נ ד י ג ע בע־דינגונגען, נור די פּראָדוקטיווע קרעפטען, ד י א י י נ צ י ג ע, וועלכע פעראורזאַכען ד י פ ע ר ע נ ד ע ר ו נ ג ע ן, די היסטאָריע.

די בעדערפניסען פון די מענשען ווערען וואָס ווייטער אַלץ גרעסער. זיי ווערען גרעסער צוליעב צוויי זאכען: ערשטענס צוליעב דעם, ווייל די מענשען ווערען מעהר אין צאָהל, זיי זיינען פּרים ורבים, און צווייטענס צוליעב דעם, ווייל זיי ווערען קולטע־ערלער און ענטוויקעלטער. די נויט צו בעפרידיגען די בעדערפ־ניסען טרייבט זיי, די מענשען, אויסצובעסערען זייערע קינסט־ליכע געצייג, אָדער, ווי מיר רופען דאָס „די פּראָדוקטיווע קרעפ־טען“ און מיט דער ענדערונג פון די פּראָדוקטיווע קרעפטען קומט אויך פאָר א פערענדערונג אין די שייכות פון מענש צו מענש, אין די געזעצען, אינסטיטוציאָנען א. אז. וו.

„פאַר וואָס ווילט איהר האָבען — הער איך א שאלה — אז דוקא די פּראָדוקטיווע קרעפטען רופען ארויס די פערענדערונגען, אפשר רופט ארויס די פערענדערונגען אין דער געשיכטע דער צוּוואַקס פון דער בעפעלקערונג גופא? איהר זאָגט דאָך אַליין, אז די בעפעלקערונג ווערט גרעסער, ד. ה. אז זי ענדערט זיך, טאָ פאַר וואָס זאָלען מיר טאַקע ניט צושרייבען די פערענדערונגען אין דער געשיכטע אָט טאַקע די פערענדערונגען אין דער בעפעלקערונג, און צו וואָס אָנקומען צו די פּראָדוקטיווע קרעפטען?“

דער תירוץ איז גאַנץ איינפאַך. די געשיכטע ענדערט זיך ניט נור אין כמות (קוואַנטיטאַטיוו) נור אויך אין איכות (קוואַלי־טאַטיוו) און די סבות, וועלכע רופען ארויס די פערענדערונגען, מוזען במילא אויך זיין אַזעלכע, וועלכע ענדערען זיך אויך קוואַ־

ליטאטיוו. דער צואוואקס פון דער בעפעלקערונג אליין קען שוין דעריבער ניט אנגענומען ווערען פאר די הויפט סבה פון דער ענטוויקלונג, ווייל דער צואוואקס פון דער בעפעלקערונג איז בלויז א קוואנטיטאטיווע ענדערונג. די פראדוקטיווע קרעפטען ענדערען זיך אבער סיי אין כמות, סיי אין איכות און ממילא זיינען זיי די הויפט בעוועגער פון דער געשיכטע.

עס זיינען פאראן חכמים־קריטיקער, וועלכע חוזק'ן און פרעגען מיט א שמייכעל אויף די ליפען, מיינענדיג אז זיי גיט זיך מיט זייער קלאץ־קשיא איין אינגאנצען צוצוקלאפען דעם היסטארישען מאטעריאליזם. „סטייטש — פרעגען אט דיזע חכמים — צי דען, אז א געלעהרטער מאכט אן ענטדעקונג, אדער, אז א קינסטלער מאכט א שעהן בילד, האט ער דען דאס געטהאן, ווייל איהם האט געטריבען די נויט? די עקאנאמישע בעדערפניסען? וואס פאר א שייכות איז פאראן צווישען די פראדוקטיווע קרעפטען און די גייסטער פון געלעהרטע און קינסטלער, וועלכע האבען געווים א ווירקונג אויף דער ענטוויקלונג?" — דיזע קלאץ־קשיא איז בכלל א גרויסע עם־הארצות: עס האנדעלט זיך איבערהויפט ניט וועגען יעדע בעזונדערע ערפינדונג פון דער וויסענשאפט און קונסט, נור איבער די *וויסענשאפט* און *קונסט בכלל*. לויט דעם היסטארישען מאטעריאליזם איז די וויסענשאפט און קונסט ניט א בת אלהים, ניט א מתנה פון גאט, נור רעזולטאטען פונ'ם קאמפף, וואס די מענשען פיהרען מיט דער נאטור. בלויז אין דיזען קאמפף בעקומט דער מענש א חשק און א רצון צו ענטדעקען די סודות פון דער נאטור. דיזער רצון, דאס וויסענשאפטליכע שטרעבען, ווי באלד, אז עס האט זיך שוין ענטוויקעלט אין א בעזונדערען אינסטינקט — דארף ער שוין, לויט דעם היסטארישען מאטעריאליזם, ניט האבען ביי יעדען נייען שריט און ענטדעקונג א ספעציעלע עקאנאמישע סבה, וואס זאל דיזע ענטדעקונג פעראורזאכען. אויסער דעם, איז טאקע פאקטיש יעדע ענטדעקונג אין דער וויסענשאפט און קונסט אבהענגיג פון די מאטעריעלע פראדוקטיווע קרעפטען, וועלכע הערשען אין דער געזעלשאפט און בעשאפען די ארומיגע סביבה. א געלעהרטער ענטדעקט ניט סתם אין דער וועלט אריין, אונאבהענגיג פון זיין צייט און דור. יעדע ענטדעקונג קומט פאר אויפ'ן

סמך פון די פּאַריגע ידיעות און ערפאַהרונגען און מיט דער זולף פון געוויסע אַפּאַראַטען. דיזע ערפאַהרונגען בעקומט דער גע־לעהרטער נור אין זיין סביבה און די אַפּאַראַטען ווידער קענען נור זיין ביי אַ געוויסע ענטוויקלונג, ביי אַ געוויסען צושטאַנד פון די פּראָדוקטיווע קרעפטען. אָהן דיזע מאַטעריעלע פּראָדוקטיווע קרעפטען, אָהן דער סביבה, וואָס ליווערט דעם געלעהרטען די נויטיגע ידיעות און אַפּאַראַטען — דאָס נויטיגע מאַטעריאַל, איז די ענטדעקונג אונמעגליך. אַ בעמיקער קען ענטדעקען נייעס נור דאַן, ווען ער ווייס אַלע בעמישע געזעצען, וועלכע זיינען אָנ־גענומען אין זיין צייט; אַ באַקטעריאָלאָג קען נור דאַן ארביי־טען, ווען ער האָט די נויטיגע מיקראָסקאָפּען. יעדער געלעהרטער דענקט לויט דעם מאַטעריאַל, וואָס געפינט זיך אין זיין רשות, ער בעאַרבייט נור די עמפּפינדונגען, וואָס זיין סביבה ליפערט איהם און דעריבער קען מען זאָגען, אַז יעדע ענטדעקונג און ער־פינדונג פון אַ געוויסער צייט איז אָבהענגיג פון דעם שטאַנד, אויף וועלכען עס געפינען זיך די פּראָדוקטיווע קרעפטען, ווייל זיי געבען אַ בעשטימטע ריכטונג דעם געלעהרטענס גייסט. „קיין געלעהרטען — זאָגט מאַרקס — וועט זיך ניט איינגעבען צו ענטדעקען אַן אופן און אַ מיטעל, ווי צו פאַנגען פיש דאָרטען, וואו עס איז קיין טייך ניטאָ“.

IV

די היסטאָרישע נויטווענדיגקייט פון סאָציאַליזם

א) דער קלאַסען־קאַמפּף אין דער געזעלשאַפט.

ביז איצט האָבען מיר בעטראַכט די געזעלשאַפט פאַר איין איינהייטליכען גאַנצען אָרגאַניזם, וועלכער האָט איינע און די זעלבע אינטערעסען, לעבט אין איין סביבה, בעקומט גלייכע איינדריקע, וועלכע רופען אַרויס גלייכע איבערצייגונגען. מיר האָבען געזעהן, ווי די גאַנצע געזעלשאַפט איז אָבּהענגיג פון מאַטעריעלע פּראָדוקטיווע קרעפטען, דורך וועלכע עס ווערט געפיהרט דער קאַמפּף מיט דער נאַטור. קומט פאָר א פערענדערונג אין די פּראָדוקטיווע קרעפטען, ווערט גלייך אַן אַנדער סביבה, די מוחות פון די מענשען בעקומען אַנדערע איינדריקע און עמפּפינדונגען, דער פּסיכישער אַפּאַראַט בעקומט א גאַנץ אַנדער מאַטעריאַל צום בעאַרבייטען און עס ווערען ממילא אויך אַנדערע מיינונגען, איבערצייגונגען, אַן אַנדער בעוואוסטזיין און אַן אַנדער ווילען. די נייע איבערצייגונגען רופען אַרויס א בעוועגונג געגען די אַלטע פאָרמען, אין וועלכע די געזעלשאַפט לעבט. דיזע בעוועגונג ווערט אַלץ שטאַרקער, וואָס גרעסער עס איז די צאָהל מענשען, וועלכע ווערען דורכגעדרונגען מיט די איינדריקע און עמפּפינדונגען פון דער נייער סביבה און וואָס גיכער דיזע איינדריקע פערוואַנדלען זיך אין נייע איבערצייגונגען, וואָס גיכער זיי וועקען דעם בעוואוסטזיין. איז דער בעוואוסטזיין ערוואַכט, קומט אָם ענדע די צייט, ווען די רוחניות׳דיגע, גייסטיגע איבערצייגונגען בעקומען הויט און ביין, ווערען איבערצויגען מיט א סקעלעט פון ממשות׳דיגע פאַקטען און מעשים. עס ווערען בטל די אַלטע פאָרמען, די אַלטע איינריכטונגען, וועלכע זיינען געווען געבויט אויפ׳ן יסוד פון דער אַלטער סביבה, לויט די פריהערדיגע פּראָדוקטיווע קרעפטען און אויף זייער אַרט ווערען אויפ־

געשטעלט נייע פאָרמען צוגעשניטען און אָנגעפּאסט לויט דער מאָס פון איצטיגען צושטאנד פון די פּראָדוקטיווע קרעפטען. די ענט־וויקלונג מאַכט אַ שריט ווייטער. דער ראָד פון דער היסטאָריע קייקעלט זיך, ווייל זיין פּרוזשינע, זיין טרייבער — די פּראָדוק־טיווע קרעפטען — האָט זיך אַ רוק געגעבען. געוועהנליך, איי־דער דער ראָד פון היסטאָריע דרעהט זיך אריבער, ניט ווידערצור־קעהרען זיך צוריק אויפ׳ן אַלטען אָרט, קומען פאַר געוויסע שטע־רונגען, בעוועגונגען הין און צוריק; ער שאָקעלט זיך דאָ פאָר־ווערטס, דאָ ריקווערטס. סוף כל סוף מוז אָבער קומען יענער מאָמענט, ווען די היסטאָריע געזעגענט זיך אויף אייביג מיט איהר אַלטען פּלאַטץ. די אַלטע פאָרמען, די אַלטע געזעלשאַפטליכע אינ־סטיטוציאָנען ווערען חרוב, צושמעטערט און אויסגעביטען אויף נייע פאָרמען, אַזוי ווי עס פאָדערען די נ י י ע פּראָדוקטיווע קרעפטען. דאָס לעבען ווערט בעגייט מיט אַ פּאסענדער היסטאָ־רישער פאָרם.

אַזוי וואָלט מען זיך קענען אין אַלגעמיין פאָרשטעלען די גאַנצע געזעלשאַפטליכע ענטוויקלונג, ווען די געזעלשאַפט וואָלט באמת געווען א י י ן גאַנצער אָרגאַניזם, וואו אַלע בעזונדערע אָרגאַנען לעבען צווישען זיך בשלום, אין אַ געוויסער האַרמאָניע. קוקען מיר אָבער אריין, וואָס עס קומט פאַר א י נ ו ו ע נ י ג אין דער געזעלשאַפט גופא, זעהען מיר, אַז די פּראָדוקטיווע קרעפ־טען בעוועגען זי נ י ט א י נ ג אַ נ צ ע ן מ י ט א מ אָ ל. פערקעהרט, זיי צושפּאַלטען די געזעלשאַפט אויף פערשיעדענע קעמפּפענדע צדדים, ביי וועמען עס זיינען פאראַן פערשיעדענע אינטערעסען; זיי צושטערען די גאַנצקייט, די אייניגקייט, די האַרמאָניע צווישען איהרע מיטגליעדער, זיי בעשאַפען ניט א י י ן סביבה, נור פערשיעדענע סביבות, און ממילא אויך ניט איינע און די זעלבע איבערצייגונגען, נור פערשיעדענע, ענטגעגענגע־זעצטע. עס קומט פאַר אַ קאַמפּף ניט בלויז צווישען די נאַטור און די געזעלשאַפט, נור א י ן ד ע ר ג ע ז ע ל ש אַ פ ט ג ו פ א צ ו ו י ש ע ן פ ע ר ש י ע ד ע נ ע ק ל אַ ס ע ן.

„די בעציהונגען, די שייכות צווישען מענשען — זאָגט מאַרקס — זיינען אָבהענגיג פון די פּראָדוקטיווע מיטלען. ווען עס ענדערען זיך די לעצטע, ענדערען זיך אויך די שייכות פון די שעפּ־

פער צווישען זיך. עס ענדערען זיך די אופנים פון זייער צוזאַמען־ארבייטען און זייער אנטהייל אין דעם גאַנצען גאנג פון דער פּראָדוקציאָן. ווען מען ענטדעקט נייע וואַפען, נייע קריגס־געוועהר, ענדערט זיך שוין במילא די גאַנצע אינערליכע אָרגאַניזאַציאָן פון דער ארמעע, אזוי אויך די בעציהונגען, אין וועלכע עס שטעהען די פּערזאָנען, וועלכע געהערען צו דער ארמעע און צוליעב וועלכע די ארמעע גופא ווערט גערעכענט פאר איין אָרגאַניזירטע גאַנצע; צום סוף ענדערען זיך אויך די בעציהונגען צווישען פערשיעדענע ארמעען. די שייכות צווישען מענשען און די שייכות פון דער פּראָדוקציאָן ענדערען זיך אויף דעם אופן מיט דער פערענדערונג און ענטוויקלונג אין די מאַטעריעלע פּראָדוקטיווע קרעפטען. די שייכות צווישען מענשען אין דער אַלטער רוימישער געזעלשאַפט זיינען געוועזן, צום ביישפּיעל, געגרינדעט אויף שקלאַפעריי; אין דער שפּעטערדיגער פעאָדאַלער אָרדנונג זיינען אויך געוועזן אַנדערע בעציהונגען; די בורזשואַזע געזעלשאַפט ווידער, ווערט כאַראַקטעריזירט דורך אַנדערע בעציהונגען, ווי די פעאָדאַלע".

די אורזאַכע, וואָס די גאַנצע איינהייטליכע געזעלשאַפט ווערט צוטיילט אויף קלאַסען, אָדער, ווי מאַרקס דריקט זיך אויס: „עס ענדערען זיך די שייכות פון מענשען צווישען זיך", ליעגט אויך אויף דעם אופן אין די אייגענע פּראָדוקטיווע קרעפטען. די פּראָדוקטיווע קרעפטען פון די ערשטע צייטען, וועלכע זיינען בעשטאַנען אין יאַגד־בעשעפטיגונג, האָבען אונבעדינגט געפאָדערט א קאָמוניסטישע אָרדנונג, וואו די שייכות צווישען מענשען זאָלען זיין גלייכע, איינער זאָל ניט האָבען מעהר פאר'ן צווייטען. איז די יאַגד פערביטען געוואָרען אויף פיה־פיטערונג און לאַנדווירטשאַפט זיינען די שייכות צווישען די מיטגליעדער פון דער געזעלשאַפט שוין אויך געוואָרען גאַנץ אַנדערע. די פריהערדיגע גלייכהייט, דאָס גלייכע אַלגעמיינע בענוצען זיך מיט די געשאַפענע פּראָדוקטען איז צושטערט געוואָרען — די שייכות צווישען די מיטגליעדער זיינען ניט געוועזן, ווי צווישען גלייכבערעכטיגטע, נור ווי צווישען א ו נ ג ל י י כ ע, צווישען מיוחסים און פשוטע מענשען. ווען די הויפּט־בעשעפטיגונג, די פּראָדוקטיווע קרעפטען, איז בעשטאַנען אין מלחמות, זיינען די שייכות צווישען די מיטגליעדער געוואָרען נאָך מעהר א ו נ ג ל י י כ ע; די געזעלשאַפט

איז צוריסען געוואָרען אויף הערנען און שקלאַפען. די היינטיגע פאַנאַנדערטיילונג אויף קאַפּיטאַליסטען און אַרבייטער איז ווידער געוואָרען אַרויסגערופען דורך אַזוינע פּראָדוקטיווע קרעפטען, וועלכע שאַפען זאַכען ניט פאַר׳ן אייגענעם גע־ברויך, נור פאַר׳ן מאַרק, צום פערקויף. די פּראָדוקטיווע קרעפ־טען בעשאַפען, ווי שוין געזאָגט, ניט איין סביבה, נור אייניגע סביבות. איין קלאַס בעקומט זיינע איינדריקע און געפינט זיך אונטער דער ווירקונג פון איין סביבה, און אַן אַנדער קלאַס — פון אַן אַנדער סביבה. דיעזע איינדריקע זיינען זיך טיילמאָל סותר, שטעהען אין ווידערשפּרוך, ווירקען פ ע ר ש י י ד ע ן אויף די חושים פון סוביעקט, וואָס ווענדעט זיך אָן דעם, צו וועלכען קלאַס דיזער סוביעקט געהערט; עס אַרבייטען זיך אויס פערשיי־דענע איבערצייגונגען, פערשיידענע אַנשויאונגען, פערשיידענע מנהגים, פערשיידענע מידות — מיט איין וואָרט — פ ע ר ש י י ־ ד ע נ ע א י ד ע אָ ל אָ ג י ע ס: אַ אידעאָלאָגיע פון הערשענ־דען קלאַס און אַ אידעאָלאָגיע פון בעהערשטען קלאַס. עס הערט אויף צו זיין איין אַלגעמיינע זיטען־לעהרע, איין אַלגעמיינע מאָ־ראַל — נ ו ר א ק ל אַ ס ע ן ־ מ אָ ר אַ ל; די זיטען פון די אונטערדריקטע קלאַסען זיינען טיילמאָל דער היפך פון יענע זיטען, וועלכע הערשען ביי די אויבערשטע קלאַסען; וואָס דער אונטער־דריקטער קלאַס האַלט פאַר כשר און עהרליך, קען דער אונטער־דריקער האַלטען פאַר אַ פערברעכען, וואָס די בורזשואזיע האַלט פאַר אַ חוב, קען דאָס פּראָלעטאַריאַט האַלטען פאַר אַ חטא, און ביידע זיינען, לויט זייערע שטאַנדפּונקען גערעכט, ווייל די קוועלען, פון וועלכע זיי ציהען זייער חיונה, זיינען אַנדערע; זיי לעבען און אָטהעמען אין גאַנץ אַנדערע סביבות און זייערע געדאַנקען בעקו־מען גאַנץ אַנדערע ריכטונגען. ביי פערשיעדענע קלאַסען ענטוויק־לען זיך פערשיעדענע געדאַנקען־וועלטען, צווישען וועלכע עס ליעגט אַ טיעפער און אַ ברייטער תהום, וואָס ווערט אַלץ גרעסער און גיט ניט די מעגליכקייט זיך אויסצוגלייכען און צוזאַמענצורעדען, ווייל די פערשיעדענע קלאַסען רעדען אויף פערשיעדענע לשונות, האָבען פערשיעדענע איבערצייגונגען, לעבען מיט אַנדערע האָפנונגען און שטרעבען צו אַנדערע ציעלען.

פאַר אַ פּראָלעטאַריער, וואָס פינסטערט אָב אַלע זיינע יאָה־

רען אין פאַבריק, וואו ער אַרבייט אָהן אַ שיעור און אָהן אַן ערך פאַר אַ הונגער־לוין, זיינען די איינדריקע פון דער היינטיגער אָר־דנונג זעהר ניט אַנגענעהם, זיי רופען ביי איהם אין מח ארויס ניט אַ בעפריעדיגונג, אַ צופרידענהייט, נור אַ פּראָטעסט געגען דער הערשענדער אָרדנונג, וואָס איז גערינדעט אויף פּריוואַט־איי־גענטהום, און גיט איהם ניט די מעגליכקייט זיך צו בענוצען אַליין מיט די פּראָדוקטען פון זיין אַרבייט. די אַלע, וועלכע שטרעבען צו בעזייטיגען אַזאַ מין אָרדנונג, וועלען זיין פאַר'ן פּראָלעטאַריער אידעאַליסטען, הויכע בעלי־מדות, וועלכע קענען דיענען פאַר אַ מוסטער די איבעריגע מענשען. די בעווע־גונג, וואָס וויל מאַכען אַ סוף פון דער איצטיגער אָרדנונג, איז פאַר איהם די איידעלסטע און שעהנסטע. דער בורזשוא, אָבער, וועלכער לעבט פון פרעמדער האַרעוואַניע און טהוט אַליין גאָר ניט אָדער זעהר ווייניג, איז זיך מיט דער סביבה גאַנץ צופרידען; די איינדריקע זיינען איהם זעהר אַנגענעהם, זיי רופען ביי איהם אין מח ניט אַרויס אַ פּראָטעסט, נור, פערקעהרט, זיי ענטוויקלען אַן איבערצייגונג, אַז דוקא די איצטיגע אָרדנונג איז די בעסטע און שענסטע פון אַלע וועלטען, און יענע, וועלכע ווילען איהר חרוב מאַכען, וועט דער בורזשוא האַלטען און האַלט טאַקע באמת פאַר אַלעם, וואָס אין קאָרט שטעהט. עס איז פערשטענדליך, דאָס אַזעלכע ענטגעגענגעזעצטע מיינונגען וועלען זיך קיין מאָל ניט אויסגלייכען; דאָ האַנדעלט זיך ניט אום אַ שלום, נור אום אַ זיעג. אַ פשרה איז דאָ אונמעגליך, איינער מוז האָבען די אויבערהאַנד און די מאַכט אין דער געזעלשאַפט; און אַזוי ווי יעדער קלאַס וויל די מאַכט אויסנוטצען פאַר זיינע אינטערעסען, ענטשטעהט אַ קלאַסען־קאַמפף צווישען די, וועלכע בעזיצען די מאַכט און יענע, וועלכע ווילען עס בעקומען. און אַזאַ קלאַסען־קאַמפף צווישען יענע, וועל־כע פיהלען זיך גוט ביי דער הער־שענדער אָרדנונג און די, וועלכע לײדען, צווישען די צופרידענע און אונצופרידענע, צווישען די מאַכט־האָבער און די מאַכטלאָזע, געהט דורך די גאַנצע געשיכטע זינט מענשען זיינען אי־

בערהויפּט צוטהיילט אין קלאַסען. אין דעם דאָזיגען קאַמפּף זיעגט יענער קלאַס, וועמעס פּאָדערונגען עס זיינען מעהר צוגעפּאַסט צו די פּראָדוקטיווע קרעפטען פון דער צייט. דער קלאַס, וועלכער האָט אויף זיין זייט די פּראָדוקטיווע קרעפטען, די עקאָנאָמישע מאַכט, מוז פריהער אָדער שפּעטער אויך בעקומען די פּאָליטישע מאַכט, וועלכע וועט אויפשטעלען די געזעלשאַפט אויפ'ן נייעם יסוד לויט די אינטערעסען פון די נייע פּראָדוקטיווע קרעפטען.

די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציע און די רעוואָלוציעס פון 48טען יאָהר זיינען געווען אַרויסגערופען דורך דעם, וואָס די פּראָדוקטיווע קרעפטען, אויף וועלכע עס האָט זיך געהאַלטען דער גאַנצער מיטעל־אַלטערליכער בנין מיט דער פעאָדאַלער אָרדנונג, זיינען אויסגעוואַקסען אין אַזוינע, אויף וועלכע די אַלטע פעאָדאַלע אָרדנונג, האָט זיך שוין ניט געקענט האַלטען. דער קלאַס, וועלכער האָט אויסגעדריקט די אינטערעסען פון די נייע פּראָדוקטיווע קרעפטען, איז געווען דער קלאַס קאַפּיטאַליסטען, די בורזשואַזיע. ווען די פּראָדוקטיווע קרעפטען האָבען זיך אויף אַזוי פיעל ענטוויקעלט און זייערע פאָרשטעהער, די קאַפּיטאַליסטען, אַלס קלאַס, זיינען געוואָרען אַזוי עקאָנאָמיש שטאַרק, דאָס זיי האָבען געקענט ווערען אַליין די בעלי בתים אין לאַנד, איז חרוב געוואָרען די אַלטע אָבגעלעבטע, ניט־טויגליכע פּעאָדאַלע געביידע און עס איז אויפגעשטעלט געוואָרען די קאַפּיטאַליסטישע. די אַלע איינריכטונגען, געזעצען זיינען געוואָרען צושניטען לויט די פּאָדערונגען פון קאַפּיטאַל. דער בורזשואַזנער קלאַס, וואָס איז שוין צוליעב די ענטוויקעלטע פּראָדוקטיווע קרעפטען געווען פריהער עקאָנאָמיש שטאַרק, האָט לויט דער היסטאָרישער נויטווענדיגקייט אויך בעקומען די פּאָליטישע מאַכט.

י ע ד ע ר ע וו אָ ל וצ י ע ב ע ד י י ט ע ט נ ו ר אַ ז ד י ג אַ נ צ ע אָ ד ע ר אַ ט ה י י ל פ ו ן ד ע ר פּ אָ ל י ט י ש ע ר מ אַ כ ט ג ע ה ט א י ב ע ר צ ו אַ נ י י ע ם ב י ז א י צ ט א ו נ ט ע ר ד ר י ק ט ע ן ק ל אַ ס. דער היסטאָרישער מאַטעריאַליזם ערקלעהרט דערביי, אַז די פּ אָ ל י ט י ש ע מ אַ כ ט ק ע ן א י ב ע ר־ ג ע ה ן ד ו ק א צ ו ד ע ם ק ל אַ ס, וו ע ל כ ע ר

דריקט אויס די אינטערעסען פון די פּראָדוקטיווע קרעפטען.

וואָס פאר אַ אָרדנונג וועט לויט דער היסטאָרישער נויטווענדיגקייט ירשה'נען דעם איצטיגען? מיט וואָס וועט זיך ענדיגען דער גרויסער קלאַסען־קאַמפּף פון אונזער צייט? ווער וועט זיעגען? מיר וועלען זעהן, אַז די אָביעקטיווע געזעצען פון דער היסטאָריע וועלען פיהרען צו דער מפּלה פון דער בורזשואזיע און צום זיעג פון פּראָלעטאַריאַט.

ב, דער זיעג פון פּראָלעטאַריאַט.

דער היסטאָרישער מאַטעריאַליזם לערנט אונז, אַז די אָביעקטיווע געזעצען פון דער היסטאָריע מוזען ברייגגען דעם זיעג דוקא יענעם קלאַס, וועלכער דריקט אויס די אינטערעסען פון די נייע פּראָדוקטיווע קרעפטען. וועלכער קלאַס איז דאָס?

די פּראָדוקטיווע קרעפטען, דער אָרגאַן, מיט וועלכען די היינטיגע געזעלשאַפט, פיהרט דעם קאַמפּף פאַר'ן דאַ־זיין, איז די גרויס־אינדוסטריע, די מאַסען־פּראָדוקציאָן. צעהנדליגע און הונדערטע טויזענד מענשען ארבייטען צוזאַמען און שאַפען די נויטיגע פּראָדוקטען. די פּראָדוקציאָן איז אַ קאָלעקטיוו־פּראָדוקציאָן. די גאַנצע געזעלשאַפט נעהמט אין איהר אַן אַנטייל. יעדער פּראָדוקט ווערט בעשאַפען ניט דורך איין ארבייטער, נור דורך אַ סך. קיין אינדיווידועלען סמן האָט דער פּראָדוקט ניט. דער ארבייטער, וועלכער האָט איבער איהם געאַרבייט, ערקענט איהם שפּעטער ניט, ווייל יעדער ערפילט נור אַ קליינעם חלק אין דער ארבייט, וואָס איז נויטיג צו שאַפען דעם פּראָדוקט. די אייגענשאַפטען פון פּראָדוקט זיינען ניט אָבהענגיג פון דעם ארבייטערס פעהיגקייטען, נור פון דער מאַשין. בענוטצען זיך מיט די פּראָדוקטען דאַרף זיך לויט יושר די גאַנצע געזעלשאַפט, די פאַנאַנדערטיילונג דאַרף אויך זיין אַ קאָלעקטיווע, אַ סאָציאַליסטישע. אין אמת'ן איז דאָס בענוטצען, די פאַנאַנדערטיילונג פון די פּראָדוקטען אַן אינדיווידועלע; ניט אַלע בענוטצען זיך מיט די פּראָדוקטען, נור אַ קליינער טהייל אייגענטהימער. די אינדיווידועלע פונאַנדערטיילונג איז ניט צוגעפּאַסט צו די פּראָדוקטיווע קרעפטען, וועלכע פאָדערען אַ קאָלעקטיווע בענוטצונג,

אַ ל ע זאָלען קענען גלייך הנאה האָבען פון דער פּראָדוקציאָן. די אינדיווידועלע פאָרם פון פאַנאַנדערטיילונג, וואָס שטיצט זיך אויף פּריוואַט־אייגענטהום, איז געווען אין איהר צייט ארויסגע־רופען דורך די אַ ל ט ע פּראָדוקטיווע קרעפטען.

ווען דער מאַטעריעלער אָרגאַן, מיט הילף פון וועלכען די גע־זעלשאַפט פיהרט איהר קאַמפף פאַר דער חיונה, איז געווען אַ אינ־דיווידועלער, ווי דער קליין־בעטריעב, די קליין־אינדוסטריע, וואָס איז אין גאַנצען אָבהענגיג פון די פעהיגקייטען און אַ י נ ד י־ ו ו י ד ו ע ל ע ן כאַראַקטער פון שעפּפער, מוז די פאַנאַנדער־טיילונגטיילונג אויך זיין אַן אַ י נ ד י ו ו י ד ו ע ל ע. אַ י י־ נ ע ר שאַפט, אַ י י נ ע ר מוז זיך בענוטצען מיט'ן געשאַ־פענעם פּראָדוקט. דאָס פּריוואַט־אייגענטהום איז געווען היסטאָ־ריש נויטווענדיג. אין אַ קליין־בעטריעב איז דער פּראָדוקט ניט בלויז פערגליווערטע אַרבייט בכלל, נור אַרבייט פון ד ע ם אָדער י ע נ ע ם. דער פּראָדוקט טראָגט אויף זיך דעם פּנים פון זיין שעפּפער. די פּראָדוקטיווע קרעפטען פון קליין־בעטריעב האָבען דעריבער געפאָדערט פּריוואַט־אייגענטום, אַן אַ י נ ד י ו ו י־ ד ו ע ל ע פונאַנדערטיילונג.

די פּראָדוקטיווע קרעפטען האָבען זיך אָבער ענטוויקעלט. דער קליין־בעטריעב איז אויסגעוואַקסען אין אַ גרויס־בעטריעב, וואָס פאָדערט פאַר זיין ענטוויקלונג, ווי געזאָגט, אַ קאָלעקטיווע סאָ־ציאַליסטישע פאַנאַנדערטיילונג. אַז די היינטיגע פּראָדוקטיווע קרעפטען ליידען און קענען זיך ניט הויך ענטוויקלען אין אונזער געזעלשאַפט, וואָס איז געבויט אויף פּריוואַט־אייגענטהום און אויף די אינדיווידועלע פערטיילונג פון די פּראָדוקטען, ווייזען אונז זעהר קלאָר די קריזיסען. די קריזיסען, ווי בעוואוסט, קומען נור דעריבער, וואָס די פּראָדוקציאָן איז ניט אָרגאַניזירט, איין פּראָ־דוצענט ווייס ניט פון צווייטען. יעדערער מאַטערט זיך צו האָבען די אויבערהאַנד אויפ'ן מארק און בייצוקומען זיינע קאָנקורענטען. עס ווערט אַ מהומה, אַ מישמאַש, אַ יאָגעניש אין דער פּראָדוק־ציאָן. אין פיעלע צווייגען ווערען בעשאַפען פּראָדוקטען אַ סך מעהרער, וויפיעל דער מארק קען פערברויכען, און אַנדערע צוויי־גען פון דער פּראָדוקציאָן ווערען גאָר אָבגעלאָזען. עס ו ו ע ר ט אַ ק ר י ז י ס, וואָס פיהרט דערצו, דאָס די פּראָדוקטיווע

קרעפטען ווערען אָבגעהאַלטען. די ניט־אָרגאַניזירטע פראָדוקטיווע קרעפטען רופען ארויס אַן „איבער־פראָדוקציאָן" — א חולאת פון וועלכע די פראָדוקטיווע קרעפטען אליין ליידען. די קריזיסען זיינען די קראַנקהייטס־סימפטאָמען, פון וועלכע היינטיגע געזעלשאפט ליידעט; זיי בעווייזען, אז די פראָדוקטיווע קרעפטען קענען ניט פערטראָגען היינטיגע אָרדנונג מיט איהרע מנהגים, געזעצען און איינריכטונגען. „די אָרדנונג ווערט דערשטיקט פון איהר אייגענער פעטקייט".

פון די פערשיידענע פאָדערונגען, וואָס די פערשיידענע קלאסען שטעלען ארויס, זיינען בלויז צוגעפאסט צו פראָדוקטיווע קרעפטען יענע, וועלכע פאָדערען אז די פראָדוקציאָן זאָל איבערגעהן פון רשות היחיד צום רשות הרבים, צום גאנצען קהל, עס זאָל זיין א קאָלעקטיווע פאנאנדערטילונג, אן אָרגאניזירטע סאָציאליסטישע אָרדנונג. דיזע פאָדערונגען שטעלט ארויס ניט קיין אנדערער, ווי דער ארבייטער־קלאס און דעריבער וועט דער ארבייטער־קלאס לויט די היסטאָרישע נויטווענדיגקייט זיעגען.

דער סאָציאַליזם מוז קומען — לעהרט אונז דער היסטאָרישער מאַטעריאַליזם — ניט דערפאר, ווייל ער איז יושר׳דיגער, עהרליכער און הומאנער פון די איבעריגע אָרדנונגען, ניט דעריבער, ווייל די געפיהלען, די שעהנע מדות פון פערשיעדענע מענשען פערלאַנגען אזא גערעכטיגע אָרדנונג; ער מוז קומען, ווייל די נויטווענדיגקייט, די אָביעקטיווע געזעצען פון דער היסטאָריע, די פראָדוקטיווע קרעפטען פיהרען דערצו.

דורך מארקס׳ ענטדעקונג פון היסטאָרישען מאטעריאליזם, אז די גאנצע געזעלשאפטליכע ענטוויקלונג איז אָבהענגיג פון די פראָדוקטיווע קרעפטען, האָט דער סאָציאליזם אויפגעהערט צו זיין בלויז א שעהן וואָרט, א פיינע און איידעלע שטרעבונג, נור א *נויטווענדיגקייט*, א רעזולטאט פון די פראָדוקטיווע

קרעפטען. *דער סאָציאַליזם איז אויף דעם אופן געוואָרען וויסענשאַפטליך בעגרינדעט.*

מיר האַלטען ניט פאַר איבעריג דאָ זיך עטוואָס אָבצושטעלען אויף די מאָדערנע פראַגע: „אויב די היסטאָרישע נויטוועגדיגקייט — פרעגען מאָדערנע בעל־הבת׳ישע געלעהרטע — אויב די היסטאָרישע נויטוועגדיגקייט וועט סיי ווי סיי פיהרען צום סאָציאַליזם, טאָ צו וואָס דאַרף מען גאָר די פּראָפּאַגאַנדע און אַגיטאַציע? דער ציעל וועט דאָך עררייכט ווערען אויך אָהן אַ שום מיה און מאַטערנים לויט די נויטוועגדיגקייט, לויט די אָביעקטיווע געזעצען?!“

מיר האָבען שוין געהאַט די מעגליכקייט צו זעהן, אַז די פּראָדוקטיווע קרעפטען בעקומען זייערע פּאַסענדע געזעלשאַפטליכע פאָרמען ניט בגניבה, אָהן דעם וויסען פון מענשען. אָהן דעם אָנטייל פון מענשענס שכל קען איבערהויפּט קיין פערענדערונג אין דער געזעלשאַפט ניט פאָרקומען. די פּראָדוקטיווע קרעפטען קענען זיעגען בלויז דעריבער, ווייל זיי בעשאַפען אַזאַ סביבה, וואו די מענשען בעקומען דוקא *אַזוינע* מיינונגען און איבערציינונגען, ווי עס פּאַסט פאַר זייערע אינטערעסען. יעדע פערענדערונג מוז אַלזאָ פריהער דורכגעהן דורך די מחות פון די מענשען. דער בעוואוסטזיין מוז זיין דער פערמיטלער צווישען די פּראָדוקטיווע קרעפטען און די געזעלשאַפטליכע פאָרמען, וועלכע דאַרפען זיין צו זיי צוגעפּאַסט. דער בעוואוסטזיין, אַזוי אויך דער ווילען, מוז זיין די סבה פון דער נייער אָרדנונג און דער רעזולטאַט פון די הערשענדע פּראָדוקטיווע קרעפטען. ער דיענט אַלס אַ מיטעלרינג צווישען די אַרומיגע סביבה און די שפּעטערדיגע רעפאָרמען. ווען מיר זאָגען אַז די אָדער יענע פאָרם איז היסטאָריש נויטוועגדיג הייסט ניט, אַז די נויטוועגדיגקייט וואָלט געפיהרט דערצו *אָהן* דעם בעוואוסטזיין, און אָהן דעם מענשענס ווילען; דאָס הייסט נור, אַז לויט די היסטאָרישע נויטוועגדיגקייט מוז דער בעוואוסטזיין זיין גראַד *אַזוי* און ניט אַנדערש, אַז דער מענש מוז דוקא *ווען* און פערלאַנגען אַזאַ אָרדנונג, וועלכע איז צוגעפּאַסט צו די פּראָדוקטיווע קרעפטען. כל זמן דער מח פון מענשען איז אָנגעפילט מיט די איינדריקע פון דער אַלטער אָב־

געלעבטער סביבה, וועט דער בעוואוסטזיין און ווילען אויך זיין רע־אקציאָנער, אָבגעלעבט, פעראַלטעט. די פּראָפּאַגאַנדע און אַגי־טאַציע ווירקען מיט, דער מח זאָל זיין פעהיג צו עמפּפאַנגען די נ י י ע איינדריקע פון דער נייער סביבה, וועלכע וועלען פער־דרינגען און אַרויסשטופּען די אַלטע. דער בעוואוסטזיין וועט זיך ערוואַכען און זיך בעפרייען פון די אַלטע אָבגעלעבטע איבער־צייגונגען און וועט בעקומען דורך די נייע איינדריקע אַן א מ ת ׳ ע פ אָ ר ש ט ע ל ו נ ג, ריכטיגע בילדער פון דער ווירקליכקייט לויט די אמת׳ע פאָדערונגען פון די פּראָדוקטיווע קרעפטען. וואָס שטאַרקער עס זיינען די פּראָפּאַגאַנדע און אַגיטאַ־ציע, אַלס צייטיגער ווערט דער בעוואוסטזיין, אַלס ענערגישער טרעט אַרויס דער נייער ווילען און אַלס גיכער וועלען קומען די גע־ווינשטע פערענדערונגען. דעם מענשענס בעוואוסטזיין איז דער באָדען, דאָס מאַטעריאַל, איבער וועלכע די היסטאָרישע נויטווענ־דיגקייט אַרבייט. עס פערשטעהט זיך, אַז וואָס ווייכער און פרוכטבארער דיזער באָדען איז, אַלס גיכער און בעסער ווירקט די היסטאָרישע נויטווענדיגקייט. פּראָפּאַגאַנדע און אַגיטאַציע גריי־טען אָן אַ באָדען, וואו די אָביעקטיווע געזעצען זאָלען אַרבייטען און ווירקען אונגעשטערט און ממילא מיט אַ בעסערן ערפאָלג. זיצען און וואַרטען מיט צוזאַמענגעלייגטע הענד און האָבען בטחון אין די היסטאָרישע נויטווענדיגקייט, הייסט פערלענגערען און אָב־האַלטען דעם וואוקס פון די נייע געזעלשאַפטליכע פאָרמען און אינסטיטוציאָנען.

ווען מען צינדט אָן האָלץ, ברענט עס מיט אַ נויטווענדיגקייט פון כעמישען געזעץ, דאָס קוילען־שטאָף פון האָלץ פעראייניגט זיך מיט דעם זויער־שטאָף פון דער לופט. דיזעס געזעץ איז אַ נאַ־טירליכע נויטווענדיגקייט און הענגט ניט אָב פון אונזער סוביעקט. דאָס ליגט אויסער אונזערע קרעפטען. מיר, אַלס סוביעקטען, זיינען אָבער בכח צו בעשאַפען בעדינגונגען, וואו די נאַטירליכע געזעצען זאָלען מעהר ווירקען אָדער וועניגער ווירקען. מיר קענען צוגעבען מעהר לופט, דער פייער וועט זיך אויפבלאָזען און ברענען מיט מעהר ענערגיע. מיר האָבען, הייסט עס, געגעבען פרייהייט דעם געזעץ, וואָס ליגט אויסער אונז. מיר קענען אויך פערשטי־קען דעם פייער, אָבנעהמען פון איהם די נויטיגע לופט און דאָס

נאַטירליכע געזעץ וועט ניט קענען ווירקען, ווייל עס האָט ניט מאַ־טעריאַל, אַ באָדען, וואו זיך צו פערשפּרייטען. פּראָפּאַגאַנדע און אַגיטאַציע בעשאַפען ניט די נאַטירליכע נויטווענדיגקייט פון סאָ־ציאַליזם, זיי נעהמען נור אוועק די מניעות, זיי רייניגען אָב דעם פּלאַץ, אום די אָביעקטיווע געזעצען, די נויטווענדיגקייט, זאָלען בעסער ווירקען און דערמיט גופא דערנעהנטערען די סאָציאַליס־טישע אָרדנונג.

ביז איצט האָבען מיר זיך בעמיהט צו ערקלעהרען בלויז אײן זייט פון דעם וויסענשאַפטליכען סאָציאַליזם, די פילאָ־זאָפישע זייט. דער סאָציאַליסטישער אידעאַל אין אָנפאַנג פון 19־טען יאָהרהונדערט, וועלכער האָט צוגעצויגען מיט זיין שעהנ־קייט די בעסטע, בעגייסטערטע און עהרליכסטע דענקער, ווי ראָ־בערט אָוען, סען סימאָן און פוריע איז געשטאַנען אויסער דער ווירקליכקייט, ער האָט ניט גע־האַט קיין רעאַלען באָדען, ווייל קיינער האָט ניט געזעהן די מעג־ליכקייטען און די מיטלען, ווי צו קומען צו איהם. אין דאַ־מאָלסדיגען סאָציאַליזם האָט מען זיך ניט געקענט איבערצייגען, נור גלויבען. יענע, וועלכע האָבען איבער־הויפּט געגלויבט אין דער פערפאַלקאָמונג פון מענשליכען גע־שלעכט, אין משיח־צייטען, וואו פאַלשקייט, שקר און איבעריגע אונרעכטען, וועלען ארויסגעשטויסען און אונטערדריקט ווערען פון דעם אייביגען אמת, אַז די רייסערייען, די מחלוקות וועלען פער־ביטען ווערען אויף אַן אייביגען שלום, שנאה — אויף ליעבע; קאַמפף — אויף אחדות — אַזעלכע מאמינים האָבען אויך געקענט גלויבען און האָפען, אַז דאָס „דול־הויז" (ווי ראָ־בערט אָוען רופט אָן די היינטיגע אָרדנונג) וועט פערענדערט ווע־רען אויף אַ סאָציאַליסטישע אָרדנונג. אַ רעאַלע פּאָליטיק איז געווען דאַרויף אונמעגליך צו פיהרען, ווייל דער גאַנצער אוטאָ־פּיסטישער סאָציאַליזם איז ניט געווען אַ שכל־זאַך, נור אַ געפיהל־זאַך. דאָס האָט נור געהאַט צו טהאָן מיט'ן הארץ, אָבער ניט מיט'ן מח. דער סאָציאַליסטישער אידעאַל האָט געשוועבט אין דער הויך, ערגעץ וואו צווישען די הימלען, און דאָ אויף דער ערד האָט מען אונטערדריקט, עקספּלאָאַטירט אויפ'ן שענדליכסטען אופן;

דאָרטען האָט העל געלויכטען דער סאָציאַליזם און דאָ זיינען מענ־שען פער׳חשב׳ט און פערשוואַרצט געוואָרען אין די פאַבריקען, וואו עס האָבען געהערשט שרעקליכע בעדינגונגען, ניט זעהענדיג פאַר זיך אַ מיטעל, ווי בעפרייט צו ווערען און קומען צו דער גאולה. אַזוי ווי אַלע אוטאָפּיעס, אידעאַלען, וועלכע האָבען ניט קיין שייכות מיט דער געגענוואַרט און וואָס זיינען געבויט אויף לופטיגע, ניט ממשות׳דיגע יסודות, האָט אויך דער סאָציאַליס־טישער אידעאַל געמוזט וואַכעדיג ווערען, פערלירען זיינע אַנהענ־גער און סוף כל סוף פערוואַנדעלט ווערען אין אַ נייעם רעליגיעזען אַבגאָט, וועלכער האָט נאָר בכח צוצוציהען פערשיעדענע סעקטאַנ־טען און ניט־ווייטזיכטיגע פאַנטאַזיאָרען. אין דער אַלטער פער־שימעלטער חורבה פון אמונה, וואָס דאַרף איינפאַלען, ווערען גע־שטעלט נייע געצקעס, אונטער׳ן נאָמען: „סאָציאַליזם״, „גלייכ־הייט״ (אזא מיאוסע פאָרם האָט טאַקע בעקומען דער הויכער סאָ־ציאַליסטישער אידעאַל ביי סען־סימאָנ׳ס תלמידים).

מאַרקס האָט מיט זיין ענטדעקונג פון היסטאָרישען מאַטער־יאַליזם געוואָרפען אַ בריק איבער דעם תהום, וואָס האָט אָבגע־טיילט די ערליכע סאָציאַליסטישע צוקונפט פון דער צרה׳דיגער געגענוואַרט, וואו די לופט איז אָנגעפילט מיט שנאה, קנאה, רציחה, א. ז. וו. מאַרקס האָט געוויזען, אַז דער סאָציאַליזם מוז קומען, ניט צוליעב דעם גוטען ווילען פון די מענשען, נור צוליעב אָביעקטיווע געזעצען פון דער היסטאָרישער ענטוויקלונג. דער סאָציאַליזם איז ניט אַ הימעל־אידעאַל, נור אַ ווירקליכקייט. ניט על פי נס וועלען מענשען אויפהערען צו עקספּלואַטירען איינער דעם צווייטען, נור על פי דרך הטבע, צוליעב דעם נאַטירליכען גאַנג פון דער געשיכטע. ניט פון הימעל וועט אַרויסוואַקסען דער סאָ־ציאַליזם, נור פון דער ערד, ניט פון אויסען וועט ער צו אונז ערשיינען, נאָר פון אינווענדיג, פון אונז גופא. אינווענדיג, אין אונזער היינטיגער אָרדנונג, ליגען שוין די זאָמען, די זריעה אויף די סאָציאַליסטישע צוקונפט. די פּראָ־דוקטיווע קרעפטען פון היינטיגער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט — לעהרט אונז דער היסטאָרישער מאַטעריאַליזם — זיינען דער יסוד פון דער צוקינפטיגער סאָציאַליסטישער געביידע. דער תהום צווישען די געגענוואַרט און צוקונפט איז דורך דעם פערשוואונדען.

דער גוטער מאָרגען איז אָרגאַניש פערבונדען מיט דעם שלעכטען היינט.

דאָס איז אָבער נאָך ניט אַלעס. מאַרקס האָט ניט נור גע־וויזען, אַז די סאָציאַליסטישע אָרדנונג מוז קומען, נור אויך, ווי אַזוי זי וועט קומען, דורך וועלכע עלעמענטען זי וועט געבוירט ווערען. מאַרקס האָט אָנגעוויזען אויף דעם קלאַס, ווער עס איז בע־רופען פון דער היסטאָריע צו פערווירקליכען דעם סאָציאַליזם. „דיזע גרויסע היסטאָרישע ראָליע — לעהרט אונז ווייטער מאַרקס — קען נור ערפילט ווערען דורכ'ן פּראָלעטאַריאַט, ווייל דער פּראָ־לעטאַריאַט איז דער איינציגער קלאַס, וועלכער האַלט אוים אויף זיינע פּלייצעס די גאַנצע געזעלשאַפט. פון איהם און ניט פון קיין אַנדער קלאַס איז אָבהענגיג דער מזל און גליק פון דער געזעלשאַפט. אין זיין האַרץ גליהען די פונקען, וועלכע וועלען פערברענען און חרוב מאַכען די איצטיגע קאַפּיטאַליסטישע געביידע, און נור אין זיינע מוסקולען איז פאַראַן די מאַכט, דורך וועלכע עס וועט אויפגעשטעלט ווערען די סאָציאַליסטישע געביידע. די איבעריגע קלאַסען קענען אַליין, אָהן די הילף פון ארבייטער, ניט עקזיסטי־רען: זיי לעבען ניט פון דער אייגענער האַרעוואַניע, נור פונ'ם ארבייטערס און דריבער שטרעבען זיי ניט חרוב צו מאַכען, נור, פערקעהרט, אונטערצוהאַלטען די איצטיגע אָרדנונג". דיזע גרויסע עקאָנאָמישע מאַכט, וואָס ליעגט פערבאָרגען אינ'ם ארבייטער־קלאַס און דורך וועלכע דיזער קלאַס וועט קענען פערווירקליכען דעם אידעאַל פון סאָציאַליזם, האָט מאַרקס בעוויזען מיט זיין „מעהר־ווערטה'ס טעאָריע".

דאָס איז מאַרקס'ס צ ו ו י י ט ע ענטדעקונג דורך וועלכע „דער סאָציאַליזם איז געוואָרען — ווי ע נ ג ע ל ס דריקט זיך אוים — פון אַ אוטאָפּיע אַ וויסענשאַפט".

אום צו פערשטעהן די ענטדעקונג פונ'ם מעהר־ווערטה מוזען מיר קודם־כל זיך אָבשטעלען אויף דער טעאָריע פון ווערטה בכלל.

V

די זוערטה־טעאָריען

די הויפּט געווערה אין דעם שווערען קאַמפף פאר דער עקזיס־טענץ, וואָס עס קומט אויס דעם מענשען צו פיהרען מיט דער נאַטור, איז די וויסענשאַפט.

די וויסענשאַפט אונטערזוכט די ערשיינונגען און בעקאַנט זיך מיט די כחות פון דער נאַטור, זי בעווייזט זייער שייכות צווי־שען זיך, זייערע גוטע און שלעכטע זייטען, זי לערנט אויס דעם מענשען, ווי צו עקספּלואַטירען, ווי אויסצונוצען די גוטע זייטען און ווי מלחמה צו האַלטען קעגען די שלעכטע זייטען.

זעלטען אָבער ענטדעקט אונז די וויסענשאַפט נייע וועגען אין דער בריאה. געוועהנליך הויבט פריהער דאָס לעבען אליין אָן זיך צו בענוצען בלינדערהייט, אונוויסענד מיט די כחות און די ערשיינונגען פון דער נאַטור. די וויסענשאַפט קומט צוהילף ערשט שפּעטער, ווען די געוויסע ערשיינונג איז שוין איבערגע׳חזר׳ט געוואָרען אין לעבען. ווען די מענשען האָבען זיך מיט איהר שוין כמה וכמה מאָל בענוצט אין דער פּראַקטיק, — דאַן קומט ערשט די וויסענשאַפט און גיט דעם פּשט און אַנדערע מאָל אויך דעם טעם דערפון.

פיעל ערשיינונגען זיינען דאָ אין דער נאַטור, וואָס צוליעב זייער אָפטען איבער׳חזר׳ן זיך, ווערען מיר צוגעוואָהנט צו זיי און זיי ווייזען אונז אויס אַזוי פּשוט, אַז אונז דאכט זיך, אַז אַנ־דערש קען גאָר ניט זיין און עס פאַלט אונז גאָר ניט איין צו פרעגען, פאר וואָס דאָס איז אַזוי? און דוקא אין אַזוינע ערשיי־נונגען ליגען פערבאָרגענע סודות און געזעצען, וועלכע וואָלטען געוויס פערלייכטערט די שווערע מלחמה פאר׳ן לעבען, ווען מען וואָלט זיי ענטדעקט. „וויפיעל פילאָזאָפיע דאַרף מען האָבען צו פערשטעהן דאָס, וואָס ס׳קומט פאר אין אַלטעגליכען לעבען“, האָט געזאָגט דער בעוואוסטער פראַנצויזישער דענקער זשאַן זשאַק רוססאָ. און דאָס איז גאַנץ ריכטיג, ווען מיר בעטראַכטען אונזער אָרעמען וויסען און אונזער שוואַכען פערשטענדנים פון די אַרומיגע ערשיינונגען.

זעהר פיעל ענטדעקונגען און וויסענשאַפטליכע אויפטהואונגען פון די לעצטע צייטען זיינען געבויט אויף ניוטאָן'ס געזעץ, אז די ערד האָט א צוציהונגס קראַפט. און וואָס איז דען דאָס צוציהונגס געזעץ, ווען ניט אַן ערקלעהרונג אויף די טעגליכע ערשיינונג, אַז אַלע זאַכען פאַלען אויף דער ערד? וויפיעל אמת, ווידער, איז פאַראַן אין דער לעגענדע, וואָס געהט ארום אין פאָלק, אַז די אייזענבאַהן איז ערפונדען געוואָרען א דאַנק א קענדעל קאָפע!

עס איז קיין צווייפעל ניט, דאָס מענשען וואָלטען זיך א סך ווענינגער געקוועלט, ווען זיי וואָלטען פערשטעהן דעם שכל און דעם טעם פון די איינפאַכע ערשיינונגען, וועלכע רינגלען אונז ארום.

אָבער ווי געהיימניספול עס זאָלען ניט זיין די ערשיינונגען, וועלכע קומען פאָר אין דער אויסערליכער נאַטור, זיינען די ערשיינונגען פון אונזער געזעלשאַפטליכען לעבען, די ערשיינונגען, וועלכע קומען פאָר בין אדם לחבירו, נאָך ווענינער אויסגעפאָרשט און בעלויכטען.

עס זיינען פאַראַן פיעל ערשיינונגען אין אונזער געזעלשאַפטליכען לעבען, וועלכע ווערען איבערגע'חזר'ט יעדען טאָג זעהר פיעל מאָל, אָבער ניט ווענינ מיה און קאָפּדרעהענים האָט געקאָסט די געלעהרטע, איידער זיי האָבען פערשטאַנען די בעדייטונג און די סבה דערפון. נעהמט, א שטייגער, דעם ווערטה פון א סחורה. דאַכט זיך, ווער ווייס דאָס ניט אָבצושאַצען א סחורה! יעדערער, ווער עס איז נור אביסעל בעקאַנט מיט הלכות מסחר, וועט קענען לייכט פאַראויסזאָגען, וויפיעל עס דאַרף קאָסטען די אָדער יענע סחורה, יעדער פשוט'ער אינגעל אפילו ווייסט, אז א בייגעל, למשל, קאָסט א פעני און א געפלאָכטענער זעמעל — צוויי פענים! אָבער ווי פשוט און איינפאַך די זאַך זאָל אונז ניט אויסווייזען, איז זי גאָר ניט אזוי פשוט פאַר'ן געלעהרטען עקאָנאָמיסט, וועלכער בעגנוגענט זיך ניט מיט דעם, וואָס ער זעהט דעם פאַקט, נור גריבעלט זיך צו דערגעהן ביז די אורזאַכען פון די פאַקטען.

איבער דער אורזאַכע פון דעם ווערטה הערשען גרויסע חלוקי דעות און מיר וועלען פּרואווען געבען אַן איבערבליק איבער די וויכטיגסטע פון זיי.

ווי אזוי ווערט בעשטימט דער ווערטה פון די סחורות? אין פלוג ווייזט אויס, אז די סוחרים, וועלכע האנדלען מיט דער סחורה, בעשטימען אויף איהר ווערטה, אז די בעלי הבתים פון דער סחורה, זיינען אויף די דעה זאָגער אויף איהר ווערטה.

דאָס איז נור אין פלוג. קוקט מען זיך איין אביסעל טיעפער אין דעם ענין, זעהט מען, אז די בעלי הבתים פון דער סחורה זיי־נען ניט קיין בעלי הבתים פון איהר ווערטה. מיר ווייסען גאַנץ גוט, אז יעדע סחורה האָט אין פערשיידענע ערטער און אין פער־שיידענע צייטען אויך אַ פערשיידענעם ווערטה. אַ מאַשין, למשל, קאָסט אין אַמעריקא ביליגער ווי אין רוסלאַנד. אין רוסלאַנד גופא האָט אַ מאַשין געקאָסט מיט 40-50 יאָהר צוריק טייערער, ווי איצט. אויב דער ווערטה פון די סחורות זאָל זיך נור ווענדען פון די סוחרים אָדער פאַבריקאַנטען, טאָ ווי קומט עס, אז גראַד אין אַמעריקא אָדער אין ענגלאַנד קאָסטען מאַשינען ביליגער ווי אין רוסלאַנד אָדער טערקיי? אמת, טאָקי דעם אַמעריקאַנער פאַבריקאַנט קאָסט אייזען, קוילען און אַנדערע רויהע מאַטעריאַ־לען ביליגער ווי דעם רוסישען, אָבער אַלץ קשה, פאַר וואָס קויפט ער טאָקי רויהע מאַטעריאַל איין ביליגער, ווי דער רוסישער פאַברי־קאַנט?

מען זעהט בעשיינפערליך, אז ניט דער סוחר, אָדער פאַברי־קאַנט, בעשטימט דעם ווערטה, נאָר אז דער ווערטה פון אַ זאַך ווערט בעשטימט אָהן זייער הסכמה. און אַז זיי, די בעלי הבתים פון דער סחורה, זיינען געצוואונגען צו האנדלען לויט דעם ווערטה, וואָס ליגט ערגעץ־וואו אין דער סחורה גופא, וואו דער אייגענ־טימער האָט קיין שליטה ניט.

ווי אזוי קומט דער ווערטה? ווי ווערט ער בעשאַפען?

פערשיידענע מיינונגען און טעאָריען הערשען אין דער פאָלי־טישער עקאָנאָמיע מכח דעם ווערטה פון די סחורות. בכלל קען מען די פערשיידענע ווערטה טעאָריען איינטיילען אין צוויי הויפט שיטות:

1) די סוביעקטיווע אָדער נוצען טעאָריען.

2) די אָביעקטיווע אָדער ארבייטס טעאָריען.

ביידע שיטות זיינען קאָנסעקוועגט און אויסגעהאַלטען און געהען ארויס פון דעם אנאַליז, פון דער אונטערזוכונג, וואָס מען האָט געמאַכט ביי די סחורות.

וועלכע אייגענשאַפטען דאַרף האָבען אַ סחורה, אום זי זאָל קענען פערקויפט און אויסגעביטען ווערען אויף אַן אנדער זאַך?

ערשטענס, זעהען מיר, אַז יעדע סחורה, אויסער איהרע פי־זישע, כעמישע און מעכאַנישע אייגענשאַפטען, וואָס קומען איצט ניט אין אַנבעטראַכט, מוז זיין נוצליך; זי מוז האָבען די אייגענ־שאַפט צופרידענצושטעלען אַ געוויסע בעדערפנים. שטיוועל, צ. ב., בעפרידיגען די בעדערפנים ניט צו געהן באָרוועס, טוך — ניט צו געהן נאַקעט א. א. וו. אָהן אַזאַ אייגענשאַפט קען קיין סחורה איבערהויפט ניט זיין. ווען אַ פּראָדוקט זאָל ניט זיין ניצליך, וועט קיינער איהם אפילו אין דער האַנד ניט וועלען נעהמען און וועך רעדט נאָך צו געבען אַן אנדער זאַך דערפאַר.

צווייטענס, זעהען מיר, אַז יעדע סחורה איז בעשאַפען דורך מענשליכער ארבייט. סחורות, וואָס זאָלען ניט ענטהאַלטען מענש־ליכע ארבייט, זיינען במציאות ניטאָ.

די דאָזיגע צוויי אייגענשאַפטען — די נוצליכקייט און די מענשליכע ארבייט — געפינען מיר, ווען מיר אנאַליזירען יעדע סחורה, יעדען פּראָדוקט, וואָס האָט די אייגענשאַפט אויסגעבי־טען צו ווערען אויף אַן אנדער זאַך. די נוצליכקייט פון פּראָ־דוקט איז אויך אַ סוביעקטיווע אייגענשאַפט, ווייל דאָס איז ניט פאַר אַלעמען גלייך. דאָס וועגדט זיך אָן יעדען סוביעקט. פאַר איינעם קען די זאַך האָבען אַ גרעסערען נוצען, פאַר'ן צווייטען אַ קלענערען נוצען. נעהמט, צ. ב., קליידער. אַ נאַקעטער וועט זיך מעהר אין זיי נויטיגען און זיי וועלען פאַר איהם האָבען אַ גרע־סערען נוצען, ווי פאַר יענעם, וועלכער געהט ניט נאַקעט. די קוואַנטיטעט ארבייט אָבער, וואָס איז איינגעשלאָסען אין דער סחורה, איז אַן אָביעקטיווע אייגעשאַפט. דאָס איז פאַר אַלעמען גלייך. דאָס קען ניט זיין פאַר איינעם מעהר, פאַר'ן צווייטען וועניגער, דען דאָס וועגדעט זיך אָן די אַלגעמיינע אָביעקטיווע בע־דינגונגען פון דער פּראָדוקציאָן.

דער ווערטה פון יעדער סחורה מוז, פערשטעהט זיך, אויך

ארויסקומען בלויז פון אָט די אייגנשאַפטען: אָדער פון דער נוצליכקייט, אָדער פון דער מענשליכער ארבייט.

די סוביעקטיווע שיטה בעהויפּטעט, אז דער ווערטה שטאַמט פון דער סוביעקטיווער אייגנשאַפט, דערפון, וואָס דער פּראָדוקט האָט בכח צופרידענצושטעלען געוויסע בעדערפניסען; די אָביעקטיווע שיטה בעהויפּטעט, אז הגם יעדע סחורה מוז זיין נוצליך, אָבער איהר ווערטה ווערט בעשטימט ניט צוליעב דער נוצליכקייט, צוליעב איהר סוביעקטיווען כאראַקטער, נאָר צוליעב דעם, וואָס אויף איהר איז פערטאָן מענשליכע אַרבייט, צוליעב איהר אָביעקטיווע אייגענשאַפט.

א) די סוביעקטיווע אָדער נוצען טעאָריען.

דער ערשטער, וואָס האָט בעגרינדעט די נוצען אָדער די סוביעקטיווע ווערטה־טהעאָריע, איז געווען דער פראַנצויזישער עקאָנאָמיסט סע, אדאַם סמיטה'ס א תלמיד. סע געהט ארוים פון דעם איינפאַכען פשוט'ען שכל, דאָס יעדער מענש שאַצט העכער דאָס, וואָס איהם איז מעהר ניצליך און נידעריגער דאָס, וואָס איהם איז ווענינער ניצליך. איידער דער מענש געהט פערקויפען סחורה, מיינט סע, וועגט ער פריהער אָב דעם שאָדען, וואָס ער וועט האָבען, פון וועלכע בעדערפניסען ער וועט זיך מוזען אָבזאָגען, ווען זיין סחורה וועט איבערגעהן ביי אַן אַנדערן אין רשות, און, פערקעהרט, די נוצען, וואָס ער וועט קענען האָבען פון דעם נייעם פּראָדוקט, וועלכער קומט אין זיין רשות און ווערט זיין אייגענטהום. ווען א בעל הבית געהט פערקויפען זיין הויז, קומט קודם כל אריין ביי איהם אין מח די געדאַנקען, אז אָהן די הויז וועט ער זיך מוזען וואַלגערען אין שכינות, ניט האָבען קיין אייגען ווינקעלע, א. ז. וו. פון דער אַנדערער זייט אָבער שטעלט ער זיך פאָר די נוצען, וואָס ער וועט האָבען, בעקומענדיג די מזומן. פאַר די מזומן וועט ער קענען חתונה מאַכען א טאָכטער א בוגרות, אָדער מאַכען זיך א שטיקעל עסק, א. ז. וו. דיזער סוביעקטיווער פּסיכאָלאָגישער מאָמענט, וואָס רעכענט אוים, וועלכע בעדערפניסען עס איז וויכטיגער פאַר איהם זיי זאָלען זיין בעפרידיגט, צי די בעדערפנים אין אַן אייגען ווינקעל, צי די בעדערפנים א קינד חתונה צו מאַכען —

דיזער סוביעקטיווער מאָמענט רעגולירט, לויט ס ע ' ן, דעם ווערטה פון די סחורות.

נו, איז אָבער גלייך די פראַגע אויב דער ווערטה פון אַ סחורה ווערט בעשטימט בלויז לויט די נוצען אָבער בשום אופן ניט דורך די אַרבייט, טאָ ווי איז צו ערקלערען, דאָס מען שעצט ניט ליכט, לופט און וואַסער, זיי זיינען דאָך געוויס ניצליכע זאַכען. פאַר וואָס האָבען זיי קיין ווערטה ניט? וואו בלייבט דער פראַסטער שכל? אויסער דעם זעהען מיר אין פראַקטישען לעבען, אַז סחורות, וועל־כע בעזיצען גרעסערע נוצען, בעפרידיגען וויכטיגערע מענשליכע בעדערפניסען, ווערען געשעצט ווענינער, האָבען אַ קלענערען ווערטה, ווי יענע סחורות, וועלכע זיינען פיעל ווענינער ניצליך. גאָלד איז וועניגער ניצליך ווי אייזען און זיין ווערטה איז פונדעסטוועגען העכער ווי ביי אייזען; די נוצען פון אַ פונט ברויט איז גרעסער פאַר די נוצען פון אַ בריליאַנט, דער ווערטה פונ'ם בריליאַנט איז אָבער ניט אין ערך גרעסער, ווי דער ווערטה פון אַ פונט ברויט. ווי איז דאָס צו ערקלערען לויט די נוצען טעאָריע? ס ע פשט'לט זיך אפילו, אַז הגם דער ווערטה איז בעשטימט לויט די נ ו צ ע ן פון דער סחורה, ווערט זי, די סחורה הייסט דאָס, פונדעסטוועגען קיין מאָל ניט פערקויפט וועניגער, ווי די קאָסטען, וואָס איז אויפ־געאַנגען אויף איהר (די אַרבייט, וואָס איז פערוועגדעט געוואָרען איהר צו בעשאַפען). ד. ה., אַז די אַרבייט שפיעלט א ו י ך אַ ראָלע אינ'ם בעשטימען פון ווערטה. אָבער דאָס איז ניט מעהר, ווי גע'פשט'לט, אַ יש לישב בדוחק. אויסער דעם, וואָס ס ע פאַלט דאָ אריין אין סתירות, פון וועלכע איהם איז שווער זיך אויסצופלאָנטערען, געהט ער אונבעמערקט איבער צו דער צוויי־טער שיטה, געגען וועלכע ער אליין טרעט אזוי שארף ארוים.

צוויי שפעטערדיגע געלעהרטע פון דיזער סוביעקטיווער פסי־כאָלאָגישער שיטה ב ר ו נ אָ ה י ל ד ע ב ר אַ נ ד ט א ו ן ק נ י ס איז געראָטען שוין בעסער צו פערענטפערען די אויבערשטע קשיות.

מען דאַרף ניט צוזאַמענמישען — מיינען דיזע געלעהרטע — די נוצען פון דער סחורה בכלל, פון דעם ג אַ נ צ ע ן ז אַ פ אַ ס, וואָס איז פאַראַן — מיט די נוצען פון אַ בעשטימטען ט י י ל פון דער סחורה, וועלכע איך וויל קויפען אָדער פערקויפען. די ניצ־

ליכקייט פון ב ר ו י ט ב כ ל ל איז טאַקע אַ סך העכער פון די נוצען, וואָס גאָלד אָדער אפילו בריליאַנטען קען אונז ברענגען. דער ווערטה פון'ם ג אַ נ צ ע ן ס ך ה כ ל ברויט, וואָס איז פאַראַן אין דער געזעלשאַפט, וועט טאַקע אויך דריבער זיין פ י ע ל ה ע כ ע ר, אַלס דער ווערטה פון'ם סך הכל בריליאַנטען. מען דאַרף דאָך אָבער ניט פערגעסען, אַז איך קויף נור אַ ט י י ל פון דעם ברויט, צום ביישפּיעל, אַ פונט, צוויי, דריי, אָבער ניט דעם גאַנצען זאַפּאַס. דער ווערטה פון איין פונט ברויט קען דאָך ניט זיין גלייך מיט דעם ווערטה פון דעם גאַנצען סך הכל ברויט, ווייל דער סך הכל ברויט האָט דאָך א ו נ ג ע־ה י י ע ר ע ג ר ע ס ע ר ע ניצליכקייט, ווי איין פונט ברויט. דער ווערטה פון איין פונט ברויט ווערט בעשטימט לויט די ניצליכקייט פון איין פונט ברויט, אָבער ניט לויט די ניצליכקייט פון ברויט בכלל. דער ווערטה פון איין פונט ברויט פערהאַלט זיך צום ווערטה פון דער גאַנצער סומע ברויט, וואָס איז פאַראַן, אַזוי ווי די נ ו צ ע ן פון איין פונט ברויט פערהאַלט זיך צו די נוצען פון דער גאַנצער סומע. וואָס גרעסער עס איז די סומע, דער סך הכל ברויט, אַלץ קלענער איז די בעדייטונג פון יעדען איינציגען פונט און אַלץ אַ קלענערע מאָס ניצליכקייט בעזיצט ער. וואָס מעהר טהיילען עס געהען אריין אין אַ גאַנצע, אַלץ אַ קלענערע בעדייטונג האָט יעדער טייל בעזונדער, וואָס גרעסער עס איז אַ געוויסע חברה, אַלץ אַ קלענערע ראָלע שפּיעלט יעדער בעזונדערער מיטגליעד אין איהר. ווייל איך וויסען דעם ווערטה פון איין פונט ברויט, דאַרף איך צוטיילען דעם ווערטה פון'ם סך הכל ברויט אויף די צאָהל איינציגע פונטען. עס פערשטעהט זיך, אַז וואָס גרעסער עס איז די צאָהל איינציגע פונטען, אַלץ אַ קלענערער ווערטה וועט אויספאַלען אויפ'ן חלק פון יעדען איינציגען פונט. און דאָס איז טאַקע די אורזאַכע, וואָס איין פונט ברויט קאָסט ניט אַזוי טייער, ווייל עס איז דאָ אַן אונגעהייער ג ר ו י ס ע צ אָ ה ל איינציגע פונטען. דער סך הכל פון גאָלד איז אָבער אונגעהייער קליין. יעדער זאָלאָטניק פערנעהמט אַ גרויסען אָנגעזעהענעם פּלאַץ אין דער גאַנצער סומע גאָלד פון דער געזעלשאַפט. ווען איך צוטייל דעם גאַנצען ווערטה פון'ם סך הכל גאָלד אויף זיינע איינציגע זאָלאָטניקעס, קומט אויס אויף יעדען זאָלאָטניק אַ גרויסען חלק ווערטה, אַ סך אַ

גרעסערען ווי דער חלק ווערטה, וואָס פּאַלט אויס אויף אַ פּונקט ברויט צום ביישפּיעל, ווייל איינציגע פּונקטען ברויט זיינען פאראַן אַ סך, אַ סך מעהר, ווי איינציגע זאָלאָטניקעס גאָלד און דעריבער איז דער ווערטה פון איין זאָלאָטניק גאָלד גרעסער, ווי פון איין פונט ברויט, ניט קוקענדיג, וואָס דער סך הכל ברויט בעזיצט אַ גרעסערען נוצען, ווי דער סך הכל גאָלד. דער ווערטה פון אַן איינציגער סחורה ווערט בעשטימט לפי ערך, פּראָפּאָרציאָנעל צו דער סומע פון אַזוינע איינציגע סחורות, וויפיעל עס זיינען פאראַן. מאַטעמאַטיש איז דאָס זעהר לייכט צו פערשטעהן: דער סך הכל פון אַלע סחורות, וואָס געהערען צו איין זאָרט, צ. ב. די גאַנצע מאַס ברויט בילדעט דעם ווערטה פון ברויט בכלל. ווען איך וויל וויסען ווי גרויס עס איז דער ווערטה פון איין פונט ברויט — מוז איך צוטיילען די גאַנצע מאַס ברויט אויף די צאָהל איינציגע פונטען. דער גאַנצער זאַפּאַס ברויט איז דער נחלק און די צאָהל איינציגע פונטען — דער מחלק. די חלקים, וואָס מיר בעקומען נאָכ'ן חלוק בעשטימען דעם ווערטה פון איינציגע פונטען. די ניצ־ליכקייט פון קאָרן אין אונזער געזעלשאַפט, לאָמיר אָננעמען, ווערט טאַקע געשאַצט און פער„ווערטה"עט אין 10 מיליאָן דאָלער. די ניצליכקייט פון גאָלד — נור אין 50,000 דאָלער. קאָרן איז אָבער פאראַן בסך הכל 10,000,000 פּוד. עס קומט דעריבער אויס, אַז דער ווערטה פון איין פּוד איז ניט מעהר, ווי אַ דאָלער. גאָלד איז בלויז פאראַן, לאָמיר אָננעהמען, 25 טויזענד זאָלאָטניק. דער ווערטה פון איין זאָלאָטניק גאָלד וועט דעריבער זיין ניט וועניגער, ווי צוויי דאָלער. די גרויס פון די חלקים, וואָס מיר בעקומען ביי אַ חלוק, ווענדט זיך ניט בלויז פון'ם נחלק, נאָר אויך פון'ם מחלק. אויב דער מחלק איז גרעסער — זיינען די חלקים קלענער; איז דער מחלק קלענער — זיינען די חלקים גרעסער. דער מחלק ביי גאָלד איז אַ סך קלענער, ווי דער מחלק ביי ברויט און מיט אַ סך מעהרער מאָל קלענער, מיט וויפיעל מאָל דער נחלק פון ברויט איז גרעסער פאַר'ן נחלק פון גאָלד און דעריבער איז דער ווערטה פון יעדער איינציגער שטיק ברויט אַ סך קלענער, ווי דער ווערטה פון יעדער איינציגער שטיק גאָלד.

דורך דיזע ווערטה־טעאָריע ווערט אפילו פערענטפערט אַ סך

מעהר ערשיינונגען אין ווירטשאַפטליכען לעבען, ווי דורך ס ע ׳ ס טעאָריע. זי האַלט אָבער אויך ניט אויס, ווייל פיעל ערשיינונגען בלייבען דאָך אונבעגרייפליך. דורך דיזע טעאָריע וואָלט אונז זיין קלאָר, פאַר וואָס דער ווערטה פון לופט, ליכט און נאָך אַזוינע פּראָדוקטען איז זעהר קליין, ווייל דער זאַפּאַס פון לופט און ליכט איז זעהר גרויס, אָבער עס בלייבט דאָך אונפערשטענדליך, פאַר וואָס דיזע פּראָדוקטען ה אָ ב ע ן ג אַ ר ק י י ן ו ו ע ר ט ה נ י ט? ווי גרויס עס זאָל ניט זיין דער „מחלק“, אויב עס איז נאָר דאָ אַ נחלק בכלל (און אז ביי אַזוינע פּראָדוקטען איז דאָ אַ נחלק קענען דאָך דיזע אָנהענגער פון נוצען־טעאָריע ניט אָבלייקענען!) מוז דאָך אויסקומען אַ געוויסער חלק, זאָל זיין זעהר אַ קליינער, אויף יעדע איינציגע פון מחלק. אויסער דעם, לויט דיזע טעאָריע קומט אויס, אז דער ווערטה פון יעדען איינציגען פּראָדוקט ווערט גרעסער אָדער קלענער אויף אַזוי פיעל, אויף וויפיעל דער גאַנצער זאַפּאַס פּראָדוקטען ווערט קלענער אָדער גרעסער. אויב דער זאַפּאַס פון ברויט איז געוואָרען דאָפּעלט קלענער, צ. ב., דאַרף דער ווערטה פון יעדען איינציגען פונט ברויט שטייגען אויך נאָר דאָפּעלט. פאַקטיש איז ניט אַזוי. אויב די גערעטענים אויף ברויט זאָל ברענגען היינטיגען יאָהר אַ העלפט, ווי אין פאָריגען יאָהר, וואָלט אַ פונט ברייט קאָסטען ניט נור דאָפּעלט, נאָר פיעלפאַך מעהר.

אונפעהיג צו ערקלערען די דערמאָנטע ערשיינונגען אין עקאָנאָמישען לעבען האָט דיזע סוביעקטיווע נוצען־טעאָריע אָנגעפאַנגען ביסלעכווייז צו פערשווינדען אין דער וויסענשאַפט פון די 50־גער און 60־ער יאָהרען פון פאָריגען יאָהרהונדערט. אין די לעצטע צעהנדליגע יאָהרען האָט דיזע טעאָריע אָבער ווידער אויפגעשטאַנען תחית המתים, נאָר שטאַרקער און מעהר בעגרינדעט. די וויכטיגסטע, וועלכע האָבען אריינגעבלאָזען אַ נייעם רוח חיים אין דער אָבגעלעבטער נוצען־טעאָריע, זיינען געוועזן די עסטרייכישע געלעהרטע מ ע נ ג ע ר, ב י ע ם ־ ב אַ ו ו ע ר ק און ו ו י ז ע ר, און דורך זיי האָט דיזע שיטה בעקומען דעם נאָמען: „ד י ש י ט ה פ ו ן ד ע ר ע ס ט ר י י כ י ש ע ר ש ו ל ע“.

ב) די עסטרייכישע שול.

דער עקאָנאָמיסט, וועלכער האָט בעצויגען מיט אַ נייער הויט

און ביין דעם אַלטען סקעלעט, איז געווען מ ע נ ג ע ר אין זיין ווערק, וואָס איז ערשיענען אין 1872.

מ ע נ ג ע ר פאַנגט אָן זיין ערקלערונג מיט פאָלגענדען בייּשפּיעל: „לאָמיר זיך פאָרשטעלען — זאָגט ער — אז מיר האָבען פאַר זיך אַ בעוואוינער פון אַ ווילדען אור־קולטור־וואַלד, וועלכער איז אַרומגערינגעלט מיט הונדערטע טויזענדער בוימער. איהם, דעם ווילדען, איז אָבער נויטיג פאַר זיינע בעדערפניסען בלויז 10 בוימער. דאָס איז איהם שוין גענוג אויפ׳ן הייצען, אויף אַ דירה, אויף געצייג און געוועהר. עס איז קלאָר, אז דער ווילדער וועט אָבשאַצען אַלע בוימער, זיי געבען אַ ווערטה אויף אַזוי פיעל, אויף וויפיעל זיי בעפרידיגען זיינע בעדערפניסען. אָבער אַזוי ווי אַ ל ע בוימער זיינען איהם דאָך ניט נויטיג, דען נאָכדעם ווי זיינע בעדערפניסען זיינען בעפרידיגט, בלייבען דאָך אַלץ איבער זעהר פיעל בוימער, אין וועלכע ער נויטיגט זיך נ י ט, טאָ וועט יעדער איינציגער בוים בעזונדער פאַר איהם ק י י ן ש ו ם ו ו ע ר ט ה נ י ט ה אָ ב ע ן, ווייל ער קען זיך בעגעהן אָהן „יעדען איינציגען“. ווען אין אַ שרפה זאָלען פערברענט ווערען אפילו 1,000 בוימער, וועט דער ווילדער אויף אַ האָר זיך ניט מצער זיין, ער וועט דעם שאָדען גאָר ניט פיהלען. די פערברענטע בוימער וואָלטען איהם סיי ווי סיי קיין נוצען ניט געבראַכט, ווי באַלד עס זיינען איבערּגעבליבען די צעהן בוימער, וועלכע ער קען אויסנוצען. גאַנץ אַנּדערס איז אָבער ווען אין וואַלד זיינען פאַראַן בלויז צעהן פרוכטּבוימער און אַלע זיינען נויטיג צו בעפרידיגען די בעדערפניסען. דאָ האָט שוין יעדער בוים בעזונדער אַ גרויסען ווערטה פאַר׳ן ווילדען און דאָס פערלירען געהן פון יעדען איינציגען וועט זיין אַ גרויסער שאָדען פאַר׳ן ווילדען, ווייל דורך דעם וועט אַ טייל בעדערפניסען ניט ווערען בעפרידיגט.

מ ע נ ג ע ר ברייננגט דאָ נאָך אַ ביישפּיעל. לאָמיר זיך פאָרּשטעלען, אז אויף אַן אינזעל וואוינט אַ מענש ביחידות און פיהרט אַן איזאָלירטע, אָבגעזונדערטע ווירטשאַפט. אין זיין רשות געפינט זיך נאָר איין קוואַל וואַסער. לאָמיר אָננעמען, אַז יעדען טאָג איז נויטיג דעם בעוואוינער איין עמער וואַסער פאַר זיך אַליין צו טרינּקען; 19 עמער וואַסער זיינען נויטיג פאַר זיינע בהמות; 40 עמער צו דערהאַלטען די ריינקייט פון זיין קערפּער און אויף די

איבעריגע היגיענישע בעדערפניסען, אַם ענדע, נאָך 40 עמער פאַר ווענינער וויכטיגע בעדערפניסען (אויף צו בעגיסען, צ. ב., אַ בלומען־גאָרטען, וועלכען מען האַלט נאָר פון פערגעניגען וועגען). מעהר ווי דיזע 100 עמער איז ער שוין ניט אימשטאַנד צו בענוצען. אויב דער קוואַל שטעלט דעם בעוואוינער צו יעדען טאָג ניט בלויז די 100 עמער, וואָס איז איהם נויטיג, נאָר מעהר ווי 100, איז גאַנץ נאַטירליך, אַז דער בעוואוינער וועט ניט צוגעבען קיין שום ווערטה יעדען עמער וואַסער, מיט וועלכער ער בענוצט זיך. ווען אָבער דורך אַ געוויסע סבה פאַנגט אָן דער קוואַל צו געבען ניט מעהר ווי 100, נאָר ווענינער, למשל, נאָר 90 עמער — דאַן וועלען שוין דיזע 90 עמער בעקומען פאַר'ן בעוואוינער אַ ווערטה. וועלכע בעדערפנים איז אָבהענגיג פון די וואַסער, אָדער בעסער, וועלכע בעדערפנים וועט ווערען ניט צופרידענגעשטעלט דורך דעם, וואָס דער קוואַל האָט אָנגעפאַנגען צו געבען נאָר 90 עמער? מסתמא, די ווענינער וויכטיגע. אין אונזער פאַל, די בעדערפנים אויפצוהאַלטען אַ בלומען־גאָרטען. נו, לאָמיר זיך פאָרשטעלען, אַז דער אינזעל־בעוואוינער בעקומט די מעגליכקייט צו קויפען 10 עמער וואַסער, וואָס וואָלט ער געגעבען דערפאַר? געוועהנליך אַזאַ זאַך, וואָס ער וואָלט געגעבען אום צו האָבען דאָס פערגעניגען צו געניסען פון זיין בלומען־גאָרטען, דאָס הייסט ער וואָלט אָבשאַצען דעם ווערטה פון די וואַסער אין פערגלייך מיט די לעצטע בעדערפנים, וועלכע וואָלט בלייבען אָהן דעם צוקויף ניט בעפרידיגט. ווען דער קוואַל האָט מעהר אויסגעטריקענט און האָט אָנגעפאַנגען צו געבען יעדען טאָג שוין ניט מעהר ווי 40 עמער, — פון וועלכע בעדערפניסען וועט זיך דער בעוואוינער דאַן אָבזאָגען? געוועהנליך, אויך פון יענע, וועלכע ברייגגען איהם ניט בלויז פערגעניגען, נאָר אויך פון אַזעלכע, וועלכע זיינען נויטיג צו זיין געזונדהייט. ער וועט מוזען אויפהערען צו וואַשען זיך אַלע טאָג. דער ווערטה פון וואַסער וועט געוועהנליך דאָ שטייגען אויף אַזוי פיעל, אויף וויפיעל דער בעוואוינער האַלט די בעדערפנים צו וואַשען זיך אַ סך העכער, פאַר די בעדערפנים צו האָבען אַ שעהנעם גאָרטען. דער ווערטה פון יעדען עמער וואַסער ווערט איצט אָבהענגיג פון אַ העכערע בעדערפנים און לויט דיזע העכערע בעדערפנים, וועלכע איז וויכ־

טיגער פון אַלע צו בעפרידיגען און בלייבט אָבער ניט בעפרידיגט, ווייל עס איז במציאות ניטאָ קיין פּראָדוקט דאָרויף, ווערט בעשטימט דער ווערטה — אין אונזער פאַל — פון וואַסער.

דיזעלבע פסיכאָלאָגישע און סוביעקטיווע שאצונגען און בע־דינגונגען, וואָס קומען פאָר ביים ווילדען, קומען אויך פאָר אין אונזער אַזוי פערוויקעלטען, פערדרעהטען און פערפּלאָנטערטען ווירטשאַפטליכען לעבען.

אין טעגליכען לעבען דאַרף מען אויך אונטערשיידען פערשיי־דענע קאַטעגאָריעס בעדערפניסען. עס זיינען פאַראַן לעבענס־בע־דערפניסען, וואו עס האַלט ביי סכנות נפשות. אַנדערע בעדערפני־סען זיינען ניט אַזוי לעבענס־געפעהרליך אָבער זיינען נייטיג, נאָך אַנדערע זיינען בלויז נוציג אָדער מעהר ניט ווי אַנגענעהם. יעדע פון די בעזונדערע בעדערפעניסען ווערט בעפרידיגט דורך פערשיידע־נע פּראָדוקטען, צ. ב., דורך ברויט, דורך קליידונג, דורך האַלץ אויף אַ דירה, און דורך ציערונג: גאָלד, זילבער און אַזוי ווייטער. די בעדערפניסען, וועלכע קענען בעפרידיגט ווערען דורך איין און דעם זעלבען פּראָדוקט, זיינען אויף פערשיידען און קענען קלאַסיפיצירט ווערען אין פערשיידענע מדרגות; איין פּראָדוקט קען דיענען אויף פערשיידענע בעדערפניסען: אויף סכנות־נפשות׳דיגע, נויטיגע, נוציגע און אַנגענעהמע. וואַסער, צום ביישפּיעל, קען בעפרידיגען די בעדערפנים אין טרינקען, אין וואַשען זיך, צו האָבען דעם ריח־ניחוח, דעם אַראָמאַט פון בלומען און אויך קען מען וואַסער בענו־צען אויף אַזוינע צוועקען, אין וועלכע מען פיהלט קיין בעדערפנים ניט.

לאָמיר אויסדריקען די קאַטעגאָריעס (די פערשיידענע מינים) בעדערפניסען אין אַ רייהע ציפער פון לינקס נאָך רעכטס: 1, 2, 3, 4, 5, 6, 7, 8, 9, 10. די העכערע ציפער בעדייטען די העכערע קאַטעגאָריעס. די נידעריגע — די נידעריגערע קאַטעגאָריעס. די ציפער 10 בעצייכענט די גרעסטע קאַטעגאָריע בעדערפניסען — די בעדערפנים אין ערנעהרונג; די ציפער 9 — ניט צו געהן נאַקעט; די ציפער 8 — ניט צו וואוינען אויפ׳ן גאַס; 7 — אין ריינליכ־

קייט; 6 — אין אנגענעהמע ריחות; 5 — אין שעהן אויפגענעהטע זאכען, א. ז. וו. ווען מיר זאָלען צופאסען צו יעדער קאטעגאָריע בעדערפניס דעם נויטיגען פראָדוקט — בעקומען מיר פערשיידענע קאטעגאָריעס פראָדוקטען. די ציפער 10 בעדייטעט די נויטווענדיגסטע לעבענס־מיטעל; 9 — קליידונג; 8 — א דירה; 7 — וואסער; 6 — א בלומען־גאָרטען.

אין א צווייטער רייהע ציפער פון אויבען צו אונטען וועלען מיר ווידער בעצייכענען די פערשידענע בעדערפניסען, וועלכע יעדע בעזונדערע קאטעגאָריע פראָדוקטען קען בעפרידיגען:

10

9

8

7

6

5

4

3

2

1

0

די ציפער 10 בעדייטעט, צ. ב., די בעדערפניס ניט צו שטאַרבען פון הונגער; 9 — ניט קראנק צו ווערען פון הונגער; 8 — צו זאמלען כח אום צו קענען שפעטער ארבייטען; 7 — צו עסען סתם אזוי, ווייל עס איז געשמאַק, א. ז. וו.

שטעלען מיר צוזאמען די פערשידענע קאטעגאָריעס פראָדוקטען און קאטעגאָריעס בעדערפניסען, וועלכע קענען בעפרידיגט ווע־

רען דורך איין קאַטעגאָריע פּראָדוקטען, בעקומען מיר פאָלגענדע טאַבעלע :

I	II	III	IV	V	VI	VII	VIII	IX	X
10	9	8	7	6	5	4	3	2	1
9	8	7	6	5	4	3	2	1	0
8	7	6	5	4	3	2	1	0	
7	6	5	4	3	2	1	0		
6	5	4	3	2	1	0			
5	4	3	2	1	0				
4	3	2	1	0					
3	2	1	0						
2	1	0							
1	0								
0									

די רוימישע ציפער ווייזען די פערשיידענע קאַטעגאָריעס פּראָדוקטען לויט די וויכטיגקייט פון די בעדערפניסען, וועלכע זיי בעפרידיגען. די אַראַבישע ציפער פון אויבען אַראָב — די פערשיידענע קאַטעגאָריעס בעדערפניסען, וועלכע קענען בעפרידיגט ווערען דורך איין און די זעלביגע קאַטעגאָריע פּראָדוקטען. וואָס וויכטיגער דער פּראָדוקט איז פאַר'ן לעבען, אַלץ אַ גרעסערע צאָהל בעדערפניסען קען ער צופרידענשטעלען. וואָס ווענינער וויכטיג דער פּראָדוקט איז, אַלץ אַ קלענערע צאָהל קאַטעגאָריעס בעדערפניסען קען ער צופרידענשטעלען. תבואה, צ. ב., קען בעפרידיגען 10 קאַטעגאָריעס בעדערפניסען : לעבענס-געפעהרליכע, נויטווענדיגע, נוצליכע, אַנגענעהמע, א. ז. וו. קליידער נאָר 9 קאַטעגאָריעס בעדערפניסען ; אַ דירה — נאָר 8 קאַטעגאָריעס ; בלומען — נאָר 6 קאַטעגאָריעס, א. אז. וו. מיט דער הילף פון דיזער טאַבעלע קענען מיר בעקומען אַ גוטע פאָרשטעלונג, ווי אַזוי עס בילדעט זיך דער ווערטה אויף פערשידענע פּראָדוקטען. שטעלט אייך פאָר מיר האָבען,אַזוי ווענינ תבואה, דאָס עס גענינט אפילו נית פאַר די ערשטע קאַטעגאָריע בעדערפניסען, וועלכע זי וואָלט זיין אימשטאַנד איבערהויפט צופרידענצושטעלען. גאָלד, ווידער, וועלכע מיר בעצייכענען אין דער רייהע וואָס שטעהט אונטער דעם רוימישען ציפער IX , קלעקט אויך נית פאַר איהר ערשטע קאַטעגאָריע, וואָס זי איז אימשטאַנד

צו בעפרידיגען — דאַן, זעהט מען קלאָר, אַז תבואה וועט קאָסטען אַ סך טייערער פאַר גאָלד. דער ווערטה פון תבואה וועט זיין 10; דער ווערטה פון גאָלד בלויז 2. ווען תבואה איז פאַראַן אויף אַזוי פיעל, דאָס 8 קאַטעגאָריעס בעדערפניסען קענען ווערען דורך איהר בעפרידיגט ביז קאַטעגאָריע 2, און גאָלד קלעקט ניט אפילו פאַר איהר ערשטע קאַטעגאָריע — דאַן וועט תבואה מיט גאָלד האָבען איין ווערטה (2). ווען תבואה איז אָבער פאַראַן אַזוי פיעל, דאָס עס גענוגט פאַר 9 קאַטעגאָריען בעדערפניסען — דאַן וועט דער ווערטה פון גאָלד שוין זיין העכער, ווי דער ווערטה פון תבואה, ווייל תבואה גענוגט פאַר די בעדערפנים 2 און גאָלד ניט! אַט פאַר וואָס גאָלד קאָסט טייערער פון תבואה — גאָלד קען ניט בעפרידיגען איהר קאַטעגאָריע 2 און דריבער איז איהר ווערטה 2, תבואה אָבער איז דאָ אַזוי פיעל, אַז עס קלעקט פאַר קאַטעגאָריע 2 און ממילא קען איהר ווערטה נאָר זיין 1 — ווייניגער ווי גאָלד.

ווייטער שטעלט זיך פאָר, אַז תבואה האָבען מיר אַזוי פיעל, אַז עס קלעקט פאַר אַלע קאַטעגאָריעס בעדערפנישען און עס בלייבט נאָך איבער פאַר די קאַטעגאָריע 0, — דאַן וועט, פערשטעהט זיך, איהר ווערטה זיין 0, דעם זעלביגען ווערטה, וואָס אונזער בעוואוי־נער האָט געגעבען יעדען עמער וואַסער, וואָס דער קוואַל האָט גע־ליווערט מעהר ווי 100 עמער. און דאָס איז טאַקע די אורזאַכע, וואָס אַזוינע ניצליכע זאַכען ווי ליכט, לופט און וואַסער האָבען ניט קיין שום ווערטה, ווייל עס איז דאָ אַזוי פיעל, דאָס נאָכדעם ווי זיי בעפריעדיגען אַלע בעדערפנישען, בלייבט אַלץ איבער אויף אַ בע־דערפניש, וואָס איז גאָר ניט ווערטה, אויף אַ בעדערפניש גלייך 0 און דעריבער איז זייער ווערטה ניט מעהר ווי 0. דער ווערטה פון אַ זאַך ווערט געשאַצט און בעשטימט ניט לויט די ערשטע קאַטעגאָריע נוטצען, וועלכע זי איז אימשטאַנד איבערהויפט צו בעפריעדיגען, אויך ניט לויט די דורכשניטליכע קאַטעגאָריע, נור לויט די לעצטע קאַטעגאָריע בעדערפנישען, וועל־כע זי איז ניט אימשטנד צו בעפריעדי־גען. אויב די לעצטע ניט בעפרידיגטע קאַטעגאָריע בעדערפני־שען איז 5 — וועט דער ווערטה אויך זיין 5. אויב נאָך דעם, ווי

אַלע בעדערפנישען זיינען בעפרידיגט, בלייבט פון דעסטוועגען פון דער זאַך וואָס איבער, וואָס עס קען שוין ניט געהן אויף קיין שום בעדערפניש — דאַן האָט די גאַנצע זאַך קיין שום ווערטה ניט.

די עסטרייכישע טהעאָריע צייכענט זיך אויס פון די פריהע־ריגע טהעאָריען דורך דעם, וואָס זי אונטערשיידעט די אַבסטראַקטע נוטצען וואָס אַ געוויסער פּראָדוקט איז אימשטאַנד צו ברינגען בכלל פון די ממשות'דיגע נוטצען, וואָס דער פּראָדוקט ברייננגט מיר אין דער געגענווערטיגער צייט, ווען איך קויף און פערקויף. וואסער, לופט, ליכט זיינען טאַקע געווים ניטצליכע זאַכען, אָבער דיעזע נוטצען האָבען דאָך קיין ממשות ניט אין ווירט־שאַפטליכען לעבען, דען אין יעדער צייט איז דאָך פאַראַן זעהר פיעל ליכט און לופט, וועלכע ווערען גאָר ניט אויסגענוצט, ווייל זיי האָ־בען שוין ניט קיין בעדערפניש, וועלכע זיי זאָלען דאַרפען בעפריע־דיגען און דעריבער האָבען אין ווירטהשאַפטליכען זינן אַזעלכע פּראָ־דוקטען קיין שום ווערטה ניט.

די ממשות'דיגע נוטצען, וואָס דער גאַנצער זאַפּאַס קען בריינ־גען איז פערשיעדען, אַזוי ווי מיר האָבען געזעהען אין דעם ביי־שפּיעל מיט די וואַסער. וואָס מעהר פּראָדוקטען עס איז פאַראַן, אַלץ קלענער ווערט זייער ממשות'דיגע נוטצען, דען זיי געהען אַלץ אויפ'ן בעפריעדיגען וואָס ווענינגער וויכטיגערע בעדערפנישען. אויב עס איז דאָ גאָר אַ סך פּראָדוקטען פון אַ געוויסען זאַפּאַס, ווי צום ביישפּיעל, ליכט און לופט, וועלען מיר דערגרייכען אַזאַ גרענעץ, וואו די איינציגע פּראָדוקטען וועלען אויפהערען איבערהויפּט צו האָבען אַ ממשות'דיגען נוטצען, הגם די אַבסטראַקטע נוטצען איז זעהר גרוים און דעריבער וועלען זיי אויך קיין ווערטה ניט האָבען.

דיעזע טהעאָריע ווערט אויך אָנגערופען „גרענעץ־נוטצען טהעע־אָריע", ווייל נאָך איהר איז דער ווערטה פון יעדער סחורה בע־שטימט לויט די לעצטע, וואָס שטעהט אויפ'ן גרענעץ, בעדערפניש, וועלכע זי קען ניט בעפריעדיגען.

דיעזע סוביעקטיווע נוטצען־טהעאָריע ערקלערט אונז אויך זעהר גוט די מארק בעוועגונגען, פאַר וואָס דער פרייז פאַלט, ווען עס זיינען דאָ אַ סך סחורות, ווען דער אָנגעבאָט איז גרוים, און פאַר וואָס דער פרייז שטייגט, ווען די נאָכפראַגע איז גרוים. די נאָכ־פראַגע וועיזט אונז, אַז עס זיינען פאַראַן ווענינ פּראָדוקטען און

ממילא געהערט די בעדערפניש, וועלכע ווערט ניט בעפריעדיגט, צו אַ העכערע קאַטעגאָריע; דער ווערטה ווערט העכער און דער פּרייז שטייגט. דער גרויסער אַנגעבאָט בעוויזט, אַז עס זיינען פאַראַן אַ סך סחורות און די לעצטע אונבעפריעדיגטע בעדערפניש געהערט צו אַ נידעריגערער קאַטעגאָריע, דער ווערטה ווערט נידריגער און דער פּרייז פאַלט.

אַנהענגער האָט דיעזע גרענעץ־נוטצען טהעאָריע אין דער לעצ־טער צייט אַ פולע, און ניט נור צווישען די בורזשואַזנע געלעהרטע, וועלכע האָבען זיך אַנגעכאַפּט אַן איהר, ווי אַן אבן טוב, ווייל זי לייקענט איבערהויפּט יעדע בעדייטונג פון ארבייט אין׳ם בילדען דעם ווערטה, נור אַפילו צווישען די סאָציאַל־דעמאָקראַטען (גע־וועהנליך צווישען די רעוויזיאָניסטען) האָט זי אויך געפונען אַ גוטען צד פאַר זיך.

ווי שכל׳דיג און חריפות׳דיג דיעזע טהעאָריע זאָל ניט זיין, איז זי, אין גרונד גענומען, פאַלש, און איבער וויטערדיגע טעמים: ערשטענס, פערשטעהען מיר ניט, ווי אזוי עס ווערט בעשטימט דער פּרייז פון אזעלכע זאכען, וועלכע בעפריעדיגען דירעקט קיינע בע־דערפנישע ניט און דיענען נור פאַר אַ מיטעל, ווי צו שאַפען פּראָ־דוקטען, וואָס קענען בעפרידיגען בעדערפניסען; דהיינו, מאַשינעס, אינסטרומענטען און געצייג. דיזע זאכען, מיינט ביעם באַווערק, ווערען געשאַצט לויט די פּראָדוקטען, וועלכע ווערען דורך זיי בע־שאַפען. אין דער צייט, ווען איך קויף אַ מאַשין, וויים איך דאָך אָבער ניט, וויפיעל פּראָדוקטען עס וועלען זיין אויפ׳ן מארק און ווי גרויס עס וועט זיין זייער גרענעץ־נוטצען, ווייל די גרענעץ־נוט־צען איז דאָך אָבהענגיג פון אַנגעבאָט און נאָכפראַגע און דאָס איז דאָך אַ זאַך פון דער צוקונפט? דער ווערטה אָבער ווערט דאָך שוין בעשטימט; און צווייטענס, „איין פּראָדוקט איז גרעסער אין ווערטה פון אַ צווייטען, בעהויפּטעט דיעזע טהעאָריע, ווייל די גרע־נעץ־נוטצען פון׳ם ערשטען געהערט צו אַ העכערער קאַטעגאָריע, ווי די גרענעץ־נוטצען פון צווייטען פּראָדוקט“. דער ווערטה פון אַ ראָק, צ. ב., איז פיעל העכער, ווי דער ווערטה פון אַ פּאָאַר שטי־וועל, הגם די אבסאָלוטע ניטצליכקייט איז ניט גרעסער, ווייל די גרענעץ־נוטצען פון אַ ראָק איז פון אַ העכערער קאַטעגאָריע; און

פון אַ העכערער קאַטעגאָריע איז דער ראָק דעריבער, ווייל אויפ'ן מאַרק זיינען דאָ מעהר פּאָאר שטיוועל, ווי רעק. נו, אָבער אַלץ קשה — פרעגען מיר — פאַר וואָס זיינען טאַקע פאַראַן מעהר שטיוועל, ווי רעק? אויב ניט איבער די בעדינגונגען פון פּראָדוקציאָן, ד. ה., אויב ניט דעריבער, ווייל אַ פּאָאר שטיוועל איז לייכטער צו בעשאַפען, געהט אוועק ווייניגער ארבייט, ווי אויף אַ ראָק? ! פון די פּראָדוקציאָנס־בעדינגונגען ווילען אָבער דיעזע געלעהרטע ניט הערען און ניט זעהען. זיי ווילען אַלץ ערקלערען מיט די סובּיעקטיווע געפיהלען פון קויפער און פערקויפער, און דאָס פיהרט זייער טהעאָריע צום וויסענשאַפטליכען באַנקראָט.

פיעל גרינדליכער און נעהנטער צום אמת איז די שיטה, וועלכע בעהויפּטעט, אַז דער ווערטה פון פּראָדוקט קומט פון דעם, וואָס אין איהם איז פערטהון מענשליכע ארבייט, פון זיין אָביעקטיווער איינגעשאַפּט.

אָט וועגען דער שיטה ווילען מיר איצט ריידען.

VI

די אָביעקטיווע אָדער ארבייטס טעאָריען

א) די טעאָריען פון אַדאַם סמיט און דוד ריקאַרדאָ.

דער ערשטער, וועלכער האָט בעהויפּטעט, אז דער ווערטה פון אַ סחורה ווערט בעשטימט ניט דורך איהר פעהיגקייט צופרידענ־צושטעלען אַ געוויסע בעדערפניס, נאָר דורך דער קוואנטיטעט ארבייט אין איהר, איז געווען אַדאַם סמיטה.

אַדאַם סמיטה שטיצט זיך אויף דעם געוועהנליכען אַלטעג־ליכען אמת, אז אין אַלע צייטען און אין אַלע לענדער האלט יעדער מענש טייער דאָס, וואָס איהם קומט שווער אָן און ניט אזוי טייער דאָס, וואָס איהם קומט לייכט אָן. „ווען ביי אַ יעגער פאָלק — איז אַדאַם סמיטה מסביר — האָט דאָס פאַנ־גען אַ ביבער געקאָסט צוויי מאָל אזוי פיעל ארבייט, ווי דאָס פאַנ־גען אַ הירש — איז דער ווערטה פון ביבער געווען צוויי הירשען. אַ זאַך, וואָס ענטהאַלט אין זיך צוויי טעג אָדער צוויי שעה אר־בייט, דאַרף זיין צוויי מאָל אזוי ווערטה, ווי אַ זאַך, וואָס ענט־האַלט נאָר איין טאָג אָדער איין שעה ארבייט". און ווייטער: „יעדער מענש קען זיין אָרעם אָדער רייך. דאָס ווענדט זיך אָן דער סכום ארבייט, וואָס געפינט זיך ביי איהם אין רשות און מיט וועלכער ער קען זיך בענוצען".

ביי אַדאַם סמיטה'ן איז אָבער שווער צו פערשטעהן, דורך וועל־כער ארבייט דער ווערטה ווערט בעשטימט: צי דורך דער ארבייט, וואָס געהט אוועק אויפ'ן שאַפען דעם פּראָדוקט, אָדער דורך דער מאָס ארבייט, וואָס מען קען בעקומען פאַר'ן פּראָדוקט. ווי עס איז צו זעהן פון זיין ווערק איז ער געווען מעהר נוטה צו דער צווייטער בע־שטימונג. „דער ווערטה פון אַ געוויסער סחורה פאַר איהר בעל הבית — זאָגט סמיטה — איז דעריבער אזויפיעל, וויפיעל אר־בייט ער, דער בעל הבית, איז אימשטאַנד פאַר איהר צו בעקו־מען און פאַר איהר צו בעשטעלען". „ווען איינער קויפט אַ זאַך, רעכענט ער זיך אויס, וויפיעל ארבייט די זאַך קען איהם פערשפּאָ־רען — ד. ה. וויפיעל ארבייט די זאַך טראָגט איהם איין". ביי סמיטה'ן, ווי מען זעהט, טראָגט דער סכום ארבייט, וואָס דורך

איהם ווערט בעשטימט דער ווערטה, א ריין סוביעקטיווען כאראקטער. מען רעכענט זיך ניט מיט דער ארבייט, וויפיעל דער פראדוקט ענטהאלט אין זיך, נאר מיט דער ארבייט, וויפיעל דער פראדוקט קען אריינברענגען, אדער פערשפארען זיין אייגענטימער. סמיטה אליין וויל צוגעבען דעם ווערטה א געוויסע אביעקטיווע פארב און צום סוף בעהויפטעט ער, אז דער ווערטה ווערט בעשטימט פון דער מאס ארבייט, וויפיעל דער פראדוקט שפארט דעם אייגענטימער איין. דאס איז דאך שוין ווידער א סוביעקטיווע בעשטימונג. איינער קען פאר'ן פראדוקט בעקומען אזויפיעל ארבייט, דער צווייטער א קלענערע אדער א גרעסערע מאס ארבייט.

דער געניאלער עקאנאמיסט דוד ריקארדא, וועלכער האט אנגעוויזען אויף די אונקלאהרקייטען אין סמיטה'ס לעהרע, קומט דעריבער צום כלל: אז, דער ווערטה פון א סחורה, אדער דער ווערטה פון אנדערע סחורות, אויף וועלכע זי ווערט אויסגעביטען. איז די מאס ארבייט, וויפיעל עס האט געקאסט דאס אויסארבייטען די סחורה און ניט די מאס ארבייט, וואס מען קען דורך איהר בעקומען". ווען איין פראדוקט ווערט אויסגעביטען אויף א צווייטען פראדוקט הייסט עס, אז די פראדוקציע, דאס שאפען פון איין פראדוקט קאסט אזויפיעל ארבייט, ווי דער שאפען פון צווייטען פראדוקט.

ריקארדא ערקלעהרט זיין טעאריע אויף אזא אופן: „אויב א ראק, וואס ענטהאלט אין זיך, א שטייגער, 100 שעה ארבייט, וועט פערקויפט ווערען פאר א פאר שטיוועל, וואס ווערט פראדוצירט מיט 50 שעה ארבייט, וועט דאך אויסקומען, אז דעם שניידערס ארבייט ווערט געשאצט אויף א העלפט וועניגער, ווי שוסטערשע ארבייט. דער שניידער וועט מוזען ארבייטען אויף זיין חיונה דאפעלט אזויפיעל, ווי א שוסטער. דאס איז דאך א זאך, וואס ס'איז אונמעגליך, ווייל אלע שניידערס וועלען אנפאנגען צו לערנען זייערע קינדער שוסטעריי. מיר לעבען דאך אין א געזעלשאפט, וואו יעדער האט דאס רעכט אויסצוקלייבען די מלאכה, וואס ער וויל. דער פועל יוצא וועט זיין, אז אונזער געזעלשאפט וועט מיט דער צייט האבען זעהר פיעל שוסטערס און וועניג שניי־

דערם. דאָס וועט פיהרען דערצו, אַז שניידערריי וועט ווערען תקיף, און אויף שוסטערשע אַרבייט וועט ווערען אַ זול. אַט צוליעב דער פרייער קאָנקורענץ, וואָס יעדערער קען זיך אויסקלייבען די מלאָכה, וואָס ער וויל, אַרבייט זיך אוים בלינדערהייט, אָהן אַ שום ווילען פון וועמען עס איז, דאָס געזעץ, אַז ביי אַנדערע גלייכע בעדינגונגען האָט אַ געוויסע מאָס אַרבייט פון איין מלאָכה אַזאַ ווערטה, ווי דיזעלבע מאָס אַרבייט פון אַ צווייטער מלאָכה און דאָס איז טאַקי די אורזאַך, וואָס אין יעדער צייט איז אומגעפעהר פאַראַן אין דער געזעלשאַפט די נויטיגע צאָהל בעלי מלאכות פון פערשיידענע צווייגען פון דער אינדוסטריע, ווייל די אַרבייט־קראַפט ווערט אין אַלע צווייגען גלייך געשאַצט און פערווערטהעט.

עס איז דאָ קלאָר צו זעהן אין דער בעגרינדונג פון דער ווערטה־טעאָריע דעם אונטערשייד צווישען סמיטה'ן און ריקאַרדאָ'ן. סמיטה בעגרינדעט דאָס אָביעקטיווע געזעץ פון ווערטה ס ו ב י ע ק־ט י ו ו, פּסיכאָלאָגיש. ער שטיצט זיך אויף דער פּסיכאָלאָגיע פונ'ם מענש, וועלכער שאַצט טייערער דאָס, וואָס ס'קומט שווער אָן און לייכט דאָס, וואָס ס'קומט גרינג אָן. ריקאַרד בעגרינדעט עס ס ו ב י ע ק ט י ו ו, פּסיכאָלאָגיש. ער שטיצט זיך אויף דער פּסי־כאָלאָגיע פונ'ם מענש, וועלכער שאַצט טייערער דאָס, וואָס ס'קומט שווער אָן און לייכט דאָס, וואָס ס'קומט גרינג אָן. ריקאַרדאָ בע־גרינדעט עס אָ ב י ע ק ט י ו ו. לויט די אָביעקטיווע בעדינגונ־גען פון אונזער געזעלשאַפט, לויט דעם געזעץ פון פרייער קאָנקור־רענץ — זאָגט ריקאַרדאָ — מוזען גלייכע מאַסען אַרבייט האָבען גלייכע ווערטהען און ניט צוליעב די געפיהלען און געדאַנקען פון איינציגע מענשען.

ריקאַרדאָ איז געווען דער ערשטער, וועלכער האָט בעוויזען, אַז די בעדינגונגען, וועלכע בילדען דעם ווערטה, זיינען ניט צופע־ליגע, סוביעקטיווע, וואָס זיינען ניט אַלע מאָל שטענדיג און פעסט, נור ריין אָביעקטיווע, פעסט אוועקגעשטעלטע און ליגען אין דעם יסוד פון אונזער געזעלשאַפטליכער געביידע — אין דער פרייער קאָנקורענץ, אָבער ניט אין אונזער „איך".

צאָהלט מען פאַר יעדער סחורה לויט איהר ווערטה נאָך?

ניין!

דער ווערטה פון דער סחורה איז ניט דאָסזעלבע, וואָס מען קריגט פאַר איהר ביים פערקויפען.

דער ווערטה איז ניט דאָס זעלבע, ווי דער פּרייז.

דער פּרייז פון דער סחורה איז די קוואַנטיטעט פּראָדוקטען, אָדער, אין איצטיגער געזעלשאַפט, דאָס געלד, וואָס מען צאָהלט פאַקטיש פאַר איהר.

דער ווערטה פון דער סחורה ווערט בעשטימט אין דער פּראָדוקציאָן, בעת דער פּרייז — אויפ'ן מאַרק. ווען אונזער געזעלשאַפט וואָלט געווען אָרגאַניזירט און יעדער סאָרט פּראָדוקטען וואָלט אויסגעאַרבייט געוואָרען פּונקט וויפיעל עס איז נויטיג צום געברויך, וואָלט דער פּרייז מיט'ן ווערטה זיך קיין מאָל ניט פערנאַנדערגעגאַנגען, זיי וואָלטען אימער געווען גלייך. 10 שעה ארבייט פון איין סחורה וואָלט פאַקטיש אויסגעביטען געוואָרען אויף 10 שעה אַרבייט פון אַן אַנדער סחורה. אונזער ווירטשאַפט איז אָבער ניט אָרגאַניזירט. איינער וויים ניט פון צווייטען און עס קומט דעריבער אויס, אַז אַנדערע פּראָדוקטען ווערען אַן אַנדערש מאָל פּראָדוצירט מעהר וויפיעל זיי זיינען נויטיג, אַן אַנדערש מאָל — ווייניגער וויפיעל זיי זיינען נויטיג.

אין ערשטען פאַל איז דער אָנגעבאָט — די קאָנקורענץ צווישען די פערקויפער — אַ גרעסערע, און די נאָכפראַגע — די קאָנקורענץ צווישען די קויפער — אַ קלענערע. דער פּועל יוצא וועט זיין אַז דער פּראָדוקט וועט פאַלען אין פּרייז, ער וועט פערקויפט ווערען ווייניגער, ווי ס'איז זיין ווערטה.

אין צווייטען פאַל וועט זיין פערקעהרט. די נאָכפראַגע וועט זיין גרעסער, ווי דער אָנגעבאָט און דער פּראָדוקט וועט פערקויפט ווערען פאַר העכער ווי זיין פּרייז. דער פּרייז איז אויף אַזאַ אופן קיין מאָל ניט גלייך צום ווערטה, אַמאָל איז ער העכער, אַמאָל איז ער נידריגער. דער פּרייז ווענדט זיך פון דעם צושטאַנד פון מאַרק. פון דעם סכום סחורות, וועלכע זיינען דאָרטען פאַראַן.

דזשאָהן סטוּאַרט מילל האָט זעהר ריכטיג פערגליכען די בעציהונגען פון פּרייז צום ווערטה מיט די כוואַליעס פון ים צו זיין אויבערפלאַך. די כוואַליעס הויבען זיך אַמאָל אויף העכער ווי די

אמת'ע ים-אויבערפלאַך און אַמאָל לאָזען זיי זיך אַרונטער נידע-ריגער.

אַ ביישפּיעל וועט אונז קלאָהרער מאַכען דעם ענין. לאָמיר זיך פאַרשטעלען, אַז 10 סענט ענטהאַלט אין זיך אַ שעה אַרבייט. ווען איינער האָט אַ סחורה, לאָמיר זאָגען אַ הוט, וואָס ענטהאַלט אין זיך 10 שעה אַרבייט, וועט איהר ווערטה זיין 1.00 דאָלאַר. דער וואָס האָט אָבער אויסגעאַרבייט דעם הוט, האָט ניט גענוי געוואוסט דעם צושטאַנד פון מאַרק און האָט געבראַכט צו פערקוי-פען היט מעהר, ווייפיעל מען פאָדערט. עס איז פאָרגעקומען אַ קאָנ-קורענץ צווישען איהם און אַנדערע הוט-מאַכער. זיי האָבען גע-מוזט אַרונטערלאָזען פון פּרייז. זיי האָבען געמוזט פערקויפען אַ הוט, וואָס ענטהאַלט אין זיך 10 שעה אַרבייט, פאַר 90 סענט. מיט 10 סענט יועניגער, ווי איהר אמת'ער ווערטה איז.

וואָס וועט אָבער שפּעטער דערפון אַרויסקומען ? ווען די קירזשנער זעהען, אַז היט פערקויפען זיך פאַר וויינינגער, ווי זיי-ער ווערטה, וועלען זיי אָנפאַנגען וועניגער צו פּראָדוצירען. צום צווייטען סעזאָן וועלען זיי שוין ברייננען פיעל וועניגער סחורה אויפ'ן מאַרק. זיי וועלען ברייננען וועניגער סחורה, ווי פיעל מען פאָדערט. די נאָכפראַגע אויף די היט וועט זיין גרעסער ווי דער אָנגעבאָט. די קאָנקורענץ וועט פאָרקומען ניט צווישען די פער-קויפער, נאָר צווישען די קויפער. דער פועל יוצא וועט זיין, אַז די היט וועלען שטייגען אין פּרייז. מען וועט פאַר יעדען הוט גע-בען ניט נאָר 1 דאָלאַר, ווייפיעל זיין ווערטה איז, נאָר מעהר ווי אַ דאָלאַר, אומגעפעהר 1.10. אין דעם פאַל איז דער פּרייז העכער פון ווערטה.

אין יעדען בעזונדערען סעזאָן קען אַמאָל דער פּרייז זיין ני-דעריגער פאַר'ן ווערטה, און אַמאָל העכער פאַר'ן ווערטה. ווען מיר זאָלען אָבער צוזאַמענליינגען דעם סך-הכל פון די פּרייזען, וואָס מען קריגט פאַר די סחורות אין צוויי סעזאָנען און זיי צוטיילען אויף דעם ווערטה, וועט אויסקומען, אַז אין אַלגעמיינעם איז די סומע ווערטהען גלייך צו דער סומע פון די פּרייזען. אין אונזער ביי-שפּיעל איז דער פּרייז פון צוויי היט אין צוויי סעזאָנס געווען $2.00 (1.10+90) און דער ווערטה פון דיזעלביגע היט $2.00 (1+1).

נאָך ריקאַרדאָ'ס טעאָריע קומט אויס, אַז דאָרטען, וואו די מלאָכות קענען ניט אויסגעקליבען ווערען לויט דעם פערלאַנג פון יעדען מענשען, ווען צ"ב שניידערס קענען זייערע קינדער שוסטעריי ניט לערנען: צי ווייל דאָס געזעץ פערבאָט איבערצוגעהן פון איין מלאָכה צו דער צווייטער (אַזוי ווי עס איז געווען אין מיטעלאַלטער אין דער צייט פון די צעכען), צי ווייל שוסטעריי פאָדערט אויסערגעוועהנליכע פעהיגקייטען, וועלכע זיינען ביי אַ מיטעלען מענשען ניט פאַראַן — דאַן קען טאַקי לויט ריקאַרדאָ'ן די מאָס אַרבייט פון שוסטעריי האָבען אַ גרעסערען ווערט, ווי דיזעלביגע מאָס אַרבייט פון שניידעריי, און דער פּרייז וועט אויך ניט רעגולירט ווערען לויט דער פרייער קאָנקורענץ, ווייל שוסטעריי איז ניט אַ מלאָכה, וועלכע יעדער איז אימשטאַנד און פעהיג צו לערנען און ממילא איז זי אויסגעשלאָסען פון דער פרייער קאָנקורענץ. דערמיט ערקלעהרט זיך טאַקע גאַנץ גוט דער פאַקט, וואָס דער ווערטה און דער פּרייז פון געוויסע זעלטענהייטען, ווי צ"ב די בילדער פון אַ גרויסען קינסטלער, ווערען ניט געשאַצט לויט דער מאָס אַרבייט, וואָס אין זיי איז פערקערפּערט, ווייל זעלטענהייטען ליגען ניט אונטער דער פרייער קאָנקורענץ. דאָס זעלבע איז אויך מיט אַזוינע זאַכען, וועלכע ליגען אונטער אַ מאָנאָפּאָל. זייער ווערטה און פּרייז ווערען ניט געשאַצט לויט דער מאָס אַרבייט, ווייל זיי זיינען אויסגעשלאָסען פון דער פרייער קאָנקורענץ.

אין אונזער געזעלשאַפט זיינען פאַראַן פיעל סאָרטען סחורות, אויף וועלכע די פרייע קאָנקורענץ האָט קיין שליטה ניט, און במילא זיינען זיי לויט ריקאַרדאָ'ן אויסגעשלאָסען פון דעם מאַסשטאַב, מיט וועלכען עס ווערען אויסגעמאָסטען די ווערטהען פון אַלע אַנדערע סחורות.

ווי ווערט אָבער פּאַרט בעשטימט דער ווערטה און דער פּרייז פון אַזוינע סחורות? מיר האָבען בעמערקט, אַז בילדער פון אַ קינסטלער, מאָנאָפּאָל־זאַכען, ענטדעקונגען פון וויסענשאַפטסמענער א. אז. וו. ווערען ניט געשאַצט לויט דער מאָס אַרבייט. ווי דען זשע ווערען זיי געשאַצט? מיט וועלכען מאַסשטאַב מעסטען מיר זייער ווערטה און פּרייז? פון וועמען, פון וועלכע בעדינגונגען זיינען זייער ווערטה און פּרייז אַבהענגיג? ריקאַרדאָ גיט ניט דערויף קיין ענטפער. אַן ענטפער אויף אָט די פראַגען געפינען

מיר אין דער טעאָריע פון דעם גאון קאַרל מאַרקס, וועלכער האָט די אַרבייט־טעאָריע מיט אַ זעלטענער חריפות ענטוויקעלט און איהר דערהויבען צו איינע פון די זעלטענסטע קאָסטבאַרקייטען אין דעם אוצר פון מענשליכען געדאַנק.

ב) מאַרקס׳ ווערטה־טהעאָריע.

מאַרקס איז מסכים מיט ריקאַרדאָ׳ן, אַז דער ווערטה פון די סחורות ווערט בעשטימט לויט דער מאָס אַרבייט, וואָס אין איהר איז אַריינגעטהאָן. אָבער אויסער דעם וואָס די בעגרינדונג פון דער טעאָריע איז ביי מאַרקס׳ן אַ גאַנץ אַנדערע, ווי ביי ריקאַרדאָ, האָט מאַרקס נאָך בעסער אונז קלאָהר געמאַכט דעם גאַנצען ענין אַזוי, אַז מיר קענען מיט זיין ווערטה־טעאָריע ערקלעהרען אַלע ערשיינונגען פון מאַרק.

אום גענויער צו בעווייזען זיין לעהרע, נעהמט מאַרקס אַלס ביישפּיעל אַזאַ סאָרט געזעלשאַפט, וואו געלד איז ניט דער פערמיטלער צווישען סחורות; אַזאַ פאַל, וואו די סחורות ווערען אויסגעביטען איינע אויף די אַנדערע דירעקט אָהן אַ שום פערמיטלער, וואו דער קויפער מיט׳ן פערקויפער האָבען אין זייער האַנדעל זיך ניט בענוצט מיט געלד, נאָר האָבען גע׳חלופ׳ט דירעקט סחורות אויף סחורות.

אַ וועבער, למשל, האָט אויסגעוועבט 20 איילען לייווענד, וועלכע זיינען איהם ניט נויטיג פאַר׳ן אייגענעם געברויך; אַ שניידער ווידער האָט אויפגענעהט אַ ראָק, אין וועלכען ער אַליין נויטיגט זיך ניט. ווען דער וועבער מיט׳ן שניידער בעגעגענען זיך, בייטען זיי אוים זייערע פּראָדוקטען צווישען זיך, ווייל אַלע־מען איז בעוואוסט, אַז 20 איילען לייווענד קאָסטען אַזוי פיעל, וויפיעל עס קאָסט איין ראָק. דער וועבער אַרבייט פּאַרווערטס. די לייווענד, וועלכע ער וועבט אַלץ ווייטער מעהר, בייט ער אוים אויף פערשיעדענע מעבעל און פיעלע אַנדערע זאַכען, וועלכע זיינען איהם נויטיג. 20 איילען לייווענד האָט ער, למשל, אויס־געביטען אויף אַ בעט; נאָך 20 איילען אויף אַ טיש; אַנדערע 20 איילען אויף אַ חודש דירה; נאָך 20 איילען אויף 2 פּוד ברויט,

א. אז. וו. אין יעדען מסחר, וואָס דער וועבער האָט דאָ געמאַכט, איז דער ווערטה פון די אויסגעביטענע סחורות געווען גלייך. 20 איילען לייווענד האָט דעמזעלבען ווערטה, ווי א ראָק, — ווי אַ בעט, ווי א טיש, ווי א דירה אויף א חודש, ווי 2 פּוד ברויט.

פערצייכענען מיר דאָס אויף פּאַפּיער, בעקומען מיר אזא מין רשימה:

20 איילען לייווענד זיינען גלייך צו 1 ראָק,
20 " " " " 1 בעט,
20 " " " " 1 דירה (אויף א חודש),
20 " " " " 2 פּוד ברויט.

די אויסגערעכענטע סחורות זיינען זאַכען, וועלכע זיינען נויטיג צום פ ע ר ש י י ד ע נ ע ם געברויך, זיי שטעלען צופרידען פ ע ר ש י י ד ע נ ע, ניט איינע און דיזעלבע בעדירפניסען. ברויט שטילט דעם הונגער; לייווענד און א ראָק זיינען מלבושים; א בעט און א טיש זיינען מעבעל. יעדע פון די אויסגערעכענטע סחורות דיענט דאָ פאַר אַן אַנדער צוועק. דער נוצען, וואָס מען האָט פון איין סחורה. די אַלע סחורות האָבען פערשיידענע ג ע ב ר ו י ך ו ו ע ר ט ה ע ן. די געברויך־ווערטהען זיינען צווישען זיך פערשיידען אזוי ווי עס איז פערשיידען דאָס רויהע מאַטעריאַל, פון וועלכען זיי זיינען געמאַכט געוואָרען. לייווענד איז געוועבט פון פעדים, א טיש איז געמאַכט פון האָלץ, א דירה איז אויפגעבויט פון ציגעל, האָלץ און אייזען א. אז. וו.

די ניט־גלייכע געברויך־ווערטהען פיהרען טאַקע צום מסחר. ווען די געברויך־ווערטהען וואָלטען געווען אַלע גלייך, וואָלט קיין שום האַנדעל ניט געקענט זיין. קיינער וועט דאָך ניט נעהמען בייטען לייווענד אויף לייווענד, א בעט אויף א בעט א. ד. ג. אויסגעביטען איינע אויף די אַנדערע קענען נאָר ווערען סחורות נ י ט ג ל י י כ ע, אזוינע וועלכע בעפריעדיגען ניט איין און דיזעלביגע בעדערפניסען, וועלכע האָבען ניט גלייכע געברויך־ווערטהען.

איצט פרעגט זיך, וויבאַלד אז די געביטענע סחורות טאָרען ניט זיין גלייך, טאָ ווי קען מען איבערהויפּט זיי פערגלייכען איינע צו דער אַנדערער? אויבען האָבען מיר פערצייכענט א רשימה, אז 20 איילען לייווענד זיינען גלייך צו איין ראָק? יע־

דערער, וועלכער איז נאָר עטוואָס בעקאַנט מיט מאַטעמאַטיק, ווייס, אַז פערגלייכען קען מען נאָר זאַכען, וועלכע האָבען איינע און דיי־זעלביגע אייגענשאַפטען, דיזעלביגע קוואַליטעטען (איכות). עס איז, למשל, זעהר נאַריש צו פערגלייכען ציפער צו מעבעל, מעבעל צו א מלבוש א. אַז. וו. ווען מיר פערגלייכען יאַ 20 איילען ליי־וואַנד צו אַ ראָק, איז דאָך מסתמא צווישען זיי פאַראַן אַ צד־השוה, אַ גלייכע אייגענשאַפט, אַז ניט וואָלטען זיי דאָך ניט געקענט פערגליכען ווערען. וואָס איז דער צד־השוה, דער אַלגעמיינער שטריך פון די פערשיידענע סחורות? מיר קענען ניט זאָגען, אַז דער צד השוה פון די סחורות זאָל זיין זייער נוצליכקייט, זייער נאַטיר־ליכע זייט, זייערע געברויך־ווערטהען, ווייל די נוצליכקייט פון יע־דער סחורה איז פערשיידען, און אויב ניט די נוצליכקייט, טאָ איז אין די סחורות קיין אַנדער צד־השוה ניט פאַראַן, ווי זייער געזעל־שאַפטליכע זייט, די מאָס אַרבייט, וואָס איז אין זיי פערטאָן גע־וואָרען. דאָס איינציגע, וואָס בעשטימט דעם ווערטה פון אַלע פראָדוקטען, ביים פערקויף, איז דער מענשליכער כח, די אַרבייט־קראַפט. אַלע פון די אויבענדערמאָנטע בעלי מלאכות האָבען ביי זייערע פראָדוקטען געהאָרעוועט. אי דער שניידער, אי דער וועבער האָבען אויסגעגעבען פון זיך ענערגיע צו בעשאַפען זייערע סחורות. אַט די אַרבייט־קראַפט, די מענשליכע ענערגיע, וואָס איז פערברויכט געוואָרען אויף יעדער סחורה בעזונדער, איז דער צד השוה פון די סחורות, צוליעב וועלכען זיי קע־נען פערגלייכען און אויסגעביטען ווערען איינע אויף די אַנדערע.

די אייגענשאַפט פון דער אַרבייט, וועלכע איז פערוועגדעט געוואָרען אין וועבען, איז טאַקע גאַנץ אַנדערש פון דער אַרבייט, וועלכע איז פערוועגדעט געוואָרען ביים נעהען דעם ראָק אָדער ביים בויען דאָס הויז. ביי יעדען פראָדוקט אַרבייט מען מיט פערשיידענע מוסקולען, מיט פערשיידענע נערווען. אַ שניידער, למשל, אַרבייט מעהר מיט זיינע הענד, אַ וועבער מעהר מיט די פיס, אַ לעהרער מעהר מיט'ן מח און האַרץ. ביים מסחר ווערט אָבער פערגליכען אַרבייטס־קראַפט בכלל, מענשליכער כח, ניט קוקענ־

דיג אויף די מוסקולען אָדער נערוועז, וועלכע עס זיינען דאָ אָנגע־וועגדעט געוואָרען. ווען מיר פערגלייכען 20 איילען לייוועגד צו איין ראָק, מיינען מיר דערמיט צו זאָגען, אז 20 איילען לייוועגד ענטהאלטען אין זיך אזוי פיעל מענשליכען כח בכלל, וויפיעל עס ענטהאלט אין זיך איין ראָק.

מען זעהט דאָ קלאָהר די גרויסע נפקא מינה צווישען ריקאַרדאָ'ס און מארקס' ערקלעהרונג. אין דער צייט, ווען ריקאַרדאָ'ס ערקלעהרונג נעהמט נאָר ארום די סחורות, וועלכע קענען פריי פון יעדען איינציגען אויסגעאַרבייט ווערען, נעהמט מארקס' ערקלעהרונג ארום אלע סחורות, אפילו די, וועלכע ליגען אונטער א געוויסער מאָנאָפּאָל, אָדער זיינען זעהר זעלטען. נאָך מארקס'ן קומט אויס, אז דער פאַקט, וואָס איין פּראָדוקט ווערט אויסגעביטען מיט א צווייטען, ווייזט, אז ער ווערט געשאַצט לויט דער מאָס ארבייט וואָס איז אין איהם פערקערפּערט. יעדער טויש, יעדער מסחר איז א פערגלייכונג און פערגליכען ווערען קענען נאָר אזוינע זאַכען, וועלכע האָבען געמיינשאַפטליכעס צווישען זיך, און אָט דאָס געמיינשאַפטליכע איז ניט אנדערש, ווי די ארבייט־קראַפט.

די מאָס ארבייט־קראַפט אין יעדער סחורה ווערט אויסגעמאָסטען מיט דער צייט, ד. ה. מען שאַצט אָב וויפיעל, א שטייגער, שעה ארבייט עס ד א ר ף דויערן דאָס בעשאַפען די סחורה. 20 איילען לייוועגד ווערען אויסגעביטען אויף 1 ראָק דערפאַר, ווייל די פערוועגדונג פון ארבייט־ענערגיע בכדי צו בעשאַפען 20 איילען לייוועגד דאַרף דויערן אזוי פיעל צייט, וויפיעל עס דאַרף דויערען דאָס בעשאַפען א ראָק.

מיר זאָגען דאָ בכיון: ד א ר ף ד ו י ע ר ע ן, ווייל מען קוקט ניט ווי פיעל צייט עס דויערט אין אמת'ן דאָס אויסארבייטען א פּראָדוקט ביי יעדען יחיד בעזונדער. ווען דאָס וועבען 20 איילען לייוועגד דאַרף ביי א דורכשניטליכען ארבייטער מיט מיטעלע פעהיגקייטען דויערן 10 שעה און דאָס אויפנייהען 1 ראָק אויך 10 שעה, דאַן וועלען זיי ביידע האָבען א גלייכען ווערטה.

טרעפט עס, למשל, אז דער וועבער איז זעהר א געשיקטער ארבייטער, אַן אויסנאַהם אין זיין פאַך, און ער וועבט אויס די

20 איילען לייוועגד אין 5 שעה, וועט ער אַלץ קריגען דעם ראָק, ניט קוקענדיג דערויף, וואָס אין ראָק איז פאַראַן 10 שעה אַרבייט און אין דער לייוועגד נאָר 5 שעה, מען קוקט בכלל וויפיעל עס דאַרף דויערען אַ דורכשניטליכען אַרבייטער, אָבער ניט, וויפיעל עס האָט פּאַקטיש געדויערט איינעם אַן אויסנאַהם, אַ יוצא מן הכלל. דאָס גלייכען פערקעהרט, ווען דער וועבער, אַ שטייגער, איז אַ פוילער אָדער בכלל זעהר אַ לאַנגזאַמער אַרבייטער, אָדער ווען ער אַרבייט מיט אַלטע, פּראָסטע געצייג און דאָס אויסוועבען די 20 איילען האָט איהם געדויערט 20 שעה, קאָן ער ניט פאָדערן 2 רעק דערפאַר, ווייל מען קוקט ניט, וויפיעל ער האָט געאַרבייט, נאָר וויפיעל עס דאַרף דויערען בכלל אַ דורכשניטליכען אַרבייטער מיט דורכשניטליכע פעהיגקייטען, ביי געוועהנליכע אַרבייט־מעטאָדען און ביי אַ געוועהנליכער אינטענסיווקייט.

מיט וועלכער מאָס ווערט געמאָסטען די אַרבייטס־צייט? אַלס איינהייט אויסצומעסטען די אַרבייט־צייט נעהמט מען פּראָסטע, איינפאַכע אַרבייט, וואָס פאָדערט ניט קיין איבונג. די סאָרטען אַרבייט, צו וועלכע מען דאַרף זיך לערנען, איבען, ווערען אָנגערופען „קוואַליפיצירטע אַרבייט“ און ווערען געשאַצט איינינע מאָהל מעהר, ווי די איינפאַכע אַרבייט.

ווען אַ מעכאַניק אַרבייט, למשל, בלויז 6 שעה, וועט ער קריגען פאַר זיין אַרבייט, אַ שטייגער ווי פאַר 18 אָדער מעהר שעה פּראָסטע אַרבייט. ווייל דעם מעכאַניקער האָט געקאָסט אַ סך צייט דאָס לערנען זיך, ווען ער האָט ניט נאָר ניט פערדיענט, נאָר האָט נאָך געמוזט צוצאָהלען. דאָס איז טאַקע די אורזאַך פאַר וואָס אַ דאָקטאָר נעהמט פאַר אַ וויזיט אונגעפעהר אַזוי פיעל וויפיעל אַ פּראָסטער אַרבייטער פערדיענט אין אַ גאַנצען טאָג. איידער דער דאָקטאָר בעקומט די מעגליכקייט צו בעזוכען די קראַנקע, מוז ער פערברויכען 14-15 יאָהר אויף דער לעהרע, ווען ער האָט ניט פערדיענט דערביי קיין פּעני. ער מוז דעריבער זעהן, אַז נאָך דעם, ווען ער הויבט שוין אָן צו פּראַקטיצירען,

זאָל ער פערדיענען אויך פאַר דער צייט פון זיין לעהרע. אין יעדער שעה פון דעם דאָקטאָר'ס פּראַקטיקע ליגען איינינע שעה צייט פון דער לעהרע און דעריבער איז 1 שעה קוואַליפיצירטע דאָקטאָר'שע ארבייט גערעכענט, למשל, ווי 10 שעה פּראָסטע ארבייט.

די לעהרע פון מעהר־ווערטה

אין די פריגע קאַפּיטלעך האָבען מיר בעוויזען, אז דער ווערטה פון יעדער סחורה איז די צייט געזעלשאַפטליכע ארבייט, וואָס דאַרף אויף איהר אָנגעווענדעט ווערען.

בייט איך אוים איין פּראָדוקט אויף א צווייטען איז א סמן, אז די ביידע פּראָדוקטען דאַרפען קאָסטען א גלייכע מאָס געזעל־שאַפטליכע אַרבייט. ווען א שניידער, א שטייגער, בייט אוים א בגד, וועלכען מען דאַרף נעהמען 10 שעה, אויף א פּאָר שטיוועל, איז דערפון א ראיה, אז דאָס אויפנעהען די שטיוועל דאַרף אויך דויערן 10 שעה, ווארום קיינער וועט ניט אויסארבייטען א זאַך, וואָס ענטהאַלט אין זיך 10 שעה ארבייט אויף א זאַך, וואָס ענט־האַלט אין זיך ניט מעהר ווי 9 שעה ארבייט, פונקט אזוי, ווי קיי־נער וועט ניט אָבגעבען א דאָלאַר פּאַר 90 סענט. דאָסזעלבע פּער־קערט, קיינער וועט ניט קריגען 11 שעה ארבייט פּאַר 10 שעה, אזוי גוט ווי מען קען ניט קריגען 110 סענט פּאַר 1 דאָלאַר.

דער חלוף וועט ניט אנדערש ווערען אפילו ווען די צייט־אַרבייט זאָל ווערען אָבגעשאַצט אין געלד, ווען דאָס געלד ווערט דער פּער־מיטלער צווישען אונזער שוסטער און שניידער. אויב דאָס בע־שאַפען 10 סענט דאַרף, למשל, דויערען א שעה געזעלשאַפטליכע אַרבייט, טאָ דאַרף דער שניידער בעקומען פּאַר זיין בגד, וואָס ענט־האַלט אין זיך 10 שעה אַרבייט 10 מאָל 10 סענט — 1 דאָלאַר. דאָס גלייכען דער שוסטער.

מיר וועלען אָבער איצט אָט וואָס פרעגען: וויבאַלד אז יעדע סחורה ווערט פערקויפט לויט איהר ווערטה, טאָ פון וואַנעט נעמט זיך דער פּראָפיט? ווי אזוי קען מען איבערהויפּט פּראָפיטירען ביים האַנדעל, אז ביים קויפען און ביים פערקויפען ווערט יעדע סחורה געשאַצט לויט דער מאָס אַרבייט, וואָס זי ענטהאַלט?

אום בעסער אוועקצושטעלען אונזער פראַגע וועלען מיר נעמען אַלס ביישפּיעל א פעקטאָרי, וואו עס ווערט אויסגעאַרבייט ציגעל.

כדי אויסצואַרבייטען ציגעל דאַרף מען האָבען ליים, געצייג, ברען מאַטעריאַל (האָלץ) און אַרבייטס־קראַפט. דאָס בעקומען

ליים אויף 1000 ציגעל ענטהאלט אין זיך, לאמיר אננעמען, 20 שעה געזעלשאפטליכע ארבייט, אויב א שעה ארבייט וועט ווערען געשאצט אין 10 סענט, וועט דאס ליים קאסטען 20 מאל צעהן — 2 דאלאר; דאס האלץ, וואס מען האט נויטיג פאר 1000 ציגעל, לאמיר ווידער אננעמען, ענטהאלט אין זיך 30 שעה ארבייט און וועט קאסטען בכן 3 דאלאר; דאס געצייג ענטהאלט אין זיך 35 שעה ארבייט און וועט קאסטען 3.50 דאל. אויסער די אלע זאכען דארף מען נאך האבען ארבייטס־קראפט. לאמיר זאגען אז אר־בייטס־קראפט איז דא פאר די ציגעל נויטיג 30 שעה. אז מען וועט נעמען דריי ארבייטער, יעדערער זאל ארבייטען צו 10 שעה, וועט מען יעדען ארבייטער, לויט'ן חשבון, מוזען געבען 10 מאל 10 סענט — 1 דאלאר; בסך הכל וועט דא ארבייטס־קראפט קאסטען דריי דאלאר.

לאמיר איצט פערצייכענען מיט א סדר די הוצאות אויף די 1,000 ציגעל.

ליים.........	ענטהאלט	20	שעה	ארבייט,	קאסט	$2.00
האלץ.........	"	30	"	"	"	3.00
געצייג........	"	35	"	"	"	3.50
ארבייטס־קראפט	"	30	"	"	"	3.00
בס"ה		115				$11.50

ווען די ארבייטער האבען גענומען דאס געצייג און געהארע־וועט ביים אויסהייצען דעם אויוון און צוקנעטען דאס ליים 30 שעה, האבען מיר סוף כל סוף בעקומען א מין פראדוקט, וואס מען רופט דאס ציגעל. די ציגעל דארף דער מאנופעקטשורער פאר זיין אייגענעם געברויך ניט האבען, האט ער גענומען א פאר משרתים, וועלכע האבען זיי ארויסגעפיהרט אויפ'ן מארק פערקויפען. די משרתים האבען דעריבער געארבייט 35 שעה. איז שוין, בכן, צו־געקומען הוצאות אויף די ציגעל נאך 3.50 דאל. בסך הכל האבען זיי געקאסט 15 דאלאר. שפעטער האט מען שוין גאט צו דאנקען דערלעבט צו זעהן א קונה, דארף ער אבער ניט קויפען אלע 1000 ציגעל. ער האט נאר נויטיג 100 — א צעהנטעל פון דער סחורה, וואס איז ארויסגעפיהרט אויפ'ן מארק. פאר די 100 ציגעל וויל דער קונה געבען אן אנדער סחורה, אזוי אבער ווי די אנדער סחורה

איז ביי איהר גראד ניטאָ, בעצאָהלט ער דערפאר מיט מזומן. דעם מאַנופעקטשורער, פערשטעהט זיך, ווילט זיך פערדיענען אָן זיין סחורה און בעט אויס פאר 100 ציגעל צוויי דאָלאר, צו צוויי סענט א ציגעל. לויט אונזער הנחה וועט דער קויפער אין גאַנצען מאַכען חוזק פון מאַנופעקטשורער. ער מאַכט קודם כל אַ חשבון וויפיעל שעה ארבייט די גאַנצע 1,000 ציגעל האָבען געקאָסט. „אין גאַנצען — חשבון'ט דער קויפער — האָט מען אויף די 1,000 ציגעל אָנגעווענדעט 150 שעה ארבייט, קומט אויס, אז הונדערט ציגעל ענטהאַלטען אין זיך 15 שעה. 15 שעה ארבייט איז בכן דער ווערטה פון 100 ציגעל און דעריבער דאַרף איך נאָר געבען אַקעגען אַזאַ זאַך, וואָס דער ווערטה פון איהר זאָל אויך זיין 15 שעה געזעלשאַפטליכע ארבייט. מיר ווייסען, אז 10 סענט איז דיזעלבע זאַך ווי איין שעה געזעלשאַפטליכע ארבייט, 15 שעה ארבייט איז אויף דעם אופן דאָסזעלבע, ווי $1.50, $1.50 איז דער ווערטה פון 100 ציגעל און אַזוי פיעל וויל איך פאר זיי געבען, מעהר ניט".

לויט אונזער שיטה, איז טאַקע דער קונה גאַנץ גערעכט. מיר קאָנען ניט פערלאַנגען פון איהם ער זאָל איבערצאָהלען דעם מאַנופעקטשורער און געבען פאר די 100 ציגעל 2 דאלער, בעת זייער ווערטה איז ניט מעהר ווי 1.50 — 15 שעה ארבייט. אויב דער מאַנופעקטשורער זאָל האָבען געהאַט אַזעלכע 10 קונים, וועט ער סוף כל סוף ניט בעקומען אפילו איין פּרוטה ריוח. יעדער קונה וועט אויסרעכענען דעם ווערטה פון די ציגעל און לויט דעם ווערטה וועט ער בעצאָהלען. פאַר די 1000 ציגעל וועט דער מאַנופעקטשורער קריגען 15 דאלער — מעהר אפילו אַ פעני ניט. האָט נאָך דער מאַנופעקטשורער אַליין עפּעס געארבייט ביי די ציגעל וועט ער קריגען פאר יעדע שעה ארבייט צו 10 סענט, אָבער, וויפיעל, מישטיינס געזאָגט, ארבייט יעדער אונטערנעהמער, יעדער פאַבריקאַנט? דאָס רוב פאַבריקאַנטען זיינען, ווי מיר ווייסען, גרויסע עצלים רחמנא לצלן און טונקען ניט איין אפילו אַ פינגער אין קאַלטען וואַסער.

טאָ איז דאָך אַלץ קשה: פון וואַנען נעהמט זיך טאַקי די הייליגע תורה? פון וואַנעט נעהמען זיך די פּראָפיטען, וועלכע דערגרייכען די הונדערטע מיליאָנען דאָלאר אַ יאָהר?

אין פלוג קומט אויס, אז דם קאַפּיטאַל, ווס ליגט אין גע-

שעפט, האָט אין זיך די טבע צו בעשאַפען נייע ווערטען, און ממילא אויך רוחים. קוקט מען אָבער אריין אין ענין אביסעל טיעפער איבערצייגט מען זיך גלייך, אז דאָס איז זעהר פאַלש.

ראובן דער סוחר, למשל, האָט געקויפט ביי שמעון'ן פאַר 100 דאלער טיי און האָט די טיי שפּעטער פערקויפט לוי'ן פאַר 110 דאלער — מיט 10 דאלער ריוח. ראובן האָט פאַר'ן קויפען די טיי געהאט 100 דלאַר מזומנים ; שמעון — טיי פאַר 100 דאָלער און לוי 110 דאלער מזומנים — בס"ה איז ביי אַלע דרייען דאָ געווען ווערטהען אויף 310 דאלער. נאָכדעם ווי ראובן האָט געקויפט די טיי ביי שמעון'ן און פערקויפט לוי'ן איז פאָרגעקומען א פערענדערונג. ביי שמעון'ן איז אנשטאָט די 100 דאָלאַר טיי, שוין געווען 100 דאָלאַר מזומנים; ביין לוין, אנשטאָט די 110 דאָלאַר — די טיי ; ביי ראובן'ן אַנשטאָט 100 דאָלאַר — 110 דאָלאַר. דער סך הכל איז איצט נאָכ'ן מסחר ניט מעהר און ניט ווייניגער ווי פאַר'ן מסחר. פאַר דעם מסחר האָבען אַלע דריי געהאט פאַר 310 דאָלאַר ווערטהען (210 מזומנים און 100 דאָלאַר טיי) און נאָכ'ן מסחר אויך דאָס זעלבע ; עס האָבען זיך נור געביטען די אייגענטימער, אָבער די סומע פון די ווערטהען איז געבליבען די זעלביגע. פריהער זיינען די 110 דאָלאַר געווען ביין לוי'ן און איצט, נאָך'ן מסחר, זיינען זיי ביי ראובן'ן ; די טיי, ווידער, איז פריהער געווען ביי שמעון'ן און איצט איז זי ביי לוין'ן. עס איז דאָך נאַריש צו זאָגען, אַז די טיי, זייענדיג ביי ראובן'ן אין די הענד, האָט געקראָגען א גרעסערען ווערטה. עס קאָן ווידער זיין, אַז די טיי איז טאַקי פריהער, ווען זי איז נאָך געווען ביי שמעון'ן, געווען ווערטה 110 דאָלאַר, נאָר ראובן איז א בריה א סוחר און האָט דורך געוויסע קונצען געקויפט וואָלוועל, פאַר 100 דאָלאַר בלויז, אָבער לוי'ן האָט ער טאַקע פערקויפט פאַר דעם פולען ווערטה — פאַר 110 דאָלאַר. אויב אַזוי, קומט אויס, אַז פריהער האָבען אַלע דריי צוזאַמען — ראובן, שמעון און לוי — געהאט ווערטהען פאַר 320 דאָלאַר : ביי שמעון'ן פאַר 110 דאָלאַר טיי, ביי ראובן'ן — 100 דאָלאַר מזומנים און ביי לוין — 110 דאָלאַר מזומנים, און נאָכ'ן מסחר איז דער סך־הכל ווידער 320 דאָלאַר : ביי ראובן'ן 110 דלאַר מזומנים ; ביי לוי'ן — טיי פאַר 110 דאָלאַר און ביי שמעון'ן 100 דאָלאַר מזומנים. אין ערשטען פאַל, ווי אין

צווייטען פאַל, ווי מיר זעהען, זיינען צו די סחורות אין דער צייט פון מסחר קיינע ווערטהען ניט צוגעקומען. די גאַנצע פּראָפיט האָט דאָ נור געקענט זיין — אין ערשטען פאַל, ווען לוי האָט זיך אָבגענאַרט און אין צווייטען פאַל — ווען שמעון האָט זיך אָבגע־נאַרט.

אין אַן אויסנאַהמספאַל קען אפשר יאָ טרעפען, אַז מען קויפט אַ מציאה, מען כאַפּט אַמאָל אריין אַן אוצר פאַר העלפט געלד, מען נאַרט וועמען עס איז אָב. מען קויפט דהיינו א סחורה, וועלכע ענטהאַלט אין זיך 100 שעה אַרבייט פאַר 50 שעה. דאָס איז דאָך אָבער אַ יוצא מן הכלל, דערביי מוז געשעהן אַ נס וואו ענט־ווערער דער קויפער אָדער דער פערקויפער זאָל ניט פערשטעהן אויף זייער סחורה, אָבער „לאו בכל יומא מתרחש נסא“, ניט אַלע טאָג טרעפען זיך נסים און איבערהויפּט איז שווער צו זאָגען, אַז אַלע מיטגליעדער פון דער געזעלשאַפט זאָלען לעבען פון נסים אָדער פון אָבנאַרעריי.

בכלל קען דאָס גאָר ניט זיין, דען לויט דער סברא קומט אויס, אַז ווען איינער פערדינט, מוז דער צווייטער צולייגען, אַז איינער ווערט רייך אויף׳ן צווייטענס חשבון. דאָס איז דאָך פאַק־טיש ניט ריכטיג. די עשירות ווערט פון יאָהר צו יאָהר גרעסער און קיינער פערלירט דערביי גאָרניט.

מיר האָבען דאָ, בכן, פאַר זיך אַ האַרבע קשיא: אויב מיר זאָלען זאָגען, אַז דער ווערטה פון דער סחורה איז די צייט אַרבייט, וואָס אין איהר איז פערקערפּערט, טאָ פון וואַנעט נעהמט זיך דער פּראָפיט?

דער פּראָפיט נעמט זיך פון דעם מעהר־ווערטה — ענטפערט מאַרקס.

די מעהר־ווערטה טעאָריע איז מאַרקס׳ אַן ענטדעקונג. אין דער לעהרע פון ווערטה האָט מאַרקס געהאַט, ווי מיר האָ־בען געזעהן, פאָרגענגער, אָבער די מעהר־ווערטה טעאָריע געהערט איהם אַליין. און די ענטדעקונג פון מעהר־ווערטה איז אַן אונ־געהייערע גרויסע ענטדעקונג. זי וואַרפט אַ גאַנץ נייע ליכט אויף די פערפלאָנטערטע, קאָמפּליצירטע ערשיינונגען פון עקאָנאָמישען לעבען און דעריבער שטעלט איהר ענגעלס אויף איין שטאַפּעל מיט דעם היסטאָרישען מאַטעריאַליזם.

כדי צו ערקלעהרען די לעהרע פון מעהר־ווערטה, שטעלט זיך מארקס אויספיהרליך אָב אויף דעם אנאליז פון די סחורות.

א סחורה, ווי מיר האָבען שוין אויבען געזאָגט, מוז אין זיך האָבען צוויי אייגענשאַפטען, א נאַטירליכע און א געזעלשאַפטליכע זייט. די נאַטירליכע זייט איז די אייגענשאַפט פון דער סחורה צופרידענצושטעלען א געוויסע מענשליכע בעדערפניש; די געזעלשאַפטליכע זייט — די מאָס געזעלשאַפטליכע ארבייט, וויפיעל עס דאַרף זיין אין איהר פערקערפערט. די געזעלשאַפטליכע זייט פון דער סחורה קען קיין מאָל ניט זיין אָהן איהר נאַטירליכער זייט. ווען א מענש ארבייט אויף אַן אוננוטציגע זאַך וועט די ארבייט קיין שום ווערטה ניט האָבען. די געזעלשאַפטליכע אַר־בייט מוז האָבען א ממשות׳דיגע זאַך, אין וואָס זי זאָל קענען פער־קערפערט ווערען; די ממשות׳דיגע זאַך מוז דורך דער ארבייט ווערען א נוצליכע זאַך. אָהן אזא ממשות׳דיגער נוטצליכער זאַך קען מען זיך די געזעלשאַפטליכע זייט פון פראָדוקט ניט פאָר־שטעלען, פונקט אזוי ווי מען קען זיך ניט פאָרשטעלען א נשמה אָהן א גוף. די מאָס ארבייט איז דער סימוואָל פון געזעלשאַפט־ליכקייט אין יעדער נוציגער זאַך. ווען איינער א קונה קויפט א סחורה בעצאָהלט ער פאַר דער ארבייט, וואָס ליגט אין דער סחורה — פאַר איהר געזעלשאַפטליכער זייט, — אָבער בענוצען בענוצט ער זיך מיט איהר נאַטירליכער זייט. ווען איינער, א שטייגער, קויפט פלאַקס, בעצאָהלט ער פאַר דער מאָס געזעלשאַפטליכער ארבייט, וויפיעל אין איהר איז פערקערפערט געוואָרען, אָבער בע־נוצען בענוצט ער זיך מיט דער אייגענשאַפט פון פלאַקס צו ווערען אויסגעדרעהט אין שטריק; טוך קויפט מען, כדי צו בענוצען זיך מיט איהר נאַטירליכער אייגענשאַפט, צו ווערען אויפגענייהט אין א בגד.

אויסער די דאָזיגע אייגענשאַפטען דאַרף א פראָדוקט האָבען נאָך אנדערע, כדי צו ווערען א סחורה. ער מוז זיין דאָס אייגענטום פון וועמען עס איז, ער מוז האָבען א בעל־הבית, וועמען ער געהערט, ווער עס זאָל קענען טהאָן מיט איהם, וואָס ער וויל. א פרעמדע זאַך קאָן קיינער ניט פארקויפען און ניט איבערגעבען. אויסער דעם דאַרף זיך דער בעל הבית אין דעם פראָדוקט ניט נויטיגען. אויב דער אייגענטימער פון פראָדוקט זאָל איהם אליין דאַרפען און

זאָל זיך קאָנען אַליין מיט איהם איהם בענוצען, וואָלט ער דאָך איהם ניט פערקויפט אַ צווייטען.

בלויז אַ זאַך, וואָס האָט אין זיך אָט די אויסגערעכענטע איי־גענשאַפטען, קען ווערען אַ סחורה.

ארבייטס־קראַפט האָט אין די פריהערדיגע דורות, ווען עס האָט געהערשט שקלאַפעריי און לייב־אייגענשאַפט, ניט געקענט זיין אַ סחורה, דער בעל הבית פון דער ארבייטסקראַפט — דער מענש — האָט ניט געהאַט קיין רעכט מיט איהר זיך צו בע־נוצען. דער שקלאַף האָט געהערט צו זיין הערן מיט זיין לייב און לעבען און ארבייט „כל מה שקנה עבד קנה רבו“, אַלץ וואָס איז געווען ביים שקלאַף האָט געהערט דעם שקלאַפען־הער. אין דער צייט פון לייב אייגענשאַפט זיינען די פויערים קערפּערליך געווען פריי אָבער זייער ארבייט האָט געהערט דעם פּריץ, דער פריץ איז געווען דער אייגענטימער פון זיינע מענשענס ארבייט אָבער ניט דער מענש, דער ארבייטער אַליין. אַליין בעלי־בתים אי־בער זייער ארבייט זיינען די ארבייטער געוואָרען ערשט שפּעטער, ווען לייב־אייגענשאַפט איז בטל געוואָרען, ווען די פויערים זיינען ארוים פון פריץ׳ס רשות צו זיך אין רשות און ווען אין די שטעדט האָט זיך אָנגעהויבען צו ענטוויקלען די פרייע מלאכה. כל זמן אָבער יעדער פויער אָדער ארבייטער האָט געארבייט פאַר זיך, האָט געהאַט זיין אייגענע געצייג און ווארשטאַט און די מעגליכ־קייט צו קויפען רויהע מאַטעריאַל, איז ארבייטס־קראַפט נאָך אַלץ ניט געווען אַ סחורה. דער ארבייטער האָט זי אַליין פער־טהאָן, ער האָט זי אויסגענוצט פאַר זיך אין זיין אייגען ווארשטאַט.

שפּעטער, ווען די ענטוויקלונג פון קאַפּיטאַל האָט אָנגעפאַנגען געהן פאָרווערטס, ווען דער בעל מלאכה איז צוליעב דער קאָנקור־רענץ פון פאַבריק און גרויסען האַנדעל שוין מעהר ניט געווען ביכולת אויסצוהאַלטען אַן אייגען ווארשטאַט, ווען ער איז געוואָ־רען אָבגעריסען פון זיינע געצייג און האָט זיין ארבייטס־קראַפט שוין מעהר פאַר זיך ניט געקענט אויסנוצען — דענסטמאָל ערשט ווערט ארבייטס־קראַפט אַ סחורה און טרעט ארויס אויפ׳ן מאַרק צוגלייך מיט אַנדערע סחורות.

אַזוי ווי אַלע אַנדערע סחורות האָט אויך די ארבייטס־קראַפט צוויי אייגענשאַפטען: אַ נאַטירליכע און אַ געזעלשאַפטליכע.

די נאטירליכע זייט איז איהר אייגענשאפט איבערצואַרבייטען רויהע מאטעריאלען אין נוצליכע זאכען. ארבייט מאכט פון לעדער א פּאָר שטיוועל, פון פלאַקס — שטריק, פון אייזען — געצייג און מאשינעס א. א. וו. די געזעלשאפטליכע זייט איז די מאָס געזעלשאפטליכע ארבייט, וויפיעל עס דארף ווערען בענוצט כדי צו בעשאפען די ארבייטס־קראפט.

אין היינטיגע צייטען פון געדינגענער ארבייט איז ארבייטס־קראפט א פשוט'ע סחורה, א סחורה ווי אלע אנדערע סחורות, האט די אייגענשאפטען פון אלע אנדערע סחורות און ווערט אויך פערקויפט ווי אלע אנהערע סחורות — אט וואָס מארקס בעווייזט אונז מיט זיין מערקווירדיגען אנאליז.

ווי ווערט ארבייט־קראפט פראָדוצירט, ווי ווערט בעשאפען דער מענשליכער כח? — פרעגט ווייטער מארקס.

ארבייטס־קראפט איז ניט א זאך, וואָס קען זיין אָהן א מענשען, דאָס איז די פעהיגקייט און אייגענשאפט פון יעדען לעבעדיגען מענשען, דאָס איז א טייל פון זיין מח, בלוט, מוסקעלען און נערוועז און דעריבער קען די ארבייטס־קראפט נאָר זיין מיט'ן מענשען צוזאמען און דוקא מיט אזא מענשען, וועלכער איז פעהיג צו דער ארבייט. א מענש קען זיין פעהיג צו דער ארבייט, נאָר דענסטמאָל, ווען ער קען בעפרידיגען זיינע לעבענס בעדערפניסען און וויבאלד אז די בעפרידיגונג פון די לעבענס־בעדערפניסען בעשאפט די ארבייטס־קראפט איז דערפון גערדרונגען, אז דער ווערטה פון דער ארבייטס־קראפט איז גלייך צו דער מאָס געזעלשאפטליכער ארבייט, וואָס דארף אויסגעגעבען ווערען, כדי צו בעשאפען די נויטיגע פראָדוקטען, וועלכע זיינען נויטיג צו דער חיונה.

די בעדערפניסען פון יעדען מענשען זיינען גאנץ פערשידען, זיי זיינען אָבהענגיג פון פערשיידענע, נאטירליכע, קולטורעלע און סאָציאַלע בעדינגונגען, אין וועלכע דער מענש געפינט זיך.

אין די הייסע לענדער איז גענוג פאר'ן מענשען אן איינפאכע דירה, לייכטע קליידער און מאָגערע שפייז; אין די קאלטע לענ־

דער דאַרף שוין דער מענש האָבען, אום צו האָבען כח צו אַרבייטען, א גוטע אַרומגעזעהענע דירה, וואַרעמע בגדים און פעטע שפּייז א. א. וו. אין די ערשטע צייטען, ווידער, איז געווען רעכט צו געהן אַבי ווי, הויזען און לעדערנע שיך זיינען געווען לאו דוקא, עס איז געווען רעכט צו געהן, זייט מיר מוחל, אין הוילע תחתונים. היינט, ווען דער קולטורעלער מצב האָט זיך ענטוויקעלט, קען שוין דער מענש זיך ניט אָב׳פּטר׳ן מיט שיהי פיהי, היינט איז שוין נויטיג פאַר יעדען מענשען ניט נאָר לעדערנע שיך, נאָר אפילו גומענע קאַלאָשען. די צייט, מען זאָל זיך בעגנוגענען מיט בלויזע תחתונים, איז שוין לאַנג פאַרביי.

דער אַרבייטער לעבט ניט אייביג, ער ווערט עלטער און שוואַכער און צוזאַמען מיט זיין אַלטקייט ווערט אַלץ ביי איהם ווענינער און שוואַכער זיין כח, זיין אַרבייטס־קראַפט און דעריבער מוזען די קויפער פון די אַרבייטס־קראַפט אויך זאָרגען, אַז די פאַבריק, וואו עס ווערט פּראָדוצירט די אַרבייטס־קראַפט, זאָל שטענדיג האָבען א קיום. דער אַרבייטער קען האָבען א קיום אויף אייביג אַזוי ווי אַלע לעבעדיגע בעשעפעניסען דאַן, ווען ער וועט האָבען די מעגליכקייט צו דערלענגערען זיין דור, זיין פאַמיליע, ווען ער וועט קענען פיהרען א פאַמיליען לעבען, ווען ער וועט קענען ווי עס איז פערזאָרגען זיינע קינדער, זיי זאָלען אין קומענדיגען דור פערבייטען די עלטערן.

מאַכען מיר א סך הכל פון אַלץ, וואָס דאָ איז געזאָגט געוואָרען וועגען דעם ווערטה פון דער אַרבייטס־קראַפט, קומען מיר צום שלום, אַז דער ווערטה פון אַרבייטס־קראַפט איז די מאָס געזעלשאַפטליכע אַרבייט, וויפיעל עס איז נויטיג צו בעשאַפען די לעבענס־פּראָדוקטען: דירה, קליידער, שפּייז א. א. וו. פאַר׳ן אַרבייטער אַליין און פאַר זיין פאַמיליע לויט די נאַטירליכע, געזעלשאַפטליכע און קולטורעלע בעדינגונגען פון דעם לאַנד, וואו דער אַרבייטער וואָהנט.

נו, לאָמיר זיך ווייטער פאָרשטעלען, אַז די מאָס געזעלשאַפטליכע אַרבייט, וואָס איז נויטיג אויסצוגעבען פאַר די בעפרידיגונג

פון די בעדערפניסען פון אן ארבייטער, כדי ער זאָל קענען האָבען כח צו ארבייטען, לאָמיר זאָגען, א טאָג צייט (10 שעה), איז ניט מעהר ווי 5 שעה. ד. ה. אז ווען מען זאָל אויסגעבען 5 שעה געזעלשאַפטליכע ארבייט, וועט מען קענען שאַפען אזוי פיעל פּראָדוקטען, וועלכע זאָלען קלעקען אויף א טאָג חיונה. דעמאָלט וועט דער ווערטה פון א טאָג ארבייטס־קראַפט (10 שעה) זיין ניט מעהר ווי 5 שעה געזעלשאַפטליכע ארבייט. די איבעריגע 5 שעה, וואָס די ארבייטס־קראַפט איז מעהר פון איהר ווערטה, הייסט מעהר־ווערטה.

ארבייטסקראַפט — זאָגט מארקס — איז די איינציגע סחורה, וואָס שאַפט מעהר ווערטה. דער ווערטה פון דער ארבייטס־קראַפט איז קלענער פון דער ארבייטס־קראַפט גופא און דער אונטערשייד צווישען דער מאָס ארבייטסקראַפט, וואָס דאַרף אויסגעגעבען ווערען כדי צו בעשאַפען די ארבייטסקראַפט און דער ארבייטסקראַפט גופא, בילדעט דעם מעהר־ווערטה.

אָט דיזע אייגעשאַפט פון דער ארבייט צו פּראָדוצירען מעהר, וויפיעל זי קאָסט, איז די אורזאַכע פון אַלע פּראָפיטען אין אונזער געזעלשאַפט.

וואָלט דער ארבייטער געהאַט אייגענע געצייג, אייגענע רויהע מאַטעריאַל און וואָלט ער געקענט אויסנוצען זיין ארבייטס־קראַפט פאַר זיך אליין, וואָלט דער מעהר־ווערטה געבליבען ביי איהם גופא, אזוי אָבער, ווי מיר לעבען אין א געזעלשאַפט פון פּריוואַט אייגענטום, וואו די אַלע פּראָדוקציאָנס־מיטלען: לאַנד, הייזער, אינסטרומענטען, געצייג, רויהע מאַטעריאַל א. א. וו. געהערען צו פּריוואַט מענשען און דער ארבייטער איז געצוואונגען צו פערקויפען זיי זיין ארבייטס־קראַפט, טאָ בלייבט דער מעהר־ווערטה ביים ארבייטסגעבער און ניט ביים ארבייטער.

דער פאַבריקאַנט, ווען ער קויפט, למשל, 100 שעה ארבייטס־קראַפט, בעצאָהלט ער ניט 10 דאָלאַר (אויב מיר נעמען אָן, אז 10 סענט איז גלייך צו 1 שעה ארבייט), ווייל ער צאָהלט ניט פאַר דער ארבייטסקראַפט, וואָס וועט ווערען פערקערפּערט אין פּראָדוקט, נאָר פאַר דער ארבייטסקראַפט, וואָס דאַרף אויסגעגעבען ווערען כדי צו בעשאַפען 100 שעה כח, און אויב דאָס איז מעהר ניט, ווי

50 שעה, למשל, וועט הער פאַבריקאַנט צאָהלען ניט מעהר ווי 50 שעה (5 דאָלאַר). בענוצען זיך וועט דער פאַבריקאַנט אָבער מיט הונדערט שעה אַרבייטסקראַפט. די איבעריגע 50 שעה (5 דאָלאַר) וועט ביי איהם בלייבען בתורת מעהר־ווערטה.

און נאָכ'ן סוחר'שען יושר טוט דאָ דער פאַבריקאַנט דעם אַרבייטער קיין שום עולה ניט.

אַרבייטסקראַפט — טענה'ט דער פאַבריקאַנט — איז אַ סחורה ווי אַלע סחורות. אַזוי ווי פאַר יעדע סחורה בעצאָהלט מען נאָר פאַר דער צייט אַרבייט, וואָס איז פערקערפּערט אין איהר, אַזוי בעצאָהל איך פאַר דער אַרבייטסקראַפט אויך אַזוי פיעל, וויפיעל געזעלשאַפטליכע אַרבייט אין איהר איז פערקערפּערט און ווען אין 10 טעג אַרבייטסקראַפט, וואָס איך קויף, איז נאָר פערקערפּערט 50 שעה אַרבייט (דאָס הייסט די צייט אַרבייט, וויפיעל עס דאַרף דויערען כדי צו בעשאַפען לעבענסמיטלען פאַר 10 טעג) בעצאָהל איך בלויז פאַר 50 שעה, דאָס איז גאַנץ עהרליך געצאָהלט, דאָס איז דער ווערטה פון 10 טעג אַרבייטסקראַפט. אי, וואָס, איך נוץ אויס מיין סחורה און ציה אַרויס פון די 10 טעג 100 שעה אַרבייטסקראַפט, אָדער מעהר, דאָס איז מיין זאַך. עס איז ניט קיינעם'ס ביזנעס מיר צו זאָגען, וואָס איך האָב צו טאָן מיט מיין סחורה. די אַרבייטסקראַפט, גלייך ווי איך קויף איהר אָב, איז מיין אייגענטום, מיין סחורה און איך האָב דאָס פאָלקאָמע רעכט זיך צו בענוצען מיט דער נאַטירליכער זייט פון מיין סחורה אַזוי ווי איך געפין פאַר נויטיג.

לאָמיר זיך איצט אומקעהרען צו אונזער ציגעלניע און זעהן, ווי אַזוי דאָרטען האָט געקענט זיין פּראָפיט אויפ'ן סמך פון מעהר־ווערטה.

ווען די ציגעל וואָלטען קענען געמאַכט ווערען נאָר פון ליים, געצייג און האַליץ, אָהן אַרבייטסקראַפט, וואָלט טאַקי דער בעל הבית פון דער ציגעלניע גאָר ניט פערדיענען, ווייל די דאָזיגע אַלע עלעמענטען גיבען איבער זייער ווערטה דעם קומענדיגען פּראָדוקט (די ציגעל) אָהן אַ שום פערענדערונג, ניט וועניגער און ניט מעהר. ווערענדיג צונויפגעגאָסען אין איינעם קענען די ווערטהען נאָר בעשאַפען אַזאַ סך הכל, וויפיעל עס קומט אויס פון אַלע צוזאַמענגעגאָסענע חלקים. דאָס גאַנצע גליק איז אָבער, וואָס כדי צו מאַ־

כען פון אלע עלעמענטען ציגעל, מוז מען האבען ארבייטסקראפט (אין אונזער פאל דארף מען האבען 30 שעה ארבייטסקראפט). די ארבייטסקראפט קויפט דער מאנופעקטשורער ביי דריי מענשען צו 10 שעה ביי יעדען. ער בעצאהלט אבער יעדען ארבייטער ניט צו 1 דאלאר (10×10), ווי מיר האבען פריהער גע'חשבון'ט, נאר ער רעכענט קודם כל אוים, וויפיעל הוצאות דער ארבייטער דארף האבען, כדי ער זאל זיין בכח צו ארבייטען 10 שעה. אום צו ארבייטען 10 שעה, ווייסען מיר, אז עס איז גאנץ גענוג דער ארבייטער זאל האבען איין ארט פאר זיין פאמיליע צו וואהנען, שפייז צו עסען, ווי עס פאסט פאר אן ארבייטער — מיט איין ווארט, ער דארף האבען אויף א טאג חיונה. אויב אויפ'ן טאג חיונה דארף אוועקגעהן ניט מעהר ווי 50 סענט (5 שעה ארבייט) וועט 50 סענט זיין די שכירות פאר יעדען ארבייטער פון די דריי. דער בעל הבית פון דער ציגעלניע בענוצט זיך אבער מיט 10 שעה פון יעדען ארבייטער. די איבעריגע 5 שעה (דער מעהרווערטה) בלייבט דא פאר'ן מאנופעקטשורער. אין אונזער פאל בלייבט 15 שעה מעהר־ווערטה, ד. ה. אז ער האט פון אזא קליינעם געשעפט, ווי אויס־ארבייטען 1,000 ציגעל, בעקומען $1.50 מעהר־ווערטה.

מיר זאגען דא בכיון מעהרווערטה און ניט פראפיט, ווייל פאקטיש איז דער פראפיט אביסעל קלענער, ווי דער מעהרווערטה. די 15 שעה מעהרווערטה אין אונזער ביישפיעל וועט ניט זיין כולו ריוח, ווייל עס געהט דאך אביסעל אוועק פאר שטאדט און שטאאט טעקסעס און אנדערע הוצאות, און אויב דער מאנופעקטשורער האט ניט אליין קיין מזומן און ער מוז לייהען געלד אויף פראצענט, צאהלט ער פון'ם מעהרווערטה אויך די פראצענט. דער פראפיט איז דעריבער גלייך צום מעהרווערטה, נאך דעם ווי עס ווערט ארונטערגערעכענט די אנדערע אויסגאבען, ווי פראצענט, אבצאהלונגען א. אז. וו.

דער מעהר־ווערטה איז, בכן, די ניט־בעצאהלטע ארבייטס־קראפט. דער מעהרווערטה איז נאר מעגליך דאן, ווען די געזעל־שאפט איז געבויט אויף פריוואט אייגענטהום, ווען די ארבייטער האבען ניט אליין קיין פראדוקציאנס־מיטלען, ווי אויסצונוצען זייער ארבייטסקראפט. דער פראפיט, און ממילא דאס גאנצע רייכטום,

קומט פון מעהרווערטה — ד. ה. פון דער ניט בעצאָהלטער ארבייטס־קראַפט.

מיר האַלטען פאַר ניט איבעריג צו בעמערקען, אַז ווען מאַרקס זאָגט, דאָס דער מקור פון פּראָפיט איז דער מעהר־ווערטה, מיינט ער דערמיט ניט צו זאָגען, דאָס אין אַן אונטער־נעמונג, וואו עס איז דאָ מעהר מעהרווערטה איז אויך דאָ מעהר פּראָפיט. עס רעדט זיך דאָ וועגען דעם פּראָפיט פון'ם גאַנצען כלל, פון אַלע אונטערנעהמונגען אין אונזער געזעלשאַפט.

אין אונזער היינטיגער געזעלשאַפט, וואָס איז געבויט אויפ'ן קאַפּיטאַל, וואו קאַפּיטאַל איז דער הויפּט בעוועגער פון אַלע אונ־טערנעמונגען, בעקומט יעדער אונטערנעמער אַ פּראָפיט אין פער־העלטניס מיט דעם גרויס פון זיין קאַפּיטאַל און ניט מיט דער מאָס מעהרווערטה, וואָס ווערט ביי איהם אין אונטערנעמונג געשאַ־פען. דער מעהרווערטה איז טאַקי דער קוואַל פון פּראָפיט פאַר'ן גאַנצען כלל, ווען עס וואָלט ניט זיין קיין מעהרווערטה וואָלט אויך ניט זיין קיין פּראָפיט, אָבער אין דער פערנאַנדערטיילונג פון'ם פּראָפיט צו יעדען אונטערנעמער בעזונדער שפּיעלט די הויפּט ראָלע דאָס קאַפּיטאַל. דאָס קאַפּיטאַל איז די הויפּט־מאַכט ביים פערנאַנדערטיילען פון'ם מעהרווערטה אַלס פּראָפיט פאַר די איינצעלנע קאַפּיטאַליסטען.

אין דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע איז בעוואוסט דער כלל, אַז „גלייכע קאַפּיטאַלען גיבען גלייכע פּראָפיטען" מאַכט ניט אויס, ווי דאָס קאַפּיטאַל ווערט פערווענדעט אין דער אונטערנעמונג, צי מעהר אויף ארבייטסקראַפט, צי מעהר אויף אינסטרומענטען אָדער רויהע מאַטעריאַל א. א. וו. אַ גרעסערער קאַפּיטאַל גיט אויך אַ גרעסערען פּראָפיט מעג אין דער אונטערנעמונג געשאַפען ווערען װעניגער מעהרווערטה. דער פּראָפיט פון כלל איז אָבהענגיג פון דעם כלל'ס מעהרווערטה. אַ גרעסערער מעהרווערטה גיט אַ גרע־סערען פּראָפיט און פערקעהרט, דער פּראָפיט פון יחיד איז אָבהענ־גיג פון דעם יחיד'שען קאַפּיטאַל און ניט פון דעם מעהרווערטה.

עס איז דעריבער קיין וואונדער ניט, ווען מיר זעהען, אַז פיע־לע אונטערנעמונגען, וואו עס ארבייטען זעהר װעניג ארבייטער, גיבען פונדעסטוועגען אַ סך מעהר פּראָפיט, ווי אַזוינע אונטערנע־מונגען, וואו עס ארבייטען אַ סך מעהר ארבייטער, אָבער ביי אַ

קלענערען קאפיטאל. אין יעדען בעזונדערען פאל בעקומט דער פאבריקאנט זיין פראפיט ניט לויט דער סומע מעהרווערטה, וויפיעל זיין אונטערנעמונג שאפט, נאר לויט דעם גרויס פון קאפיטאל, וויפיעל עס איז פערטאן אין דער אונטערנעמונג.

דער מעהרווערטה קומט ניט אן דוקא דעם, ביי וועמען ער ווערט אויפגעטאן, נאר אלע קאפיטאליסטען צוטיילען איהם צווישען זיך. א טייל נעמט, ווי שוין געזאגט, דער פראצענטניק, א טייל נעמט דער סוחר פאר'ן אויסבריינגען די סחורות, און איבערהויפט יעדער קאפיטאליסט, אויב ער פערווענדעט זיין געלד אין וועלכען עס איז ניט געשעפט, בעקומט א טייל מעהרווערטה, וואס ווערט אפילו ערגעץ אנדערש־וואו געשאפען.

פארמולירען מיר מאטעמאטיש דעם פראפיט פון יעדער אונטערנעמונג קומט אויס, אז דער פראפיט איז גלייך צו די חלקים, וועלכע קומען ארויס פון'ם צוטיילען דעם סך הכל פון אלע מעהרווערטהען, וואס די געזעלשאפט שאפט, אויף יחידישע קאפיטאלען.

ב) דער געגענזאץ צווישען ארבייט און קאפיטאל.

מארקס' ענטדעקונג פון'ם מעהרווערטה אין דער פאליטישער עקאנאמיע איז ניט ווייניגער וויכטיג ווי זיין ענטדעקונג פון'ם היסטארישען מאטעריאליזם אין דער פילאזאפיע. ענגעלס איז גאנץ גערעכט, ווען ער זאגט, אז דער מאדערנער סאציאליזם איז בעגרינדעט אויף די ביידע ענטדעקונגען פון מארקס'ן: אויפ'ן היסטארישען מאטעריאליזם און אויף דער לעהרע פון מעהרווערטה.

ביידע ענטדעקונגען שאפען איין הארמאנישע גאנצע לעהרע פונ'ם קלאסענקאמפף אין אונזער געזעלשאפט.

אויב דער היסטארישער מאטעריאליזם לערנט אונז, אז דער פראלעטאריאט איז דער פארשטעהער פון די נייע ענטוויקעלטע פראדוקטיווע קרעפטען, וועלכע פאדערען א סאציאליסטישע אָרדנונג, לערנט אונז די מעהרווערטה טעאריע, אז דער פראלעטאריאט איז דער א י י נ צ י ג ע ר שפייזער און ברויטגעבער פון אונזער געזעלשאפט, אז אלע אנדערע קלאסען לעבען פון דער אונבעצאהלטער ארבייטער'ס פראצע, און אז ווען ניט דער ארבייטער קלאס וואלטען אלע מוזען הונגערען.

נאך מעהר, די מעהרווערטה טעאריע ווייזט אונז, אז ניט קור־

קענדיג, וואָס דער ארבייטער־קלאַס שאַפט אַלע רייכטימער פאַר דער גאַנצער געזעלשאַפט, ווערט זיין אייגענער חלק אין די פּראָדוקטען, וואָס ער אַליין שאַפט, אַלץ קלענער און קלענער. ער ווערט קלענער דערפאַר, ווייל דער ווערטה פון דער ארבייטס־קראַפט ווערט וואָס ווייטער אַלץ קלענער. א דאַנק דער ענטוויקעלטער טעכניק דאַרף מען פאַר די פּראָדוקטען, וועלכע זיינען נויטיג פאַר׳ן ארבייטער׳ס חיונה, אַלץ אויסגעבען א קלענערע מאָס ארבייט און ממילא איז דער ווערטה פון דער ארבייטסקראַפט קלענער און דער חלק מעהרווערטה גרעסער. אויב פריהער, ביי דער אַלטער טעכניק, למשל, איז דער ווערטה פון א 10 שעה׳דיגען ארבייטסטאָג געווען 5 שעה, איז איצטער, ביי א פערבעסערטער טעכניק, זיין ווערטה ניט מעהר, ווי 4 שעה. פריהער האָט דער ארבייטער געלאָזען אין דער אונטערנעמונג 5 שעה מעהרווערטה און איצט שוין גאַנצע 6 שעה. און אַזוי ווערט וואָס ווייטער דער סכום מעהרווערטה אַלץ מעהרער און דעם ארבייטער׳ס חלק אין דעם רייכטום, וואָס ער בעשאַפט, אַלץ וועניגער. דער תהום צווישען פּראָלעטאַריאַט און די איבעריגע קלאַסען ווערט אַלץ גרעסער און טיעפער, דער קלאַסען־קאַמפּף שטרענגער און שאַרפער, און די סאָציאַלע איבערקעהרענים ווערט אויף דעם אופן אונפערמיידליך.

מאַרקס ווייזט ניט נאָר אויף דעם אונפערמיידליכען זיעג, וואָס דער פּראָלעטאַריאַט וועט אַבהאַלטען, נאָר ער ווייזט אויך אָן אויפ׳ן סדר, ווי אַזוי ער וועט זיעגען, וועלכע וואָפען ער וועט אַנווענדען אין זיין קאַמפּף פאַר זיין ענדליכער בעפרייאונג. אָט דעם סדר פון קאַמפּף אילוסטרירט מאַרקס מיט דעם גאַנג פון ענטוויקלונג, וואָס קומט פאָר אין דער געזעלשאַפט.

די טעכניק ענטוויקעלט זיך — לערנט אונז מאַרקס — דער קליין בעטריב, די מלאכה און אַנדערע קליינע אונטערנעמונגען געהען אונטער, ווייל זיי ווערען ארויסגעשטופּט פון דער גרויס אינדוסטרי, די קליינע אונטערנעמער קענען ניט קאָנקורירען מיט די גרויסע קאַפּיטאַליסטען און זיינען געצוואונגען איבערצוגעהן אין די רייהען פון פּראָלעטאַריאַט. דער פּראָלעטאַריאַט ווערט אויף דעם אופן גרעסער אין צאָהל, פרויען און קינדער ארבייט מאַכען די פּראָלעטאַרישע מחנות נאָך גרעסער. פון דער אַנדערער זייט ווערט

ראָס קאַפּיטאַל אַלץ מעהר און מעהר קאָנצענטרירט אין די הענד פון אַ קלײנער צאָהל מענשען, די רייכע ווערען אַלץ קלענער אין צאָהל אָבער רייכער מיט קאַפּיטאַל, די אָרעמערע ווערען אַלץ גרעסער אין צאָהל און אָרעמער אין מיטלען, די צווישען־קלאַסען געהען וואָס ווייטער אונטער און מיט דער צייט וועט די גאַנצע געזעלשאַפט בעשטעהן כמעט פון צוויי פיינדליכע לאַגערען, פון גרויסע קאַפּיטאַליסטען, וועלכע וועלען זיין אַ קלײנע מינאָריטעט אין דער געזעלשאַפט און פון לוין־ארבייטער, וואָס וועלען צוזאַמענשטעלען אַ גרויסע מאַיאָריטעט. די ארבייטער זיינען געצוואונגען זיך צו אָרגאַניזירען אום אָנצופיהרען דעם פּאָליטישען און עקאָנאָמישען קאַמפּף. די אָרגאַניזאַציאָנען ווערען אַלץ מעהר געשטארקט אינערליך און אויסגעברייט אויסערליך. דער ארבייטער־קלאַס קלייבט דורך זיי אָן אַלץ מעהר קאַמפּף־ענערגיע, ער לערנט זיך דורך זיי אוים אָנצוּוואָוועגדען די בעסטע מעטאָדען און ענדליך, ווען די צייט וועט קומען, ווען דער פּראָלעטאַריאַט וועט שוין קומען צום פולען בעוואוסטזיין פון זיין מאכט, ווען זיינע פּארטייען און טרייד־יוניאָנס וועלען זיין שטארק און מעכטיג — וועט קומען די סאָציאַלע איבערקעהרענים, די אַזוי אָנגערופענע סאָציאַלע רעוואָלוציאָן, וואו די פּאָליטישע מאכט וועט איבערגעהן אין די הענד פון פּראָלעטאַריאַט, וועלכער וועט צופּאַסען אַלע אינסטיטוציאָנען, געזעצען און איינריכטונגען לויט די פאָדערונגען און אינטערעסען פונ׳ם פּראָלעטאַריאַט. ד א ס ה י י נ ט י ג ע ס י ס ט ע ם פ ו ן פ ר י וו א ט א י י ג ע נ ט ו ם וו ע ט וו ע ר ע ן פ ע ר ב י ט ע ן א ו י פ ׳ ן ס אָ צ י אַ ל י ז ם.

דעם סאָציאַלען צוזאַמענברוך בעטראַכט מארקס פאר אַ נויטווענדיגע פּאָלגע פון דעם גאַנצען ענטוויקלונגס גאַנג, וואו דער געגענזאַץ צווישען די קלאַסען ווערט אַלץ גרעסער און שטארקער.

VIII

צו דער קריטיק פון וויסענשאַפטליכען סאָציאַליזם

א) דער עיקר און תפל אין מאַרקס׳ לעהרע.

די לעהרען פון וויסענשאפטליכען סאָציאַליזם ווערען ניט ווענינ קריטיקירט. די גאַנצע בירגערליכע וועלט איז שטאַרק אונ־צופרידען מיט דעם טויט־אורטייל, וואָס די בעגרינדער פונ׳ם מאָ־דערנעם סאָציאַליזם האָבען איהר ארויסגעגעבען. ניטאָ דער מאָ־נאַט, וואָס א וועלכער עס איז ניט קאַפּיטאַליסטישער געלעהרטער זאָל ניט ארויסקומען מיט א „קריטיק" אויף דעם מאַרקסיזם. ביי דער אָפיציעלער וויסענשאַפט איז אזא „קריטיק" זעהר און זעהר ווילקאָמען, יעדען אנטי־מאַרקסיסטישען „געלעהרטען" מאַכט זי דעם גרעסטען קבלת פּנים, אַלע טויערען פון רוהם און כבוד ווערען פאַר איהם געעפענט. וויפיעל האָבען עררייכט די גלענצענדסטע קאַריערען מיט זייערע קריטיקען אויף מאַרקס׳ לעהרען און ווי־פיעל, ווידער, זיינען בערויבט געוואָרען פון זייערע אקאַדעמישע עהרען עמטער נאָר דערפאַר, ווייל זיי זיינען געווען עהרליך גענוג אַנצוערקענען מאַרקס׳ לעהרע פאַר אמת?

אָבער ניט אויף דער קאַפּיטאַליסטישער „קריטיק" ווילען מיר זיך דאָ אָבשטעלען. דער קאַפּיטאַליזם האָט געוויס גענוג גרונד ניט צו זיין צופרידען מיט די גרונד־יסודות פונ׳ם וויסענ־שאַפטליכען סאָציאַליזם און מיט די לעהרען פון קלאַסען־קאַמפּף. פאַר די קאַפּיטאַליסטען איז די היינטיגע אָרדנונג די בעסטע פון אַלע וועלטען און זוכען דעריבער צו בעקעמפּפען מיט אַלע מיט־לען א לעהרע, וואָס בעטראַכט די היינטיגע אָרדנונג פאַר אונעהר־ליך, פאַר קראַנק און אוננאַרמאַל.

פיעל אינטערעסאַנטער איז פאַר אונז די קריטיק וואָס קומט פון אונזערע אייגענע סאָציאַליסטישע רייהען. די דאָזיגע קריטיק איז אויך ניט ווענינ און מיר וואָלטען ניט געהאַלטען אונזער אויפ־גאַבע פאַר געענדיגט, ווען מיר וואָלטען זיך ניט אָבגעשטעלט אבי־סעל אָט אויף דיזער קריטיק קעגען דעם מאַרקסיזם.

דער היסטאָרישער מאַטעריאַליזם ווערט קריטיקירט דערמיט, וואָס מען בעקעמפּפט די גאַנצע מאַטעריאַליסטישע פילאָזאָפיע.

קעגען אזא קריטיק קענען מיר אייגענטליך גאָר ניט האָבען, אָבער זי האָט אויך פאַר אונז קיין ווערטה ניט. דער מאַרקסיזם ענטוויקעלט אַן איינהייטליכע אויסגעהאַלטענע וועלט־אַנשויאונג. דיזע אַנשויאונג איז געבויט, ווי מיר האָבען געזעהן, אויף דער ענטוויקלונגס־לעהרע. וויל מען דיזע אַנשויאונג צוריקווייזען — דאַרף מען אויך צוריקווייזען די מאָדערנע נאַטור פילאָזאָפיע. אויב אונזערע קריטיקער געהען אַרויס פון'ם מעטאַפיזיש־אידעאַליסטישען שטאַנדפונקט, דאַן פּאָלעמיזירען מיר ניט מיט זיי. מיר אַנערקענען דעם מאַטעריאַליסטיש־מאָניסטישען שטאַנדפונקט אין דער פילאָזאָפיע און אויף דעם שטאַנדפונקט שטיצט זיך דער היסטאָרישער מאַטעריאַליזם. מען קען איבערהויפּט ניט קריטיקירען איין פילאָזאָפישען שטאַנדפונקט מיט אַ צווייטען, איבערהויפּט ווען די אויסגאַנגס־פּונקטען קענען ניט בעווייזען ווערען מיט עקספּערימענטען.

אָבער די שטאַרקסטע פיילען פון דער קריטיק איז געווענדעט קעגען די עקאָנאָמישע לעהרען פון מאַרקס.

אונזערע קריטיקער זיינען נישט שטאַרק איינגענומען פאַר דער טעאָריע פון מעהרווערטה און פון קלאַסען־קאַמפּף, וועלכע זאָגט אונז, אַז דער גגענזאַץ צווישען אַרבייט און קאַפּיטאַל ווערט אַלץ שאַרפער און שאַרפער ביז וואַנעט עס וועט קומען צו אַ קאַטאַסטראָפע — צו דער סאָציאַלער רעוואָלוציאָן.

די לאַגע פון די אַרבייטער קלאַסען — טענה'ן אונזערע קריטיקער — ווערט אַלץ בעסער און ממילא ווערט דער תהום צווישען דעם פּראָלעטאַריאַט און דער בורזשואַזיע אַלץ שמאָלער און פלאַכער און וויבאַלד אַזוי, טאָ איז די סאָציאַלע רעוואָלוציאָן לאו דוקא. דער קלאַסען־קאַמפּף וועט געווים האָבען אַ פרידליכען אויסגאַנג. אום צו בעקומען דעם נייעם סאָציאַליסטישען בנין איז מען גאָר ניט מחויב דעם איצטיגען שטאַאַט אין גאַנצען חרוב מאַכען, נאָר ביסלעכוויים איבערבויען, אַפּערירען, אונטערשטיצען אַזוי, אַז מיט דער צייט זאָלען מיר שוין ממילא האָבען אַזאַ אָרדנונג, ווי אונז געפעלט. יעדע רעפאָרמע פאַר דעם נוצען פון אַרבייטער־קלאַס — טענה'ן די רעוויזיאָניסטען — איז אַ ציגעל פאַר דעם נייעם סאָציאַליסטישען בנין און ממילא דאַרף יעדע רעפאָרמע בעטראַכט ווערען ניט נאָר אַלס אַ מיטעל, נאָר אַלס אַ

ציעל אַן און פאַר זיך. די סאָציאַליסטישע אָרדנונג — זעצט דער רעוויזיאָניזמוס פאַר — וועט ניט קומען דורך א קאַטאַסטראָפע, דורך א סאָציאַלע רעוואָלוציאָן, ווי דער מארקסיזם לערנט אונז, נאָר שטופּענווייז, עטאַפּענווייז און דורך יעדער אויסבעסערונג פון ארבייטער'ס לאַגע קומען מיר א שריט נעהנטער צום ענדציעל.

די הויפּט אויפגאַבע פון די קריטיקער איז אַלזאָ צו בעווייזען, אַז דער קלאַסען־קאַמפּף ווערט ניט פערשאַרפט און אַז די נעקסטע אָרדנונג דאַרף ערגייכט ווערען דורך רעפאָרמען אָבער ניט דורך א סאָציאַלע איבערקעהרעניס.

און דער רעוויזיאָניזם זוכט זיינע ארגומענטען צו בעווייזען מיט ציפער, מיט סטאַטיסטיק.

קודם כל וויל בעווייזען דער רעוויזיאָניזם, אַז דער פּראָצעס פון קאַפּיטאַל'ס קאָנצענטראַציאָן געהט ניט אזוי פּינקטליך, ווי מארקס האָט געשילדערט, אַז די מיטעל־קלאַסען ווערען ניט אזוי פּראָלעטאַריזירט, נאָר פערקעהרט, זיי ווערען נאָך גרעסער אין צאָהל, אַז די געזעלשאַפט ווערט ניט צושפּאָלטען אין צוויי פיינד־ליכע לאַגערען, אַז די לאַגע פון ארבייטער ווערט ניט ערגער, נאָר בעסער און ממילא האַלט מארקס' טעאָריע פון קלאַסען־קאַמפּף ניט אויס.

מיר האָבען דאָ ניט די מעגליכקייט זיך אריינצולאָזען אין צו־גרויסע סטאַטיסטישע אונטערזוכונגען. אונז וואָלט דאָס גע־ווים געוועזען לייכט צו טהאָן און צו בעווייזען מיט ציפער אין די הענד, אַז דער פּראָצעס קומט אין גרויסען און גאַנצען יא פאָר, ווי מארקס האָט פאָראויסגעזאָגט. אָבער אָנגענומען, אַז מארקס האָט ניט פּינקטליך פאָראויסגעזאָגט דעם סדר פון קאָנצענטראַ־ציאָן, איז מילא בכן? איז דעריבער זיין לעהרע פון מעהרווערטה ניט ריכטיג? מיר האָבען געזעהן, אַז די הויפּט פונדאַמענטען פון'ם וויסענשאַפטליכען סאָציאַליזם איז דער היסטאָרישער מאַ־טעריאַליזם און די מעהרווערטה טעאָריע. די טעאָריע פון קאָנ־צענטראַציאָן איז בלויז אַן א י ל ו ס ט ר א צ י א ן און געהער ניט צו די הויפּט יסודות פון'ם מארקסיזם. מיר וועלען זיך דע־ריבער ניט אריינלאָזען אין חקירות און פּלפּולים צי ראַקעפעלער און מאָרגאַן האָבען אין זיך קאָנצענטרירט אזוי פיעל אָדער א קלענערע צאָהל אינדוסטריען, הגם עס איז לייכט צו בעווייזען,

אַז די גרויסע טראָסטס האָבען אַלץ פערכאַפּט, פּונקט ווי מאַרקס האָט פאָראויסגעזאָגט.

ווייטער, דער מיטעל־קלאַס פּראָלעטאַריזירט זיך ניט, די צאָהל פון די קליינע בעטריבען ווערט גרעסער — טענה'ן די רע־וויזיאָניסטען.

אָבער דערמיט, וואָס זיי ווערען גרעסער אין צאָהל הייסט נאָך ניט, אַז זיי ווערען שטאַרקער אַלס אַ קלאַס. זיינען דען ניט די קליינע לייט אין גאַנצען אָבהענגיג פון די גרויסע און מעכ־טיגע טראָסטס? און זיינען דען ניט די קליינע בעטריבען פער־משכון'ט ביי די גרויסע קאַפּיטאַליסטען? און ווייסען מיר דען ניט, אַז פיעלע קליינע בעטריבען געהערען פּאַקטיש צו איין מילי־אָרדער? זיינען דען טשיילד'ס רעסטאָראַנען, וועלכע געהערען צו ראָקעפעלער, אַן אויסנאַהמע, וואו איין מיליאָרדער איז דער אייגענטימער פון אַ סך קליין־בעטריבען?

מען זאָגט אונז ווידער, אַז די לאַגע פון אַרבייטער ווערט אַלץ בעסער און ניט ערגער. אמת, די לאַגע פון אַרבייטער ווערט בעסער, היינט לעבט זיך יעדען אַרבייטער בעסער ווי מיט איניגע צעהנדליג יאָהר צוריק, אָבער ווי אַזוי איז די לאַגע געוואָרען בעסער? איז דען די אויסגעבעסערטע לאַגע ניט צו פערדאַנקען דעם זעלביגען קלאַסען־קאַמפּף? זיינען דען די אויסבעסערונגען, די רעפאָרמען אַנדערש, ווי געוויסע פּאָזיציאָנען, וועלכע דער אַר־בייטער־קלאַס האָט ערוואָרבען דורך קאַמפּף? און האָבען דען די אַרבייטער אָרגאַניזאַציאָנען, די פּאַרטיי און די טרייד־יוניאָנס, ניט געפיהרט צו דיזע זיעגען. אויב מיר זאָלען אפילו אָננעמען, אַז מאַרקס האָט געזאָגט, דאָס דער זאָגענאַנטער „פערעלענדונגס פּראָצעס“ וועט פּאָרקומען, האָט ער דאָך דאָס נאָר געזאָגט, ב א ם, אויב די אַרבייטער וועלען לאָזען זייער מזל ביי דער קאַפּיטאַליס־טישער ענטוויקלונג, וועט זייער לאַגע ווערען אַלץ ערגער און ער־גער. אַזוי אָבער, ווי דער „פערעלענדונגס פּראָצעס“ צווינגט די אַרבייטער זיך צו אָרגאַניזירען פּאָליטיש און עקאָנאָמיש, טאָ ממילא ווערט די לאַגע פון די אַרבייטער ניט ערגער און דער פערעלענ־דונגס פּראָצעס קומט ניט פאָר.

אָבער בכלל איז דאָ „מעקרא דדינא פרכא“, די גאַנצע „פער־עלענדונגס טעאָריע“ האָט גאָר ניט די בעדייטונג, וועלכע אונ־

זערע קריטיקער מיינען. ניט די לאַגע פון די אַרבייטער ווערט ערגער אַבסאָלוט, נאָר רעלאַטיוו, בנוגע צו די אַנדערע קלאַסען. עס איז טאַקי ריכטיג, אַז היינט לעבט זיך די אַרבייטער בעסער, ווי אַמאָל, אָבער דערפאַר זיינען דאָך די אונטערנעמער נאָך רייי־כער געוואָרען, און אויב מיר ווילען וויסען אויב די לאַגע פון די אַרבייטער ווערט בעסער אָדער ערגער, טאָ דאַרפען מיר עס פער־גלייכען מיט דער לאַגע פון זייערע געגנער. פערגלייכט דעם וואוקס פון רייכטום און די אויסבעסערונגען אין דעם אַרבייטער׳ס לאַגע, וועט איהר זעהן, אַז דער וואוקס פון רייכטום איז געגאַנגען אַ סך שנעלער, ווי די אויסבעסערונגען פאַר׳ן אַרבייטער. דער מעהרוועדטה איז היינט אַ סך מעהר, ווי אַ מאָל, און ווערט וואָס ווייטער אַלץ גרעסער און וויבאַלד, אַז דער מעהרווערטה ווערט גרעסער, טאָ ממילא ווערט אויך די אונבעצאָהלטע אַרבייט גרע־סער. אויב די אַרבייטער עסען, און וואָהנען היינט בעסער ווי אַמאָל, האָ־בען זיי אָבער אַ קלענערען חלק אין דעם רייכטום, וואָס זיי שאַפען, ווי אַמאָל. דער געגענזאַץ צווישען אַרבייט און קאַפּיטאַל ווערט לכל הדעות שטאַרקער.

מיר ווילען דערמאָנען נאָך אַ פּונקט, וואָס ווערט געגען אונז אַרויסגעשטעלט, איבערהויפּט דאָ אין אַמעריקאַ. דער פּראָלעטאַ־ריאַט ווערט גאָר ניט די מאַיאָריטעט פון דער בעפעלקערונג — בעווייזט מען אונז מיט אותות ומופתים — און ממילא קען זיין, אַז ביי אַ צוזאַמענשטויס וועט גאָר ניט געווינען דער אַרבייטער־קלאַס.

אויב די לעזער האָבען אויפמערקזאַם געלעזען אונזער ווערק, האָבען זיי געווים בעמערקט, אַז מיר האָבען ווייניג וואָס דערמאָנט די מאַיאָריזירונג דורכ׳ן פּראָלעטאַריאַט, ווייל מיר האַלטען דאָס, איבערהויפּט, ניט פאַר אַ וויכטיגען בעשטאַנד טייל אין מאַרקס׳ לעהרע. מאַרקס אַליין האָט דאָס נאָר אויך בענוצט אום צו מאַכען בולט׳ער דעם זיעג פון אַרבייטער־קלאַס, פאַקטיש איז דער זיעג פון פּראָלעטאַריאַט ניט אָבהענגיג פון דעם, וואָס ער וועט זיין די מאַיאָריטעט, נאָר פון דעם, וואָס ער בילדעט די עקאָנאָ־מישע מאַכט. יעדער קלאַס, וועלכער האָט די עקאָנאָמישע

מאכט, מוז פריהער אָדער שפּעטער אויך בעקומען די פּאָליטישע מאכט, און עס איז דערביי אַ קליינע נפקא מינה צי דער קלאַס איז די מאַיאָריטעט פון דער בעפעלקערונג אָדער ניט.

אונזער בטחון אין זיעג איז ניט דערפאַר, וואָס מיר וועלען זיין מעהר אין צאָהל, נאָר דערפאַר, ווייל מיר זיינען די ברויט־געבער פון דער געזעלשאַפט. מיר צאָהלען די מאה און ממילא מוזען מיר האָבען די דעה. אַזוי איז אויך געווען אין דער גאַנ־צער געשיכטע. דער עקאָנאָמיש־שטאַרקסטער קלאַס איז אימער געווען דער פּאָליטישער הערשער, אפילו ווען ער האָט געבילדעט אַ קליינע מאַיאָריטעט.

אין מיטעלאַלטער זיינען די פעאָדאַלען געווען דער הערשענ־דער קלאַס, ווייל זיי האָבען געבילדעט די עקאָנאָמישע מאכט, פון זיי האָט זיך געווענדעט די חיונה פון פאָלק און ממילא זיינען זיי אויך געוואָרען די שררות, די הערשער אין פאָלק.

ווען דאָס קאַפּיטאַל איז געוואָרען די מעכטיגסטע עקאָנאָ־מישע מאכט אין אונזער לעבען, האָבען די קאַפּיטאַליסטען גע־קראָגען די פּאָליטישע מאכט, הגם אין צאָהל זיינען די קאַפּיטאַ־ליסטען גאַנץ ווייניג.

איצט, ווי מיר האָבען געזעהען, געהט די עקאָנאָמישע מאכט אַלץ מעהר איבער צום אַרבייטער־קלאַס, ער ווערט דער פאַר־שטעהער פון די פּראָדוקטיווע קרעפטען, ווי דער היסטאָרישער מאַ־טעריאַליזם לערנט אונז, ער ווערט דער הויפּט שפּייזער פון דער געזעלשאַפט, ווי די מעהרווערטה טעאָריע לערנט אונז — מיט איין וואָרט, ער ווערט דער עקאָנאָמיש־שטאַרקסטער קלאַס און ממילא וועט ער אויך מוזען מיט דער צייט ווערען דער פּאָליטישער הערשער.

דער זיעג פון פּראָלעטאַריאַט איז געזיכערט.

ב) די אַמעריקאַנער ווירקליכקייט בעשטעטיגט דעם וויסענשאַפטליכען סאָציאַליזם.

אום יוצא צו זיין לכל הדעות וועלען מיר אויך ברייננען אַבי־סעל סטאַטיסטיקע און טאַקי פון דער אַמעריקאַנישער ווירק־ליכקייט.

אין 1912 האָט דער הויפּט סטאַטיסטיקער פון דער צענזוס

ביורא אין וואשינגטאן, דזשאזעף א. היל, פערעפענטליכט איינינע רעזולאטען פון דער לעצטער סטאטיסטישער אונטערזוכונג. די פערעפענטליכטע ציפערען זיינען זעהר אינטערעסאנט, זיי גיבען אונז א קלארען בעגריף איבער דעם וואוקס פון רייכטום אין לאנד און ווי דאס רייכטום ווערט פערנאנדערגעטיילט, זיי ווייזען אויך אויף דער ענטוויקלונג פון דער אינדוסטרי, אויף די צאהל אינ־דוסטרי ארבייטער, אויף די שכירות — מיט איין ווארט זיי ווארפען א קלארען ליכט איבער די ענטוויקלונג פון עקאנאמישען לעבען אין אמעריקא.

דאס רייכטום פון אונזער לאנד האט בעטראפען אין יאהר 1900, לויט דעם חשבון פון דעם צענזוס ביורא, 88,500 מיליאנען. די בעפעלקערונג פון די פעראייניגטע שטאאטען איז דעמאלט גע־ווען רונד 76 מיליאנען. ווען דאס רייכטום וואלט דאן, למשל, פערטיילט געווארען, וואלט אויסגעקומען אויף יעדען קאפ פון דער בעפעלקערונג (מאן, פרוי און קינד) א קימא לן פון עטוואס אי־בער $11.64.

אין יאהר 1910 האט זיך פערמעהרט די בעפעלקערונג פון לאנד אויף 92 מיליאנען, דאס רייכטום פון לאנד אבער האט זיך פערגרעסערט ביז אויף 142,000 מיליאנען דאלאר. אין דער צייט ווען די צאהל איינוואהנער פון די פעראייניגטע שטאאטען האט זיך פאר די 10 יאהר פערגרעסערט נאר אויף 21 פראַ־צענט, האט זיך דאס רייכטום פון לאנד אבער פערגרעסערט אויף גאנצע 60 פראצענט.*)

*) אגב אורחא וועלען מיר דא אויפמערקזאם מאכען אויף דעם פאקט, אז דאס רייכטום וואקסט א סך שנעלער, אין א גרעסערער פראפארציע, ווי די בעפעלקערונג. דער מאלטוזיאניזם, וואס ווערט זעהר אפט אויסגענוצט קעגען דער מארקסיסטישער וועלט אנשויאונג, איז, ווי בעוואוסט, גע־גרינדעט אויף דער טעאריע, אז די מאס לעבענס מיטעל, דאס רייכטום, הייסט עס, פון א לאנד וואקסט ניט אין אזא שנעלער פראפארציע, ווי די בעפעלקערונג. די בעפעלקערונג וואקסט, לויט מאלטוס'ן, אין א גע־אמעטרישער פראפארציע, און די מאס לעבענסמיטעל אין אן אריפמעטישער פראפארציע.

די אנגעצייגטע ציפער ווייזען פונקט דעם היפך פון מאלטוס' בעהויפ־טונג. זיי ווייזען, אז פאר די לעצטע צעהן יאהר איז אין די פעראייניגטע שטאאטען דער וואוקס פון דעם רייכטום געגאנגען פיעל שנעלער, ווי דער וואוקס פון דער בעפעלקערונג.

ווען מען וואָלט אין 1910 פערטיילט דעם רייכטום, וואָלט יעדער איינצעלנער בעקומען $15.43 (אנשטאַט $11.64 אין 1900). א געוועהנליכע פאַמיליע פון פינף פערזאָנען (מאַן, פרוי און דריי קינדער) וואָלט בעקומען $77.15.

א בעזונדערס גרויסען פאָרשריט ווייזט די אינדוסטריע, די פ א ב ר י ק-אינדוסטריע. אין יאָהר 1900 האָט בעטראָפען דער ווערטה פון די פּראָדוקטען, וואָס זיינען אויסגעאַרבייט געוואָרען אין די פעקטאָרים פון אונזער לאַנד, 11,407 מיליאָנען דאָלאַר, און אין יאָהר 1910 האָט דער ווערטה געשטיגען ביז אויף 20,672 מיליאָנען, א העכערונג, אלזאָ, פון 81 פּראָצענט. עס איז זעלבסט־פערשטענדליך, אז דאָס וואָס דער ווערטה פון די פּראָדוקטען איז געשטיגען אויף 81 פּראָצענט איז טיילווייז צו פערשרייבען אויפ'ן חשבון פון יקרות. יעדער אויסגעאַרבייטער פּראָדוקט אַן און פאַר זיך איז אין 1910 געווען טייערער, ווי אין 1900. אָבער דער יקרות האָט דאָך ניט טייערער געמאַכט אויף גאַנצע 81 פּראָצענט. אויב דער ווערטה פון די אויסגעאַרבייטע סחורות איז אין 1910 געווען מיט אזוי פיעל טייערער, ווי אין 1900, טאָ איז עס דער־פאַר, ווייל די צאָהל אויסגעאַרבייטע פּראָדוקטען גופא איז שטאַרק געוואָרען גרעסער — די אינדוסטריע גופא האָט זיך שטאַרק ענט־וויקעלט. און די פערגרעסערונג פון דער אינדוסטריע האָט, זעלבסט־פערשטענדליך, שטאַרק פערגרעסערט די צאָהל אינדוסטריע אַר־בייטער.

אין יאָהר 1900 זיינען אין די פעראייניגטע שטאַאטען געווען 4,712,763 אינדוסטריע־אַרבייטער (א חוץ בעלי מלאכות און די, וועלכע זיינען בעשעפטיגט אין דעם בוי־פּראָפעסיאָן — בילדינג טרייד); אין 1910 זיינען געווען 6,615,046 אינדוסטריע־אַרביי־טער. די צאָהל פּראָלעטאַריער האָט זיך פאַר די צעהן יאָהר פער־גרעסערט אויף 40 פּראָצענט!

די בעפעלקערונג האָט זיך, ווי מיר האָבען דאָ געזעהען, פער־גרעסערט אין 10 יאָהר צייט, 1900—1910, נאָר אויף 21 פּראָ־צענט און די פּראָלעטאַריער — אויף גאַנצע 40 פּראָצענט. וואָס הייסט דאָס? דאָס הייסט, אז עס געהט אין די פעראייניגטע שטאַאטען פאָר דער פּראָצעס פון פּראָלעטאַריזירונג, פונקט, ווי מאַרקס האָט פאָראויסגעזאָגט.

די סטאַטיסטיק ווייזט אונז אָבער ניט נאָר, אַז די געזעלשאַפט ווערט אַלץ מעהר פּראָלעטאַריזירט, זי ווייזט אונז אויך, אַז דער תהום צווישען די פּראָלעטאַריער און די בעזיצענדע קלאַסען ווערט אַלץ טיעפער און ברייטער, און אַז דעם פּראָלעטאַריאַט'ס חלק אין דעם רייכטום פון לאַנד ווערט אַלץ קלענער.

אין 1900 איז דער יעהרליכער דורכשניטליכער לוין פון יע־דען ארבייטער געווען 426 דאָלאַר. אין 1910 האָט דער לוין בע־טראָפען 518 דאָלאַר אַ יאָהר. אין פערלויף פון 10 יאָהר איז אַלזאָ דער יעהרליכער לוין געשטיגען אויף 22 פּראָצענט.

דער רייכטום איז, ווי פריהער אָנגע־וויזען, פערגרעסערט געוואָרען אויף 60 פּראָצענט אָבער די שכירות האָבען זיך געהעכערט ניט מעהר, ווי אויף 22 פּראָצענט. און אפילו דיזע העכערונג איז פאָרגע־קומען נאָר אין בעצוג צו געלד־שכירות. רעכענט מען די שכירות אין פּראָדוקטען, וואָס מען קען פאַר זיי קריגען, קומט אויס, אַז די ארבייטער האָבען אין 1910 בעקומען מיט 18 פּראָצענט ווע־ניגער, ווי אין 1900. דער פּרייז פון די לעבענסמיטעל איז אין די 10 יאָהר געשטיגען אויף 40 פּראָצענט. עס קומט דעריבער אויס, אַז די רעאַלע וויידזשעס זיינען פון 1900 ביז 1910 ניט גע־שטיגען, נאָר געזונקען.

אויך די קאָנצענטראַציאָן פון קאַפּיטאַל ווערט בעשטעטיגט דורך דער פערעפענטליכטער סטאַטיסטיק.

עס איז אמת, אַז די צאָהל פון פאַבריקען האָט זיך פערגרע־סערט פון 207,514 אין 1900 ביז אויף 268,491 אין יאָהר 1910, אָבער די צאָהל ארבייטער, די סומע פון די פעראַרבייטע רויהע מאַטעריאַל און די סומע פון די אויסגעאַרבייטע פּראָדוקטען, איז געשטיגען אין אַ סך אַ גרעסערער פּראָפּאָרציע, ווי די צאָהל פאַב־ריקען.

אין 1900 איז דורכשניטליך אין יעדער פאַבריק געווען בע־שעפטיגט נאָר 23 ארבייטער, אין 1910 האָבען דורכשניטליך גע־ארבייט אין יעדער פאַבריק צו 25 ארבייטער. דער ווערטה פון די פּראָדוקטען, וואָס זיינען אויסגעאַרבייט געוואָרען אין יעדער

פאַבריק, איז אין 1900 געווען 54,969 דאָלאַר און אין 1910 — 76,993 דאָלאַר.

דאָס רויה מאַטעריאַל, וואָס איז פעראַרבייט געוואָרען אין 1910, האָט בעטראָפען 12,141 מיליאָנען דאָלאַר, דער ווערטה פון אַלע אויסגעאַרבייטע פּראָדוקטען האָט בעטראָפען 20,672 מיליאָנען דאָלאַר. דער ווערטה, וואָס איז צוגעקומען דורך דער פעראַרבייטונג, האָט בעטראָפען 8,531 מיליאָנען דאָלאַר. אין 1900 האָט בעטראָפען דער ווערטה, וואָס איז צוגעקומען צו דעם רויה מאַטעריאַל אַ דאַנק דער פעראַרבייטונג, נאָר 4,831 מיליאָנען דאָלאַר.

עס איז זעלבסטפערשטענדליך, אַז דער אונטערשייד צווישען דעם ווערטה פון דעם פאַרטיגען פּראָדוקט און דעם ווערטה פון רויה מאַטעריאַל איז ניט אין גאַנצען ריינע פּראָפּיט. מען דאַרף נאָך דערפון אַרונטעררעכענען די שכירות, די אָבנוצונג פון די מאַשינעס, די געביידען, אינשורענס א. א. וו. אָבער נאָך דעם, ווי דאָס אַלעס וועט אַרונטערגערעכענט ווערען, בלייבט אַלץ אַ גענוגענדע סומע פאַר פּראָפּיט. און דיזע סומע האַלט אין איין וואַקסען. די צאָהל אינדוסטרי אַרבייטער האָט זיך פערגרעסערט אין 1900-10 אויף 40 פּראָצענט, אָבער די סומע מעהרווערטה, וואָס די אַרבייטער האָבען פאַר דער צייט בעשאַפען, האָט זיך פערגרעסערט אויף 97 פּראָצענט.

ווען מיר שטודירען גוט די אַמעריקאַנישע ווירקליכקייט און די ענטוויקלונג פון דער אינדוסטרי, זעהען מיר אַז די לעהרען פון מאַרקס ווערען אין אַלע איינצעלהייטען בעשטעטיגט.

דער מעהרווערטה שטייגט, דאָס קאַפּיטאַל קאָנצענטרירט זיך, דער פּראָצעס פון פּראָלעטאַריזירונג קומט פאָר, דער חלק פון'ם פּראָלעטאַריאַט אין דעם רייכטום פון לאַנד פערקלענערט זיך — מיט איין וואָרט, דער געגענזאַץ צווישען אַרבייט און קאַפּיטאַל ווערט אַלץ גרעסער און דער קלאַסען־קאַמפּף אַלץ שטרענגער און שאַרפער.

אויסגאַבען פון דער אידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציאָן פון אַמעריקאַ

1. ב. האָלצמאַן. די אַמעריקאַנער רעגיערונג,
96 ז., פּרייז 10 ס.
2. אללאַן בענסאָן. דער שטייגענדער יקרות,
22 ז., פּרייז 5 ס.
3. מאָררים הילקוויט. דער סאָציאַליזם,
96 ז. פּרייז 10ס.
4. אָסקאַר אַמערינגער. אָנקעל סעם'ס לעבען און אויפטהו,
64 ז., פּרייז 5 ס.
5. יודזשין וו. דעבס. יוניאָניזם און סאָציאַליזם,
32 ז., פּרייז 5 ס.
6. „דאָס אידישע יאָהרבוך, 1914,
112 ז., פּרייז 25 ס.
7. די מלחמה. זאמעלבוך,
64 ז., פּרייז 12 ס.
8. א. ש. זאקס. די לעהרע פון סאָציאַליזם,
152 ז., פּרייז, בראָשירט 25 ס., געבונדען 40 ס.
9. דאָס אידישע יאָהר בוך, 1915,
160 ז., פּרייז 25 ס.

„דער אידישער סאָציאַליסט"

צוויי וועכענטליכע שריפט

פאַר פּראָפּאַגאַנדא, דיסקוסיאָן און קריטיק

פּרייז : 25 סענט פאַר 6 מאָנאטען.
50 סענט פאַר 1 יאָהר.

פערלאַג פון דער

אידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציאָן פון אַמעריקאַ

The Jewish Socialist Federation of America
175 East Broadway, New York, N. Y.